ב ל=|באַלב| - טייטש: ניט, זאָלסט ניט; באַשטאַנדטייל פון
א ריי ווערטער-באַהעפטן מיטן אַלגעמיינעם באַטייט
פון 'אַרבעטן, [illegible] 'ניט טאָן עפּעס.

(כּפֿ לאַ-יאַהוד-געלט.)

בל-יחרץ-געלט |באַל-יעכרעץ-געלט| - דאָס, =ן. (שש)
שוחד, כאַבאַר, געלט וואָס מע גיט עמעצן, ער זאָל
שווייגן, ניט אויסזאָגן, ניט מסרן, ניט שטערן
עמעצן אין אַ געוויסן ענין.

1881 " קאָרג רייסט מען די הויט פון די געמיינע
בעלי-בתים: |...| היטציעל |=ציצל?|-געלט, פּאַזשאַרנע= 2
געלט |פאַר די פייערלעשער|, בל-יחרץ-געלט ,
עירוב-געלט, צאַפּגעלט וכדומה |...|". מ. דלוגאַטש,
די וועלט-מסורה, וואַרשע, ז' 32 - 33.

בל-יעבור |באַל-יאַאַוואָר| - ס'רוב גענוצט אין דער
פראַזע: יהרג-ובל-יעבור |יעהאַרעג אוּוואַל יאַאַוואָר|
- (לל) ווען [illegible] די עבֿירות וואָס אַ פרומער ייִד טאָר ניט
טאָן, אפילו אין אַ סכנה, מיט זאָל אים דערפאַר הרגענען.
(למשל, שמד, זנות): עבֿודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים
(פּסחים כ"ה).

בל-יראה |באַל-יעראָע| - פר. (לל) ס'טאָר ניט געזען
ווערן, ניט לאָזן פאַר די אויגן.

|...?| " ווילן קיין ליטוואַק נישט צולאָזן צו קיין
עליה אפילו שמחת-תורה... מען זאָל ניט עובר זיין 3-ברושי
אויף בל-יראה". פּרץ, שטעט און שטעטלעך.

בל-יראה ובל ימצא |...אוּוואַל יימאָציי| - פּר. (לל)
דזוו דפּוו, עמפּאַטישער.

|...?| " ער טאר פון אים ניט מער קיין הנאה האבן,
איז ער דאך ווי אין זיין באזיץ, ער זאל דערויף
עובר זיין אויף בל-יראה ובל ימצא". |זאלקינד איבז?|
בבא קמא, כט/ב.

בל-תשקצו |באל-טעשאַקצו| - פר. (לל) איר זאלט זיך ניט
מיאוס מאכן, ניט פאראומרייניקן.

1910 " און ווען ער שפירט |...| אז ער דארף טאָן
זיין באדערפעניש, טאר ער זיך ניט איינהאלטן, 9 באד 1553
כדי ער זאל ניט עובר זיין אויף דעם לאוו פון
דער תורה בל-תשקצו". |מחבר?|, ספר נפלאות אלימלך,
פיעטריקוב, ז' 2.

בל-תשחית |באל-טאַשכיס| - זאלסט ניט צעשטערן,
ניט פארדאַרבן, ניט קאַליע מאכן; געניצט אין דער
פראַזע:

עובר זיין אויף בל-תשחית - (לל) ניט פאלגן
דעם פארבאט צו צעשטערן, קאליע מאכן א זאך,
פארניצן עפעס אומנייטיק, אָן א זינען.

1864 " ווער ניט האט קיין וואסער צו וואשן |נטילת-
ידים|, איז אויך מותר מיט שכר און אנדערע משקין 7
|געטראנקען| צו וואשן, איז ניט עובר מיט דעם
אויף בל-תשחית". הרב א. ברודא, הליכות עולם,
אונגוואר, דף כא - !!.

... " איר נעמט נייע הויזן און מאכט א תל, עובר
אויף בל-תשחית!" . שע, פונעם יאריד, !, צום אויס... 8
ז' 64.

ב ל א |בעלוי| I - פארט. (כעס) 1. ניין, ניט, ניטע. % אלץ וועסטו פועלן, אבער געלט - בלא!.

ברושי ... " א קערבל? - בלא!". שע, רוף מיך קנאקניסל, ציט...

1907 " אלעס |...| האב איך דיר נאך געגעבן, יעצט

13 ווילסטו מיך מאכן פאר א נאר |...|, ניין, בלא. בלא זאגסטו? זאג איך דיר, אז עס קאן אנדערש ניט זיין". י. גארדין, די געברידער לוריא, ווארשע, ז' 30.

2. אויסרוף מיטן באטייט פון א ווארענונג, געניצט אין דער פראזע 'יהודי בלא!".

1873 " |זי| האלט דעם קאפ גלייך, ווי זי וואלט דערמיט געזאגט: יהודי בלא! האלט זיך |...|". ממוס, קליאטשע, ווילנע, קאנק: 392430.

1961 " יהודי בלא, טראגט אף די עצמות |...|". יִט, תמוז, VII/1.

ב ל א |בעלוי| = II - באשטאנדטייל פון א צאל אדוו פר, מיטן באטייט פון נעגאציע: אָן, ניט=, אום=.

|| בלא=בושה |בעלוי בושע| - אדוו פר. אָן בושה, אומפארשעמט.

... " וואס געשריבן, זאגט ער, דארף מען היטן, //

15 און וואס יענע טראכט אויס, // ווארף בלא=בושה עס ארויס". ממוס, יודל, ציט אויטג "מענדעלי", ווארשע,.... ז' 115

פּפ בלי=גוזמא.

בלא-גוזמא |בעלוי-גוזמע| - אדוו פר, אָן גוזמא, אָן איבערצוטרייבן. % אין דעם שטעטל איז אוודאי דאָ בלא=גוזמא צען חסידים-שטיבלעך.

... "|...| חדרים און חדרימלעך, בלא גוזמא,

כמעט ביז צוואנציק". שע, ערשטער ראמאן,

ציט. אלוועל.........

בלא=דבר |...דאוואָר| - אדוו פר. אָן קיין שום זאך,

מיט גארנישט.

1895 " נאר דער רבי מיט ר' מחינצען |נחומציען?|

מוזן נעבעכ בחינם, בלא=דבר אָפקומען |...|". 16

ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 179.

בלא=דריי - אדוו פר. (שש, שפאסיק) אָן געגנאַרעריי,

אן חרטה. % גוט, איך וועל מאכן מיט דיר דאס

געשעפט, אבער ס'זאל זיין אלץ ארנטלעך, בלא=דריי!".

|זען אויך בלא=חרטה|.

בלא=חופה-וקידושין - |...כופע=וועקידושן| - פר. 113ע

אן צו חתונה האבן לויטן יידישן דין. % דאס

דאזיקע פּערל, רחמנא לצלן, וווינט בלא=חופה-וקידושין. נ?

בלא=חרטה |...כאראָטע| - אדוו פר. (שש, שפאסיק)

ניט חרטה צו האבן, אן צו כאפן צוריק.

... " איך זאג וועל איך דיך בעטן, בעני - בלא=

חרטה ובלא=דריי, דאס הייסט: א גאנג זאל זיין 18

א גאנג!". שע, חנוכה-געלט, מעשיות פאר

אידישע קינדער II, ציט אויסג, נ"י... ב'..,ז'33.

בלא=יודעים |...יוידים| - אדוו פר. (לל).

1. ניט וויסנדיק, אומגערן, ניט ווילנדיק. %בלא=

יודעים האב איך אים גורם געווען א שאָדן.

1955 " |...| האבן די קאָפּיסטן געוויס ארייגעטראגן

אהין |אין די דאקומענטן| ביודעים און בלא=יודעים,

שפראכיקע עלעמענטן פון זייער צייט". מון,

ישפ XV - 1, ז' 16.

2. אז מע (קיינער) זאל ניט וויסן.

... " בלא יודעים, הינטן ארום האט מען אים צוגעטיילט עטלעכע רובל א חודש". ש. דובנאוו, די געשיכטע פון מיין לעבן. (ברושי)

בלא-יודעימדיק - אדי. (לל) אומבאוווסט, אומבאקאנט, אומוויליק.

1922 " דער גרעסטער טייל פון דעם מענטשנס נשמה באשטייט פון אומבאוווסטע, בלא-יודעימדיקע מאמענטן". 18/א
ש. ז. פוגצ׳וב, פארוואס דארפן מיר א העברעאישע שול, ווארשע, ז' 17.

בלא-יומו |...יוימוי| - אדוו פר. (לל) פאר דער ציים, יונגערהייט. % ער איז אוועק פון דער וועלט בלא יומו, סך-הכל אלט געווען א יאר פערציק. ?נ?

בלא-כחל-ובלא-שרק |...קאכל אוועלוי סאָרעק| - פר. (לל) ניט-צוגעפארבט און ניט-צוגעפוצט, אזוי ווי ס׳איז אין דער אמתן, אָן גוזמאות. % דו דערציילן מיר ניט קיין מעשיות, גיב מיר נאקעטע פאקטן בלא-כחל-ובלא-שרק. ?נ?

בלא-נדר - דזוו בלי נדר ( ---> ). ?נ?

... " אפילו אז מען דארף מנדר זיין לצדקה, גהער מען נאר צו זאגין בפירוש שאתן בלא נדר". 19
שלחן ערוך, |...| אויף עברי טייטש, |ווילנע?|, ז' 6.

בלא-עת |...אייט| - אדוו פר, פאר דער צייט, יונג-ערהייט. % זי איז געשטארבן בלא עת, געבעך, א ווייבל אין די צוואנציקער. ?נ?

אומגעזען,
~~...~~ (לל) נ~~...~~ . פר. אדוו - |ע(י)ר...| בלא=ראיה
אונטער די אויגן, אויף בלינד. % אַך אתרוג טאר
מען ניט קויפן בלא=ראיה.

... "אויף דער בלינד, בלא=ראיה, הייסט עס? - ארויס מיט
דער מטבע!". שע, שראגע.... ברושי

17 שטעלן בלא ראיה - אין קארטנשפיל מיינט איינשטעלן
אין קאַן, איידער מע זעט די קאַרט.

בלא=שום=ספק - |...סאָפּעק| - אדוו פר. אַן צווייפל,
זיכער, אויף זיכער; בלי=ספק.

1866 " פילע יידן האב איך דערוויסט אין דיזעם
|דאזיקן| לאנד |דאגעסטאן| און זיי זיינען 20
בלא=שום=ספרק אויך פון די עשרת השבטים". |אמד|,
די עשרת השבטים, ווילנע, ז' 10.

ב ל א I – דער, =ען, פפ: בלוי, (דיאל) בלאוו.

1. איינער פון די גרונטקאלירן פון דעם ליכטספעקטער, געפינט זיך צווישן גרין און פיאלעט. % טונקל בלא, העל בלא. דער בלא פון ים. מאלן די פענצטער אויף בלא.

1829 " |...| און מען האט געשניטן פעדעם צו מאכן אין צווישן דעם בלוי און אין צווישן דעם פורפור |...|". חח"ת, שמות לט – ג, [ארט?]. [אויסלייג מאדערניזירט דורכן איבערשרייבער?|. 2872

1934 " אין עקסטאז פון מיין באריר זיך שמעלצן די קאלירן – // בלא און פיאלעט". סוצ, ציט פון, I, ת"א, 1963, ז' 23. 2896/א

1133 ... " ס'בליען שאגאלישע בלויען". ז' 172. 31

1956 " און אפשטופן דעם ערשטן בלוי פון טאג האט ער באמיט מיט דעם בלוי פון זיינע אויגן". פמ, מלחמה, נ"י, ז' 146. 2853

2. איבערפלאך אדער אויסשפרייט (רוים, חלל) וואס איז בלא.

1920 " דורכן פענצטער וועסטו זען נאר פעלדער תבואה // און דעם אומבאגרענעצטן טיפן הימלס בלא". דא, גש, I, ווארשע, ל' 218. 32

1935 " זיצט ער, א פארזאגטער, אין די צארטע שיינען, // קוקט, ווי איוב, אלץ צום ווייטן בלא". אל, 613 לידער און פאעמען, II, ליד "איוב אין די קעטסקילס". נ"י, 1938, ז' 218. 33

1940 " דעם הימל אויסגעקלארט און אויסגעבלויט אזוי, // און דארט זיך אפגעשאטנט אינעם בלוי". אקש, מיזרעך און מייריוו, מאסקווע, ז' 59. 2854

3. די פארב (מאטעריאל), וואס מאכט בלא. % אנילין
בלא, בערלינער בלא. % דער מאליאר קויפט
עטלעכע פושקעס בלא צו פארבן די פענצטער.

1900 " |...| די פארב וואס בלייבט פון די |דעם|
בלוי מאכט די |דעם| ברוין טונקעלער". ש. שפירא, 2857
קליידער-פארבעריי, ווארשע, ז' 106.

בלאַ II - אדי/אדוו, פפ: בלוי, (דיאל) בלאוו.
וואס האט (איז אין) דעם קאליר בלא.

1856 " איינעם רופט מען דעם |דער| בערגאַדלער, און
דעם אנדערן |...| דעם בלויען אדלער, ווייל ער איז 2814
זייער בלוי |אדוו|". אמד, איי הים, ווילנע,
ז' 17.

1873 " איך האב שוין בה"ש אויף מיר א סך בלויע
צייכנס". ממוס, קליאטשע, ווילנע, קאנק:182110.

1921 " אָ, סיני-בארג! אין איבערגעקערטער שאַל פון
הימל— לעק די בלאַווע בלאָטע!". פמ, די קופע, 120
ווארשע, ז' ל.

1931 " ער האט ארויפגעשארצט דאס ארבעל און אים
געוויזן א בלאַע האנט". ווייס, גור, ב' IV, 45
ווארשע, ז' 197.

1963 " די אויגן זענען געווען א מאל בלוי, א מאל
גרין". באש, חורבן קרעשעוו, קאנק: 197/123-I.

|| בלאַינק - אדי/אדוו, פפא בלויינק, צערטל-
פארמע פון בלאַ. % בלאַינקע בלימעלעך. דער מוסטער
אויפן שטאף באשטייט פון בלאַינקע פאסיקלעך און
פינטעלעך.

1865 " |...| פון די גוטינקע ווייבעלעך מיט די
בלאַינקע ליפעלעך". ג. ראוויטש, ריב משפחה 40
|...|, ווילנע, ז' 10.

בל- 9ע

... " צי קענט איר, קינדערלעך, די קאָרן-שוועסטער-

ב/40 לעך |...| //, זיי וואקסן |...| בלאָנקע, ווי אייך געפעלט". דא, ליד קארנ-שוועסטערלעך.

בלאָיק - אדי/אדוו, פּפֿ בלוייִק. (ווי) בלאָ.

1954 " |...| מיט בענקשאפט צו בלוייִקער ווייט".

2922 י. ד. שארגעל, יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 497.

1966 " |...| סוף מאַפּט, ס'איז בלוייִק". [...]

2906 האל, מיין אויצער, מאסקווע, ז' 63.

בלאָיקייט - די, בא. די אייגנקייט פון זיין בלוייִק.

1940 " בלוייִקייט פון רוים". נחום יוד, [....?].

2923 "די בערג אין בלוייִקייט פארוויסט |?|". אפּא, לויטער איז דער קוואל...

בלאָלעך - אדי/אדוו. אָפּשוואַך-פּאָרמע. פּפֿ: בלוילעך,
בלא אין א שוואכערן, קבאפערן ניואנס. % דער קאליר פון דער בלוזקע איז שוין א ביסל אפגעקראכן, זעט אויס בלאָלעך.

1878 " ווען די זון פארגיים, איז ארום איר א בלאָלעכער

123 אדער א שווארצלעכער קרייז, איז א סימן אויף א שטארקער בורע |שטורעם|". איבז א"נ, ברוס, דער סטאָליעטניק, ווארשע, ז' 56.

1935 " דעם רבס פנים איז געווען בלוילעך [...]

צ/40 און געשוואלן". באש, קאנק: 91/402 - III.

1972 " די לעצטע זונשטראלן האבן באלד זיך אויס-

2954 געלאשן און בלוילעכע שאטנס האבן פאמעלעך צוגעדעקט די מארמארנע טאוולען |...|". חג, פאר, VIII/13.

6 בל-

בלאַלעכקייט - די, באַ. אייגנקייט אדער מצב פון
זייַן בלאַלעך.

1971 " |...| אַ פרייַלעכער ייִד, אַ גרויסלעכער, מיט
אַזאַ בלויִלעכקייט אין דער גרויסער באָרד". 2924
אי. קיפּניס, מײַן שטעטעלע סלאַוועשנע, ת"א, ז'....

בלאָקייט - די, באַ, פּפּ: בלויִקייט, בלאַווקייט.
אייגנקייט אדער מצב פון זייַן בלאָ.

1909 " אַ לײַכטע בלאָקייט פאַלט אַראָפּ פון הימל //
און ווערט אַלץ טונקעלער אויף דר'ערד". סעג, 1796
שטילע טרוימען, וואַרשע, ז' 6.

1928 " יעדער, אויף וועמען ס'ליכט פאַלט, פאַרגאַפט
זיך, זאַפּט אין זיך אַרייַן די בלויִקייט". אפּאַ, 3052
אַלע ווערק, ב' VI, ווילנע, ז' 214.

1931 " אין דער שיטערער דרויסנדיקער בלאַווקייט
איז דער גאַנצער כוטער נאָך געשלאָפן". ה. אַרלאַנד, 128
הרעבליעס, קאַרקאַוו, ז'...

0 בלאָאַדערדיק - אַדי/אַדוו, פּפּ: בלויִאַדערדיק. וואָס
איז מיט אַדערן פון אַ בלאָען קאָליר, טיילן זיך אויס
אַנזעעוודיק. דער זקן האָט בלאָאַדערדיקע געשוואָלענע
פיס.

1932 " קני צו קני, אין נאַקעטקייט געבלענדט, //
שפּאַנען בלויִאַדערדיקע פיס-קאַלאָנען". הל, 2900
סאַנעטן רינג, ציט גש, 1940, נ"י, ז' 260.

1964 " אַ ציטערדיקער פיר פון דער אַלטער בלויִאַדערדיקער
האַנט איבערן געטאַקטן נאַז |...|". י. קאַפּלאַן, 2899
שליאַך און אומוועג, ת"א, ז' 197.

בל 6 ה׳

בלאָויגיק - אדי/אדוו, פּפּאַ: בלויאויגיק, בלויאויגנדיק.
וואס האט בלויע אויגן. % דאס בלאנדע בלאָויגיקע
מיידל איז אים געפעלן.

" א מיטלוואוקסיקער, בלויאויגנדיקער ייד |...|". 1922
בראד, באגייסטערונגען. 2903

1936 " א ליבשאפט א בלאָויגיקע האט אנגעקלאפט אין
שויב". סוצ, ציט פון, I, ת"א, 1963, ז' 41. 42

1970 " |...| כ'האב זיי דעמאלט ליב געהאט, בלאָויגיק
לעבן מיינס, אָן חשד". מ. גייגרעשל, לידער, 41
ציט יזב סאנץ, ת"א, ז' 713.

בלאָבלוטיק - אדי/אדוו, פּפּאַ בלויבלוטיק. (פיג)
ייחוסדיק, אריסטאקראטיש, פון אן איידללייט-
משפחה. % דער באראָן גרגאַסט זיך מיט זיין
בלויבלוטיקן אָפּשטאם.

בלאָוואלדיק - אדי/אדוו, פּפּאַ בלויוואלדיק. (שנש)
ווי א בלאָער וואלד.
... "און טראג ארויף מיך, ווי א טויב, // אין דיין (?ב?)
בלויוואלדיק הויז". |פון וואנען די ציטאטע?|. 2933

בלאָ-ווייס - אדי, פּפּאַ בלוי-ווייס. 1. העל בלאָ.
1920 " עמעץ האט זיך פארבענקט, |...|// צו דעם
בלוי-ווייסן רוים |...|". דא, גש, I, ווארשע, 2934
ז' 15.

2. (וועגן ישראל-פאן) פון די קאלירן בלאָ און ווייס.
1968 " |...|מיר האבן פון אונדזערע וואגאן-פענצטער
ארויסגעהאנגען בלוי-ווייסע פענער". א. בייער, 2919
יזב אטוואצק, ת"א, ז' 573.

6 (ד) בל־

בלאַפּאַרביק - אַדי/אַדוו, פּפּ: בלויפּאַרביק. פון בלאָען קאָליר; בלאָ.

1921 " אַ קראַנץ פון בלויפּאַרביקע בלומען // פאַרוואַרפן זאָל ער אויף מיין האַלדז". סעג, קאַפּריזן, וואַרשע, ז' 133. 2936

בלאַקאָלירן |=ענע, =ענער| — אַדי. פון בלאָען קאָליר.

" האַלט דאָס מויל אָפן, אַ בלויקאָלירענע פּאַרע 1909 האָט פון דעם מויל געזעצט". בערג, אַרום וואָקזאַל, קאַנק: 512/54 - II. 41/א

בלאַשיין - די, בא, פּפּ: בלוישיין. (שנש) בלאָע שיין.

1940 " איבער אַלע שליאַכן // ליגט צעגאָסן בלוישיין |...|". אַפּאַ, לויטער איז דער קוואַל, נ"י, ז'... 2978

בלאַשריפט - דער/די, =ן. פּפּ: בלוישריפט. |יג, טמז 14/IV Blueprint|.

ל״ש: אויוו טייטשט: Blueprint: 1. דער ציאַנאַטיפּ. 2. דער פּלאַן, די סכעמע.

מינים און ניואַנסן פון בלאָ/בלוי:

הימל בלאָ/בלוי.

1928 " |...| שטיקער שווענקען זיך אין פאַרב, בלאַנקענדיק |...| מיט אַלערליי קאָלירן פון פּורפּור, אָכרע און הימל בלוי". ע. איזראַ, צייג, קיעוו, ז' 71. 3000 בל 1494

העל בלאָ/בלוי.

56 בל-

1873 " |...| העל בלוי, ווי דער פלאם פון דעם
אנגעצונדענעם שפירט". ממוס, קליאטשע,
קאנק: 363300.

טונקל בלאָ/בלוי.

1968 " מתים-אומעטום זעט מען מתים, מתים, טונקל בלויע
מתים, אין שמאטעס". ג. קוציק, יזב אטוואצק, 2880
ת"א, ז' 879.

אינדיגא בלאָ, בלאס בלאָ, וואסער בלאָ, ים בלאָ,
לופט בלאָ, מארין בלאָ, סאפיר בלאָ, עלעקטרע
(עלעקטריק)בלאָ, פערל בלאָ, פרייסיש בלאָ,
קינדער בלאָ |?|, קאבאלט בלאָ, קאדעט בלאָ |?|,
קיניגס בלאָ, שטאל בלאָ, תכלת בלאָ |סטוטש 302 א"א|.

פפ: בלאָ: ווי א בלימל צווישן קארן, ווי א
געהאנגענער, ווי א מילב, ווי א מילץ,
ווי א קעסל, ווי אין א גרויסן פראסט, ווי דער
הימל, ווי דער טייך, ווי דער ים, ווי וואסער,
ווי טינט, (איר) ווי מיינע געשעפטן |סטוטש 302|;
ווי א דערשטיקטער |ים, יישפ V - 4 - 6|; ווי
אונטערגעשלאגענע אויגן, ווי קרויט, ווי תכלת
| קטוו, 2897|.

בלאָ/בלוי אויג - בלאָע הויט נאכן קריגן א קלאפ; סיניאק.

1961 " |...| האט איר דער פאטער געמאכט א 'בלוי אויג',
ווייל זי האט געוויינט ביי נאכט". פ. עלמאר, 2902
פאר, אן/10.

בלאָע/בלויע אינטערעסן - |?| שלעכטע געשעפטן?

באמ: אויפן קארטל אנגעגעבן סטוטש 484 - אין דעם
אפטייל ניטא...

ח׳ 6 - בל

בלאע/בלויע (באנדע) - (שגל) " די קאמאנדע וואס האט
אויסגעליידיקט די וואגאנען נאכן אנקומען פון א
טראנספארט |יידן| קיין טרעבלינקע. זיי האבן
געטראגן בלויע בענדלעך (ג"ע, ייהא)" |בלום, יישפ
XVIII - 1|. (ז׳ 29)

בלא/בלוי בוך - דאקומענטן-זאמלונג פון א רעגירונג ו
וועגן א געוויסן ענין, ס'רוב וועגן אויסערן-ענינים.

1863 " דאס געלע בוך |אין פראנקרייך| איז אזא איין
ארט ווי דאס בלויע בוך אין ענגלאנד. דארט ווערן 2993
איינגעטראגן אלע דיפלאמאטישע אקטן". קמ, נ' 41,
ז' 646.

בלאער/בלויער בילעט - אין צארישן רוסלאנד דער
דאקומענט וואס האט באשטעטיקט דאס באפרייען פון
אקטיוון מיליטער-דינסט, בעת א מלחמה האט איינער מיט
א בלאען בילעט געדינט נאר אין הילפס-ארבעטן, ניט
אויפן פראנט.

1939 " איך בין געווען מיט דעם אשר מוטשניק פון
דעם זאפאסנע |רעזערוויסטן| פון די בלאע בילעטן
אין דער דינסט". ה. צ. טייטלבוים, שו"ת,
עצי חיים, סיגעט, דף צה/2.

בלא/בלוי=בילעטניק - א רעקרוט מיט א בלאען בילעט
|סטוטש 453|.

בלא/בלוי בלוט - אריסטאקראטישער ייחוס, אפשטאם
פון אדל. % ער שטאלצירט מיט זיין בלאען בלוט,
כלומרשט שטאמט ער פון א קיניגלעכער משפחה.

בלאע/בלויע הינטעלעך - בלאָטערלעך, בלעזלעך, אויסשיט.
... " מיט זיינע שארפע נעגל קאן ער אראפנעמען
'בלויע הינטעלעך' פון אונטער דער צונג". שע, 2995
פונ'ם יאריד, !!, ז' 60.

בל- 6

בלא/בלוי געפּעס/געשיר – דאָס, באַ. עמאַלירטע מעטאַלענע קיך-כלים | ווייל די ערשטע כלים אַזעלכע זיינען געווען בלאָע |. % זי איז אַ רייכע בעל-הביתטע, א פולע שאַפע מיט בלאָ געפּעס.

1937 " | ... | מיט בלאָגעפּעס וועט ער מיר האַנדלען אין מאַרק, צעלייגער מיינער!". מ. בורשטין, ביי די טייכן פון מאַזאָוויע, וואַרשע, ז' 107.

48

בלאָע/בלויע געשעפטן – שלעכטע געשעפטן, אַן רווח | סטוטש 498 |.

בלויע חלומות – שיינע אָבער אומרעאַלע שטרעבונגען, פאַנטאַזיעס,

(?נ?) 1932 " דער קאַמף צווישן רויטן ראָמאַנטיזם, וואָס באַזינגט דעם העראָיזם פון בירגערקריג | ... | און רייסט אויף די 'בלויע חלומות' פון די צאַרסטעטע עסטעטן". כ. דוניעץ, אָפּן שווועל | ... | זש' שטערן, נ' 10 – 11, ז' 147.

בלויער יאַנטשיק – (עלט) "עסטרייכישער קייזערלעכער באַנקנאָט פון די יאָרן 1918 – 1919 | ב. ראַבאָק, יישֹ XII | 2 |.

(?נ?) בלאָע/בלויע יאַרמלקע – הימל | סטוטש | 203 |.

בלויע מייטקעס – (עלט) "אַזוי האָט מען גערופן די פּעטליוראָווצעס | סאָלדאַטן אין דער אַרמיי פון אוקראַיִנישן העטמאַן פּעטליורא | אין דער צייט פון בירגערקריג | 1918 – 1919 | " | קטוו |. (?נ?)

6 - קל

בלויע פאליציי – 1. (אין צארישן רוסלאנד) די זשאנ-
דארמען, צום אונטערשייד פון די שטאטישע פאליציאנטן
("גאָראָדאָװאָי").

1904 " די בלויע פאליציי האט זיך געמאטערט צו דער-
שטיקן דעם שטרייק |...|". |איבז, װער?| 2998
ג. פלעכאנאװ, דער רוסישער ארבעטער |...|, זשענעװ,
ז' 63.

2. (אין פוילן 1919 – 1939 ) די פאליציאנטן, אנגעטאן
אין טונקל בלויע מונדירן, אויך "גראַנאַטאָװע"
פאליציי, צום אונטערשייד פון דער געהיים-פאליציי,
װאס איז געװען ניט-מונדירט.

בלוי-װייסע פושקע – די פושקע צו זאמלען געלט פאר
דעם "קרן קימת".

1967 " המעט אין יעדער [ייִדישער] שטוב איז געהאנגען
א בלוי-װייסע פושקע". מ. אבערהאנד, יזב 2935
~~[illegible]~~ בילגאריי, ת"א, ז' 85.

בלויער פויגל – (שש?) 1. אפעריסט, שווינדלער,
פארפירער.

1927 " |...| אומגליקלעכע מיידלעך, װעלכע זענען
געפאלן א קרבן פון פארברעכער און "בלויע פייגל" 2999
און אזעלכע זענען אין האליװוד פאראן א סך".
|איבז?|, קארין גריפיט, ווי אזוי קאן מען ווערן
א פילם-ארטיסטין, װארשע, ז' 12.

2. לעגענדארישער פויגל, װאס ברענגט גליק [לויט
מיטערלינקס פיעסע?|.

1971 " |...| װארט ער נאך אלץ אויף דעם "בלויען
פויגל", װאס פליט צו לאנגזאם און ער איז נאך 3031
צו מיין מאן נישט דערפלויגן". פאר, (אפטייל)
מענער און פרויען, VI/20.

6 מלא

<u>בלאָער/בלויער זאַק</u> — 1. (<u>איר</u>) וועגן אַ פּרוי, וואָס איז אין כאַראַקטער ניט פרויִש, טרוקן, פאַרטאָן נאָר אין געזעלשאַפטלעכער אָדער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

2. (<u>עלט</u>) איראָניש וועגן אַ פּרוי וואָס איז געווען אַקטיוו אין קאַמף פאַר פרויען־גלייכבארעכטיקונג.

<u>בלויער ראָק</u> — (<u>אמ?</u>) פּאָליציאַנט.

19...? " ער רירט זיך ניט פון אָרט, ביז אַ <u>בלויער ראָק</u> האָט אים אַנגענומען פאַרן קאָלנער און האָט אים אָוועקגעפירט אין סטיישען הויז |פּאָליציי־סטאַציע|". זש' <u>דיא נייע צייט</u>, נ' 1, שיקאַגאָ, ז' 13. 3033

<u>מאַכן ברוין־און־בלאָ</u> — פר, פּטמ <u>בלאָן־און בלאָ</u>/ <u>בלאָנע־בלאָ</u>. גוט צעשלאָגן, גוט אָנהרגענען, מאַכן ביילן, סיניאַקעס.

1873 " טו אים אַן געברענטן לייד, <u>מאַך אים ברוין־און־בלאָ</u> דאָס לייב, נאָר זיין גייסט, זיין נפש זאָלסטו היטן!". <u>ממוס</u>, <u>די קליאַטשע</u>, ווילנע, קאַנק: 1402270.

... " און שלאָגט אום מוט דער האַק <u>בלאָהן און בלאָה</u> ווינד און וויי". <u>שארית ישראל, ח"ש, מספּר</u> [?], <u>יוסיפון</u>, לעמבערג, 2965

... " נעכטן האָט ער מיך געשלאָגן, // <u>ברוין־און־בלאָ</u> האָט ער מיך געמאַכט". <u>פל</u>.

<u>זיין/ווערן ברוין־און־בלאָ</u> — האָבן/קריגן אַ קרענקלעכן אויסזען פון פנים.

... " איז זי אַריינגעפאַלן אין בעט אַריין, |...| צונויפגעקרעמפּעוועט די ציין, געוואָרן <u>ברוין־און בלוי</u>". <u>שע</u>, <u>~~[illegible]~~ אַן אָנגעלעגטער ברית</u>, <u>צום אלע ווערק</u>, ב'... נ"י, ז' 109. 2870

בלוי באשטיין - זיין אין א שלעכטן מצב, האלטן שמאָל (ס'רוב אין מאטעריעלע ענינים).

... " ריוועלע זאל אבער דארפן ארויסקוקן אויפן יעהופעצער נגיד אליין, וואלט זי בלוי באשטאנען". 2911

שע, גאלדשפינערס, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, ציט אויסג... ב' VI, נ"י, ז' 232.

... " גריבלען זיך אין א קופע מיסט און אויסזוכן א מאל א פערל - א גרינגע ארבעט, מע קאן פון איר בלוי באשטיין |...|". שע, אידישע שרייבער, ציט אויס, מארגן-פרייהייט, ב' 12, נ"י, ז"16. 2909

ווערן/זיין בלא אויפן הארצן - (דער) פילן זיך שלעכט אומבאקוועם, דערשרעקן זיך.

1889 " מען האט גערופן פאליצייסקי, מען האט ב"ה ארומגעזוכט און מען האט טאקע געפונען ביי מיר |...|. עס איז מיר געווארן זייער בלא אויפן הארצן". 14/א

ע. בלאשטיין, דיא פינסטערע וועלט, ווילנע, ז"76.

ווערן/זיין בלוי אונטער די זשאברעס - |דזוו דפוו?|. 2828

|דאס קארטל פאררופט זיך אויף נומער 593 פון סטוטש, דארט ניטא, אויך אין גרופע "שלעכטער מצב".|

ס'איז איר בלא אין מויל - וועגן א פרוי וואס שילט זיך, האט ליב זיך צו קריגן.

ס'איז אים (איר, זיי) בלא אונטער די אויערן - וועגן עמעצן אין א שלעכטן מצב, ס'רוב וועגן געשעפטן, מאטעריעלע לאגע.

1871 " ביי |דער| מאדאם ראזאליע איז שוין בלא אונטער די אויערן, דען זי האט שוין די צירונג פארזעצט". 37

אמד, דער אונגעבעטענער גאסט, ווילנע, ז' ...

1881 " און אגב האט ער זיך ווי אויסגערעדט, אז ביי

זאנשיינען איז בלא אונטער די אויערן, דאס הייסט, 35

ער האלט שמאל". א. י. סאפיר אויס מינסק,

חטאת הקהל |...|, II, ווילנע, ז' 6.

זאל זיין בלא, אבי ס'איז דא (שוו) - מע דארף זיין

צופרידן מיט וואס ס'איז דא, ניט איבערקלייבן צו 25

פיל.

ם בלא/בלוא/בלאב.

XV י"ה| " דוא טושט זיכר אונרעכט שפראכן דיא היידן

דא. // דוא זולט ניט נידר ואלן אודר מיר ווערדן

בלאָ". שב, סטראפע 92.

1610 " אונ' זיא זאלן מאכן דען בייא גורטיל גאלד

בלוא זייד |...|". מח, שמות, כח - 1. ביי-2060

1713 " גישטלט דש רעגין-בוגין, דר-דא איז אז גישטאלט

אז איין גילאז פול וושר, [א]ז מן שטעלט איין די 38

זון, דא שיינט דער-פון אליליא פרבין: גריך, בלאַ,

געל, וויש". מחזור, דיהרן-פארט, I - 130 B.

1775 " |...| אונ' האט אים מוט געשאסין אונ' האט

אים זייך בלאב רעקיל אויז גיציהן". שו"ת צמח צדק, 52

אמשטרדם, ציט הש I, ז' 221.

0 בלוא דארם.

1541 "|...| אונ' דען הט איין ביקש דר שושן, //

דעם גינג הרויש דער בלוא דארם" בב, ז' 175. 2991

בלאָ וואל.

1716 " בלא וואל אונ' פירפיל וואל פון דיא אינזלן

פון אלישה וואר דיין דעק איבר דער שיף". טהמ III 49

יחזקאל, כז - ז, ווילה(מ)רשדארף, דף קיב - II.

ב ל אָ א י ק - --> בלאָיק.

31 - 6 בל

ב ל א ב - ---> בלאַ.

(?נ?)

ב ל אַ ב ע ש ק ע ס - די, מצ, פּפּ: באַלאַבעשקעס. [illegible]
מיך געקעכטס? |סטוטשט 258| . [illegible] מעלשפּייז? [illegible],
באָלקעס געבאַקן אָדער אויסגעקאָכט ← ===: Ukr: балабушка

רעד: די גרופּע ביי סטוטשקאָוון שטימט ניט מיט דעם
אויסטייטש אין אוקראַיניש (שטיים ניט ביי געבעקסן).

ב ל אַ ג ע ן |האַרטער ״ל״| - טרוו. (פּאַל, נאַ) (?נ?)
שטאַרק בעטן. P: Błagać

1893 ״ אומזיסט האָבן זיך אַלע ביי אים געבלאַגעט,
געבעטן, אומזיסט אין די הענט געקושט, צו די
פּיס געפאַלן״. אד״ם, דער שפּיגעל פיר אַללע,
וואַרשע, ז׳ 19.

86

?נ? ב ל א ד א וו ע |אקצענט?| - |וולאדאווע?| שטאט אין
פוילן, צווישן שעדלעץ און לובלין.

?נ? „בלאדאווער חזירי בלאדאווער קאוואליעס" |קטוו| -
(שלש) צונאמענישן.

ב ל א וו - בלא.

?נ? ב ל א וו א ט נ י ק = עס. (פאל, נא).
שניטקרעמער, סוחר וואס האנדלט מיט מאנופאקטור,
טעקסטיל־שטאפן. p: bławatnik

ב ל א וו א ט ע ק - דער, מצ בלאוואטקעס.
קארנבלום, קארן־שוועסטערל (Centaurea cyanus),
מיסטגוויקס וואס וואקסט צווישן תבואות, האט
הימל בלויע בלימלעך. p: bławatek

1912 " אין דער זייט נעבן דער אלעע ציען זיך לאנגע
בייטן פון פארשיידנפארקיקע |?| בלאוואטקעס". 110
רעד' ג. באדער, יודישער פאלקסקאלענדאר, תרע"ב,
לעמבערג, ז' 115.

ב ל א וו - ה כ י |בעלאוו־האכעי| - אדוו פר. סי־י
ווי (סי־י), אויך אן דעם.

... "דער יונגער־מאן, וואס איז שוין בלאוו־הכי
געווען אויפן זיבעטן הימל |...|". שע, פרישמאן 103
צו גאסט, ציט אויסג... ז' 97.

בלאַוויסקן - ← בלויאוויסקן.

בלאָרוס I - ---> בלאָעכץ.

בלאָרוס II - דאָס, |מצ?| (שש,עלט) אַן אַסיגנאַציע פון 5 רובל אין צאַרישן רוסלאַנד, געווען פון [illegible] [?נ?]

אַ בלויען קאָליר |שע, מאַשקעלע גנב, צײַט [illegible] I, 1903, 117

וואַרשע = קראָקע|.

בלאָרשטײן - דער, בא. (כעמ) טעכנישער נאָמען פאַר אײנעם פון די זאַלצן פון שוועבל-זײַערס, אין דעם פאַל פון קופּער. |יאַכ, I - II, קיעוו, 129

1926, ז׳ 157|.

[illegible]

בלאָרסניק - דער, =עס. (שלש) "בעל-מום, פאַרזעעניש, מענטש מיט אַ מיאוסן אויסזען" |סטוטש 521|.

[illegible]

בלאָז I - דער, =ן. 1.אַקט, ס׳רוב געמײנט אײנמאָליקער, מאָמענטאַנער, פון בלאָזן, בב1-3.

1867 " אָוועק |דער יום-טוב סוכות| ווי דער בלאָז פון אַ שפּרעכערקע אויף אײן עין-הרע". ייל, 140

קמ, נ׳ 31, ז׳ 238 - I.

1911 " [...] האַלט זיך [אויף משקולאָת, נישט אַהין, נישט אַהער, פון אַ מינדסטן בלאָז קען איך, חלילה, פאַרשלײדערט ווערן העט-העט". ממוס, קליאַטשע, וואַרשע, קאַנק: 1243510.

... " אַז דער חודש אלול איז אַרײַנגעטראָטן און עס האָט זיך געלאָזט הערן דער ערשטער בלאָז פון שופר". 138

שע, פונ׳ם יאַריד I, צײַט אויסג... ז׳ 74.

1939 " די שאָל זודיקע טיי האַלט ער אויף די צעשפּרײַטע פינגער, ער קילט די טיי דורך קורצע, אָפּגעהאַקטע

"בלאזן |...|". מ. דאניעל, מיין גאלדענע קינדהייט, 155

מאסקווע, ז' 21.

ליטע?

2. (פיג) „א מאגערער מענטש, א דארער, א דאר קינד?

|קטוו|. 170

3. (איפּ) א פּאַרץ, א שטונק, דער גאז וואס מע גיט

ארויס פון הינטן. [illegible]

17 ניט ווערט (א) קיין בלאז - וועגן עמעצן/עפּעס

וואס האט ניט קיין גרויסן ווערט.

1872 " ער דארף עסן, א שוך, א קלייד, ער דארף א

דירה |...| און אן די מוזמנע ווערט קיין זאך 147

ניט געגעבן |...| א מענטש אן איר איז ניט ווערט

א בלאז". [illegible]

מיט א בלאז אומצופאלן / אוועקצויאגן - וועגן זייער

א שוואכן/קראנקן מענטשן אדער וועגן א פחדן.

1888 "איז דאס שטיין זייערס אייזן פעסט |...|

אז עס זאל ניט מעגלעך זיין פון א מינדסטן בלאז 162

אומצופאלן?". ממוס, ווינטשפינגערל, ציט

אויסג, 1912, ווארשע, [illegible], ז' 113.

... " ביים שולחן-ערוך |?| איז געשטאנען א קליין

יידל |...| א קרענקלעכס, מיט א בלאז אוועקצויאגן". 143

פּרץ, אלע ווערק, XI, ציט אויסג, נ"י, 1947,

ז' 14.

ער מאכט זיך פּארטיק מיט איין בלאז - וועגן א פיזיש

שטארקן מענטשן, ס'רוב ווי א סטראשונעק.

ווער עס גיט א בלאז, דעם קומט צו דער נאז (שוו) -

א) דער וואס טוט עמעצן שלעכטס, מוז אליין באצאלן/
אפקומען דערפאר.   ב)איינער וואס פילט זיך שולדיק,
דארף זיין פארזיכטיק ניט ארויסצווייזן זיך,
ניט איינשטעלן זיך. דאס דאזיקע שפריכווארט איז
אויך געווען (גראדנע און אומגעגנט) א טייל פון
א קינדער-ציילעניש ביי שפילן:

" איינדל, ביינדל, צוקער שטיינדל, ווער עס
גיט א בלאז, יענעם קומט גלייך צום נאז". 136
ה. שעסקין, זש' גאפ, נ'7, ב"א, ז' 64.
(1953,

בלאז !! - דער/די, =ן. 1. (אנאט) אורין-
פענכער.

... " און וואס עס קומט פון דעם לעצטן טראפן
בלוט - דאס גייט אין דעם בלאז, וואס די השתנה איז 134
דערינען". חה IV, .... ז' 134. |ארטאגראפיע
מאדערניזירט, דורכן איבערשרייבער?|.

1970 " דער ים צערייצט ביי מיר אלע מאל די בלאז.
צען מאל אנאכט האב איך באדארפט משתין זיין |...|". 131
י. ווארשאווסקי, פאר, IV/30.

2. (אנאט) דער פענכער ארום אן עמבריאן.

1908 " דורך דעם שטארקן צוזאמענציען פון דער געבער-
מוטער פלאצט די בלאנע |הייטל|, אין וועלכער דאס 158
קינד איז געלעגן, דאס רופן מיר די בלאז איז
געפלאצט". |ווער איבז?|, |מחבר?|, עצות פאר דעם
פרויען לעבן, ווארשא, ז' 27.

3. בלאטער, פאכיר, וואס שאפט זיך אויף א קערפערטייל פון אפבריען, פון שטאקקער רייבונג אע.

1850 " צו [זייך] ווייטאג זאל מען קלאפין קנאביל און צו דו דפיקין צו לייגין עס זאל אן רייסן בלאזין ווערט גישטילט דער צייַן שמארצין". [מחבר?], תעלה ארוכה, לבוב. 163

1864 " ווער אויפשנייד [שניידט אויף] אייך (בלאז) כדי עס זאל אפן בלייבן ווי די (אפעראטציאן) איז חייב אבער אויפצושטעכן גאר די אייטער זאל דערפון גיין איז מותר". הרב א. ברודא, הליכות עולם, אונגוואר, דף נ׳ - [illegible]. 153

1910 " איך האב בלאזן אויף די פיס, ווי קלעצער זענען זיי מיר אנגעדראלן". רעד׳ ג. באדער, יודישער פאלקסקאלענדאר, תר"ע, לעמבערג, ז׳ 179. 153/א

(פעכער?)

4. כלי צו האלטן דעריך עפעס, געמאכט פון אן אויסגעטרי-קנטן פענכער אדער אין דער פארעם פון א פענכער.

1910 " וועגן דעם צי מען זאל צולייגן צום קאפ א בלאז מיט אייז, קאן מען זיך נישט אליין מעכטיקן". 152

טעגלעכר רבה (ראזענבערג), סגולות ורפואות, לאדז, ז׳ 33.

1938 " [...] גענומען פון פאליצע דעם שפעטענעם בלאז, אין וועלכן ער האלט די מאכארקע זייגע". ייז, חבר נחמן, ווארשע, ז׳ 282. 164

|| אורינבלאז ← אורין-פענכער

1950 " פון יעדער ניר גייט די אורין דורך א רערל אראפ אין אורינבלאז (פענכער)". [illegible] פגעז, נ׳1, פאריז. 156

גאלבלאז - דער פענכער אין וועלכן ס'געפינט זיך די גאל.

O וואסערבלאז - בולבעלע אין/פון וואסער.

זוימענבלאז - דאס בייטעלע, אין וועלכן ס'געפינען זיך די זוימענדלעך פון געוויסע געוויקסן.

זייפנבלאז - בולבעלע, באַנקעלע, אויסגעפילט מיט לופט, באקומט זיך דורכן בלאזן לופט דורך איינגעזייפטע וואסער.

~~[illegible]~~

בלאזן-פלאסטער - דער, =ס. |סטוטש 427|. (מעד)
א פלאסטער וואס מע לייגט צו צו היילן א פלאַסטער/
פאכיר אויף דער הויט.

ם בלאז

----- 1.

1716 " אונ' וואס דא קומט |...| פון דיא לעצטי
טראפן בלוט דש גיט |...| נאך דיא בלאז וואו די 168
השתנה איך איז". חה I, דף לח - I.

1728 " איז דער שתן דין אונ' ווייש אן בודין, ביטייט
וויא טאג אונטער דער נאביל, איז ער אבר אן בודין 330
וויא קלייאין, ביטייט גיברעך אן דער בלאזין".
סור, II, דף ו"ח - I.

O |בלאזנשטיין| בלאזין שטיין - דער =ער. נירנשטיין.
1728 " ווען אין שתן זאנד אן בודין ליגט, איז דער
זאנד רויט איז עז איין לענדין שטיין, איז ער וויש, 459
איז עז איין בלאזין שטיין". דצור, דף י"ז - ב - I .

ב ל א ז III - |די?, מצ?| (רעג, אונגערן) "א בלוזקע [struck out].

"א שאס און א בלאז - קליידל און בלוזקע"|קטוו|. 166

% " די סארווערן האט דיר שוין באצאלט פארן בלאז

וואס דו האסט אויפגענייט?" |קטוו|.

ב ל א ז א ק I - --- בלאזזאק.

ב ל א ז א ק II - דער, |מצ?|(לאקל?) א בלאטער,

א בלאז.

1973 " נאך דער |דעם| אפברייעניש |...| איז גוט (?נ?)

איינשמירן מיט אייל |...|. שפרינגט ארויס א בלאזאק 199

- דורכשטעכן מיט א ריינער נאדל!". נ. בלומענטאל,

צוריקבליקן, ת"א, ז' 167.

באמ: דא איז קענטיק, א טעות פון אויסלייג אדער
פון בחור הזעצער: ס'דארף זיין ניט "בלאזאק",
נאר בלאזיק - פון בלאז (א בלאטער) - א קליינער בלאטער.

ב ל אָ ז - אָ ק ע ו ו י ט - דער, בא. (אדע) אומגעלייטערטער שטארקער בראנפן |סטוטש 595|. % אז ס'איז ניט געוועז קיין עכטער ניינציקער שפירט, האט דער שיכור זיך ניט אפגעזאגט אויך פון א קווערטל בלאז-אקעוויט.

ב ל אָ ז - אָ ר ק ע ס ט ע ר - דער, =ס. ארקעסטער (קאַפעליע) וואס באשטייט פון בלאז-אינסטרומענטן, ווי טרומייטן, קלארנעטן, פלייטן אא. % אויף דעם פאראד האט געשפילט דער בלאז-ארקעסטער פון די פייערלעשער. די הויפטראל אין דעם בלאז-ארקעסטער שפילן די טרומייטן.

1934 " עס האט געשפילט דער בלאז-ארקעסטער פון דער
מיליץ". ד. מין, אקערשט פון מאסקווע, 181
ווילנע, ז' 7.

1970 " די זין |...| זענען געוועז זייער מוזיקאליש
און האבן געגרינדעט |...| דעם ערשטן שטרייך 180
און בלאז-ארקעסטער אין סאנץ". רעד' ר. מאהלער,
סאנץ, ת"א, ז' 685. יזכ

ם |בלאָזבאַלק| ב ל א ז ב א ל ק / ב ל ו ז ב א ל ק /
ב ל ש פ ל ק/ בלעזבאַלק.
קישקע, שלויך = ← = bale

| ? | " מפוח - דר בלשפלק, ל' נופח באש פחם".
רייכלין 8, ישעיה נד - טז. 184

1602 " וועז מן צו שמעלצט דאש זילבר בלוז מיט איינר
בלוז באלק און ליגט בלייא אין טעשט עש הילפט וואל 187
צום שמעלצן". שעריר, פראג, 1 - כט.

1683 " צוונציג בלאז בעלק צו קליאן |גליען| דיא

קולין". יידישע כראניק פון דער באלאגערונג פון 192

ווין, פראג תמ"ד, ציט א. פירסט, MGWJ 2,

1937, ז' 238.

1775 " איין שמיד איז אל צייט דר נערט // |...|

זיין בלאז באלק הערט מאן אז וויא איין לייאר // 185

דאש מאכט לוסטיג זיינש פייאר". דוד מוזיקוס,

איין שין ליד פון די הנד ווערקשלייט, ציט

י. ריוווקינד, פש I, 1926, ז' 22, 47.

ב ל אָ ז ב ל ו ם - די, =ען. געוויקס (ווסב (Taraxacum

פון דער משפחה [Compositae]דער נאמען שטאמט דערפון,

וואס דאס צייטיקע געבלום זעט אויס ווי א קויל

פון פוך, וואס צעפליט זיך אין דער לופטן ביי א

ליאדע בלאז], באקאנט אויך אונטער א סך אנדערע

נעמען אין יידיש: לופטל, פּוכבלום אא.

1951 " פאראן אן אנדער בלימל, וואס כ'האב אין

פארשיידענע מקורים פאר אים אנגעציילט 12 סינאני- 191

מען און דובלעטן: לופטל, |...|, בלעזערל, בלאזבלימעלע,

פּוכבלום, |...| |לייבנצאָן |...|". מ. שעכטער,

גק, נ' 66, ז' 244. ג'ל

ב ל אָ ז ה אָ ר ן - דער, מצ ~ הערנער. 1. מוזיק-

אינסטרומענט געמאכט פון א האָרן פון א שעפס אדער

אין דער פארעם פון א הארן, ס'רוב גענוצט צום

סיגנאליזירן, גערופן אויך סתם האָרן. % אויפן

רוף פון בלאָזהאָרן זיינען זיך צונויפגעפארן די

יעגערס פון אלע עקן וואלד.

1866 " עס ברומט א טרומייט, // און דער בלאזהארן

שאלט". מבאַ, דער פרעמדער און זאוול רימער, 6:3 200

ב"א, 1968, ז' 32.

2. (אדע) שופר.

ם

2. ←---

203 1701 " שופר - בלאס הארן". שב, אמשט, יח/א.

בלאזזאק I - דער, מצ ~ זעק. מכשיר צום
אריינפּאָמפּען לופט, געניצט אין פארשיידענע אינסטאלא-
ציעס, דער עיקר אין שמידעריי, דער מכשיר פונקציאנירט
לויט דעם פּרינציפּ פון א זויג=שטויס-פּאָמפּע.

1848 " אריינבלאזען אין מויל דורך |אטעם, לופט|,
198 אדער מיטן מויל, אדער מיט א ציבוק אדער מיט א
בלאזזאק". |איבז| [וועה?] רפואות ועצות, ווילנע.

1897 " דער שמיד האט אים געשטעלט לעבן בלאזזאק,
197 ער זאל בלאזן, נאר ניט שטארק |...|".
א. י. בוכבינדער, דער קליגער פריקאשציק,
ווארשע, ז' 44.

1927 " ווערן אין די דרוקערייען מערסטן טייל פאר-
193 גיפטעט די ארבעטער, וועמען ס'קומט אויס אויסצו-
בלאזן מיט די בלאזזעק די שטויב פון די קאַסעס".
א. גאלדברט, היגיענע פון דרוקער, ווילנע, ז' 19.

סאפען ווי א בלאזזאק - אָטעמען שטארק, אנגע-
שטרענגט.

1908 " אלע מאל ווען ער דארף עפעס זאגן, סאפעט ער
194 זיך פריער גוט אויס, ווי א בלאזזאק". שע,
פיר זיינען מיר געזעסן, אויסג' נ"י, 1944, אליע ווערק 613
ב' V, יידישע שרייבער, ז' 166.

1929 " און אז זיי האבן שויןביידע דאביי |דערביי|
218 // געסאפעט ווי א בלאזאק |...|". מלה, די
גאלדענע פאווע, קלייוולאנד, ז' 189.

?נ? בלאָזטריִבל - דאס, =עך. (טעכט), ספעציעל
רערל צום בלאזן ביי מעטאל-ארבעט, אדער ביים
224 אויסבלאזן גלאזן |קטוו|.

בלאזירט - אדי/אדוו, וואס פירט זיך אויף
אומנאטירלעך, גלייכגילטיק צו אלץ, אומפילעוודיק,
איבערגעזעטיקט, פארנודזשעט. פ: zblazowany
1932 " א בלאסער בלאזירטער מיוחס און שוטה". ייז,
240 יאשע קאלב, ציט אויסג נ"י 1956, ז' 216.
1958 " |...| איז דער נעכטיקער |...|, נאכשלעפער
239 נאך א בלאזירטער פרימאדאנע געווארן א בארימטער,
א קינסטלער". י. ווארשאווסקי, פאר XI/15.

|| =קייט. אייגנשאפט פון זיין בלאזירט.
1960 " איינע פון די הויפט/-מחלות פון ציוניזם איז
242 זיין דעמאקראטישע בלאזירטקייט". ש. ביקל,
טמז, XII/2.
1962 " קעגן דער דעגענערירטער בלאזירטקייט איז גאר
241 קיין עצה ניטא". ייבל, XIII, ז' 228.

?נ? בלאָזירן - טרוו. "מאכן צו בלאזן, פארשעמען".
|קטוו|.

באַמ: כ'גלייב, אז דער זאמלער האט געהאט א טעות,
אפשר געמיינט: בלאזנעווען.

בלאַזלען זיך - ---> בלעזלען זיך.

(אויך א זייק)

בלאַזן - דער, =ס/עס. פפ: בלאַזען. 1. קלאָון, פּאַיאַץ. % צום בעסטן איז די קינדער געפעלן אין צירק די שטיקלעך פון דעם בלאַזן מיט דער רויטער נאָז און די ברייטע הויזן.

P: blazen

2. הויפנאַר, לץ, פריילעך-מאַכער.

% יעדער גרויסער פריץ האָט זיך געהאַט זיין בלאַזן, וואָס האָט פריילעך געמאַכט די געסט.

182.. "דיא שלש סעודות זענין אלע מאל גרעסער גוואָרן, אלע מאל מער מעד |...| מ'האט גיזונגגן, גיפליעסקעט, |...|, מ'האט שוין אי א בלאַזן אומיסנע איך צוגינומען, מ'האט אים גיט גיצאלט |...| אלץ טי זאל דיא מרהשחורה אוועקטרייבן". חיים מאלאגא, גדולת ר' וואלף יידישע כתבים, ווילנע, 1937, ז' 224. 323

1871 "דער יעקעלע איז |...| א באס ביים חזן, א פריילעכער יונג, א וויצלינג, א בלאַזן". א. צונזער, דער קארגער, ווילנע. 307

191... "דער משרת, דער |...| פרעגט ביי איין אויס איטלעכס ברעקל, |...| א יונג א בלאַזן. שע, פונ'ם יאריד, II, ז' 161. 294

3. א מענטש וואָס פירט זיך אויף ניט ערנצט, מאַכט זיך נאַריש, מאַכט זיך צום נאַר, שטעלט זיך אויס אויף חוזק.

1814 " טרייב ארויס דעם בלאזאן וועט ארויס גיין
דיא קריג". מס, משלי, תקע"ד, כב – 10.

1876 " |...| זיי זשע, יודל, דערווייל ניט קיין
בלאזען, און ווארף שוין אוועק די וויסטע הוויות". 321
ייל, דאס משלחת, זשיטאמיר, ז' 14.

1928 " נישט געגוג וואס דו ביסט א שווינדלער, זרח,
ביסטו נאך א בלאזען אויך!". אפא, אלע ווערק. 320
XI, ווילנע, ז' 236.

|| בלאזנע – אדי. (עלט?) וואס פירט זיך ווי
א בלאזן, (וויל) איז א בלאזן, קב 3.

1916 " דער סטרוזש |...| און דער בלאזנע משרת –
אלע ציטערן פאר אים אימת-מוות". שע, פונ״ם 472
יאריד, II, ז' 164.

בלאזנעוואטע – אדי. דזווו דפוו.

1935 " א בלאזנעוואטע שיכורער מאטראס |...| קריגט
זיך מיט א ברענענדיקן גאספּאַנאר". הר, לייק, 313
ל"א, ז' 52.

בלאזנעווען – אומטוו. פירן זיך ווי א בלאזן,
מאכן נארישע שטיק, אויסשטעלן זיך צום נאר.
% הער שוין אויף צו בלאזנעווען, אלע לאכן דאך
פון דיר!.

ב ל א ז נ ע ן – אומטוו, פּפּ: בלאזענען, דזוו דפוו.

1876 " נא, אים איז נאך היינט איך זיך בלאזנען,
און איך ווער אליין אקערשט ניט משוגע פאר צרות". 316
ד. ב. גאטלאבער, דעקטור, ווארשע, ז' 28.

1898 " עפעס א קלייניקייט - זיין חבר-לאפ מיט יידן,
מיט טאטעס און בלאזענען מיט זייי קוצעניו-מוצעניו 316
בשעת שווימען?!". ייל, ניט טויט ניט לעבעדיג,
ווילנע, ז' 45.

בלאזן זיך - פראווען פריילעכע שטיק, פריילעך מאכן,
זיך נאריש מאכן.

... " זי זיצן, קנאקן ניס, בלאזן זיך, לאכן, פלוידערן,
זינגען, שטיפן". ממוס, שלמה ר' חיימס, |טייל?|, 469
ציט אויסג [illegible] ווארשע, 1911, ז' 13.

מאכן זיך צום בלאזן (וואריאנט: מאכן פון זיך/
אויס זיך א בלאזן) - אויסשטעלן זיך אויף חוזק,
מאכן זיך נאריש, פראווען שטיקלעך פון א בלאזן.

|אנהייב XIX| " דרעמוס |דער אמת| אוז טאקו, ווייל אוך
מאך מוך צום בלאזען, ווייל אוך מאך דו וועלט 463/א
צום נאר". די געגארטע וועלט, קאנק: 24/545 - I.

1956 " כ'מאך פון זיך א בלאזן, // וואס איך גארגל
זיך מעשה חזן". יג, פון מיין גאנצער מי, 310
נ"י, ז' 170.

מאכן פון/אויס עמעצן א בלאזן - חוזק מאכן פון אים,
אויסשטעלן צום נאר.

1866 " כאטש זייער שפילן |פון די פורים-שפילערס|
איז ניט תמיד אנשטענדיק געווען, ווי מען האט 304
געמאכט בלאזן אויס מרדכי מאנדריש |...|".
קמ, נ' 6, ז' 86.

זעט אויס, ווי א בלאזן אויפן יאריד - שפאטיש אויף
איינעם וואס גייט אָנגעטאן משונהדיק, אומפּאַסיק
|נפ, ייפא, נ' 5, ווארשע, 1938|.

בל- 21.

בלאזן – פאר געבלאזן/געבלאזט. 1. אטור/אומפ. (וועגן ווינט) טראגן, טרייבן לופטשטראמען, באוועגן האסטיק די לופט.

1837 " להבדיל אזוי וויא דער מענש זעהט דעם ווינד אז ער מוט איין בלאז אויף איין גילאקירטע זאך בלייבט דאך א צייכן פארצויגן פון אויבן". 146

|איבז, ווער?|, זבד טוב, ווילנא.

1911 " עס רוישט, שטורעמט ארום און ארום, עס בלאזט, קלאפט |...|". ממוס, קליאטשע, ציט אויסג. ווארשע, קאנק: 1249450.

1935 " אין דרויסן בלאזט דער ווינט, טרייסלט די לאדן". באש, שטן אין גאריי, ציט. קאנק: 71/654 – II. ב/176

2. אטור. פארשפרייטן זיך אין דער לופט (ריח, ווארעמקייט אע.) % פון דעם טייך בלאזט א פרימארגנדיקע קילקייט.

1972 " נייע אשבערגלעך הויפן זיך אן |...| אויפגעדראלענע פון די ווארעמע ריחות, וואס בלאזן |...|". 303

ל. ראכמאן, גק, נ' 76. ז' 110.

3. ~~...~~ ארויסלאזן פון מויל א שטארקן לופטשטראם.
% בלאזן אויף /אין עפעס. זן טרוו: % ער בלאזט
דעם רויך פון פאפיראס.

1873 " |האט דער| מאנספארשוין א געשריי געטאן און
אנגעהויבן צו בלאזן, גלייך ווי ער האט דערמיט
עמעצן פארטריבן". ממוס, קליאטשע, ווילנע,
קאנק: 86670.

1935 " די פיר לייט |...| טענצלען אונטער און בלאזן
אויף די געפרוירענע הענט". באש, ש'טן אין גאריי, 146/ד
קאנק: 105/131 - IV.

1961 " ווער הייסט דיר עסן הייסע זופ? קענסט נים
בלאזן?!". ח. שעסקין, טמז, X/16. 392

4. שפילן אויף א מוזיקאלישן בלאז-אינסטרומענט.
|פל| " אויף מארגן אין דער פרי // דער פאסטעך בלאזט
זיין הארן". 282

1924 " זעט ער, אז ער האט אויף אטראמפייט, // וויל
ער בלאזן, ווי צו נעילה-צייט דער טאטע זיינער |...|". 344
מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 284.

1953 " זיינען איבער די גאסן פון וויץ ארומגעפארן
העראלדן, וואס האבן געבלאזן אין טרובעס |...|". 379
איבז ימ, ש:דדובנאוו, וועלט-געשיכטע |...|
VII, ב"א, ז' 175.

5. אומפ/אוטוו. (פיג) אנקומען, איבערגעבן זיך
(וועגן א געפיל). % עס בלאזט פון דעם יונגווארג
מיט פרייד און אימפעט.

1909 " האט זיך דערפאר מאדנע פארקוועטשט דאס
הארץ, און א בלאז האט אויף זיי געטאן מיט טרויער". 146/צ
בערג, ארום וואקזאל, ~~...~~ קאנק: 3/38 - I.

1961 " געבלאזן האט פון אים א מין גבירישע קאלטקייט".
פ. רודאי, טמז, I/15. 274

|| בלאזונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון בלאזן".

בלאזעכץ - דאס, =ן. (איר) דאס בלאזן שלעכט.

בלאזעניש - דאס, =ן. דאס בלאזן לאנג, אפט, כסדר.

1888 " ס'איז אַן אויסמישעניש פון טאג און נאכט,
א בלאזעניש ביי זייער באגעגענען זיך". ממוס, 460
ווינטשפינגערל, ציט אויסג, ווארשע, 1911,
ז' 220.

1961 " ווי א געשאס פון דער זאווערוכע ארויס,
באגלייט אירע דרייענישן און בלאזענישן, האט איך 461
איינעם פון יענע טעג זיך דא דורכגעטראגן אויף
זיין דרעזינע דער אינזשיניער פּאקראַס". בערג,
אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 672.

בלאזער - (=ין =קע). 1. דער/די וואס בלאזט.

1930 " א מעכטיקער בלאזער צעשפרייט א וואסער |...|".
אש, ווארשע, ציט אויסג 1949, נ"י, ז' 344. 474

2. (ארכ? לאקל?) פעכער.

1865 " איך בין איין מאלאזש |מאליער| אויף פעכער
(בלאזער) פאר פרויען אום זומער". |איבערזעצער?|, 473
|מחבר?|, מסתרי פאריז, ווארשע, ז' 11.

בלאזעריי - דאס, =ען. דאס בלאזן כסדר, לאנג.

1929 " דער וואגאן איז נאך אלץ געווען פול מיט
שנארך און בלאזעריי |...|". בערג, גוו, III, 475
ווילנע, ז' 180.

0 ארגל-בלאזער |סטוטש 285| - דער וואס מאכט בלאזן
אין די רערן פון אן ארגל.

שופר-בלאזער - דער וואס בלאזט שופר ביי פארשיידענע
יידישע רעליגיעזע צערעמאניעס; בעל-תוקע.

◇ בלאזן פון זיך – האלטן זיך גרויס, ארויסווייזן 24.5

גאווה, גדלות.

1873 " די אריסטאקראטן, דאס הייסט די פיינע לייט,

277 וואס פאררייסן די נעז און בלאזן פון זיך תמיד

גלאט אזוי, אן א שום טעם". ממוס, קליאטשע,

ווילנע, קאנק: 248790.

1916 " |...| ער זאל ניט מיינען, אז דאס וואס ער

265 האט אראפגעכאפט דריי חלקים פון זיין בארד, גיט

אים דאס רעכט צו בלאזן פון זיך". שע, מאטל, II

II, ציט אויסג... ז' 174.

נ"י, 1937

1927 " ווען ער רעדט מיט בערלען, קוקט ער מיט

385 גדלות אויף זיך, כאטש בכלל איז ער א גוטהערציקער,

בלאזט ניט פון זיך". י. בודאָק, א מעשה פון

א רב |...|, ווילנע, ז' 3.

בלאזן שופר |שויפער| - ארויסברענגען פון דעם יידישן טראדיציאנעלן הארן (שופר) א צאל מוזיקא-לישע פראזעסביים דאווגען ימים-נוראים און ביי אנדערע יידישע רעליגיעזע צערעמאניעס.

1832 " אז ראש השנה איז גפאלין אום שבת האט מען אין בית המקדש געבלאזין שופר אום שבת". מחזור לראש השנה, סלאוויטע, דף מג/א. 340

1881 " דעם לבד וואס עס פלעגט אויסגערופן ווערן אן איסור גדול מיט שופר בלאזן און מיט שווארצע ליכט, אז קיינער טאר די קאראבקע ניט נעמען |...|". א.י. סאפירא, אויס מינסק, חטאת הקהל |...|, I, ווילנע, ז' 84. 376

1935 " די גוים טועת זיך פרייען, ווייל זיי טראכטן שוין צו ארבן ביי די יידן זייער האב. אין בית-המדרש בלאזט מען שופר, ר' גאדל ציטערט אויף, ווען ער הערט א תקיעה |...|". באש, שטן אין גאריי, קאנק: 291 - 144/290 - V. 376/א

בלאזן א תקיעה [תקיעה], תקיעות |טקיעס|. 1. אויסשפילן אויפן שופר איינעם אדער עטלעכע פון די טראדיציאנעלע מוזיקאלישע פראזעס.

2. (פיג) ארויסברענגען קלאנגען ווי ביי שופר בלאזן.

189... " ר' לייב איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן, געכראפעט, געבלאזן תקיעות מיט זיין לאנגער נאז, ווי א שופר. ממוס, אין א שטורעם צייט, ציט אויסג, ווארשע, 1911, ז' 23. 337

3. (פיג) מאכן א גרויסן רעש ארום אן ענין, כדי צוציען דעם אויפמערק, מאכן א טאראראם, טראַמבלען.

1902 " די יעניקע, וועלכע זוכן אויס טאג-טעגלעך אלץ נייע |...| בלאפס (ליגן) און סענסאציעס |טעקסט: סענסאציאנען| און בלאזן שופר, אז זיי זיינען עס די איינציקע, וועלכע זיינען זיך גערן מוסר-נפש זיין פארן יידישן כלל". זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 13, לאנדאן, ז' 85. 471

בלאזן אין אלע שופרות - דזוו דפוו, טמפּלבלן.

בלאזן טרעוואגע - אלארמירן, ווארענען |טרעוואָגע| (רוסיש) אַליאַרם| וועגן א סכנה. (R: тревога)

1890 " און נאכהער |נאך דעם| האט די ממשלה גענומען בלאזן טרעוואגע, אז דאס פאטערלאנד שטייט אין דער גרעסטער סכנה". ייפאל, נ' 4, ז' 6. 335

האבן צו קלאפן און צו בלאזן - האבן א סך צרות, קלאָפּאָטן, האבן צו זינגען און צו זאגן.

1908 " איילט זיך ניט צו דערלאנגען יעדן איינעם אייער ווידזים-קארטל. |...| איר וועט שפעטער האבן צו קלאפן און צו בלאזן, צייט איר וועט לעבן". מר, שריפן !!!, נ"י, ז' 270. 402

ס'בלאזן שלעכטע/בייזע ווינטן - ס'קומען אן שלעכטע צייטן.

ס'בלאזן נייע (אנדערע, פרישע) ווינטן - ...
ס'קומען אן נייע צייטן, נייע טענדענצן, ס'גייט ווערן אנדערש, קלאָפּאָט.

" גענוג |האט| זיך דארט געטון! פריער |האבן| 1932
אנגעהויבן נייע ווינטן בלאזן , פרישע, און קיין
האז שוין זאגט ניט מער 'שלא עשני אישה!". אשט,
משלים I, קאנק: 191/686 - V

1957 " שבת-מברכין אלול אין ליובאוויטש |...| האט
זיך שוין דער אויר |אטמאספער, שטימונג| געביטן. 378
|...| עס האט שוין געבלאזן א תשובה-ווינט".
לדב, נ"י, ז' 230.

ס'בלאזט/ס'האט געבלאזן דערויף - ס'גייט דערצו,
ס'האלט דערביי.

1916. " עס האט געבלאזן דערויף, אז ער זאל איך
גיכן ווידער א מאל פארזוכן דעם טעם פון הונגער". 263
שע, פונ'ם יאריד, II, ציט אויסג... ב'...
ז' 258.

גיין ווו דער ווינט בלאזט - ~~זיין אן~~ זיין אן אפארטוניסט,
נעמען אלע מאל אנדערע מיינונגען, לויט דעם ווי
עס לוינט זיך בעסער.

מע דארף וויסן, פון וואנען דער ווינט בלאזט - מע
דארף קענען זיך אריענטיקן אין דער סיטואציע, מע
דארף וויסן ווי זיך צוצופאסן.

זיך ניט לאזן בלאזן אין דער קאשע - זיך ניט לאזן
באעוולהן אדער אפנארן, פארדרייען דעם קאפ, ניט
דערלאזן, אז עמעצער זאל זיך אריינמישן אין די
אייגענע געשעפטן.

1928 " ווען ער וואלט יעצט געכאפט רחלען, וואלט ער
זי דערשטיקט, נישט געלאזט, נישט געלאזט זיך 345
אזוי טרעטן און בלאזן אים דער קאשע אריין - וואס
מיינט זי זיך?". אפא, אלע ווערק, I, ווילנע,
ז' 93.

בל - 28.

1946 " היינטיקע יונגע־לייט האבן נישט־ליב אז

מע בלאזט זיי אין דער קאשע". ייט, פוילן, III, 328-280

ני׳.

בלאזן אין דער פאה (אריין) - [illegible] - מיט א

קלייניקייט אנרירן עמעצנס גאווה. % קוים בלאזט

איש נאר ווער אין דער פאה אריין, באליידיקט ער זיך 414

שוין.

בלאזן אין די אויערן - פארדולן דעם קאפ מיט פלוידע־

רייען, האקן א טשייניק | ירושלימער יידיש, קטוו |. 336

ער קען מיר (וואר: זאל ער מיר) בלאזן קרייד/פעפער

אין תחת - (ווולג) איך האב פאר אים קיין מורא

נית.

קענסט אים בלאזן קרייד/פעפער אין תחת - ס׳איז פארפאלן,

קאנסט אים גארנית טאן | ג. בערנשטיין, יישפ XXIII-2, 399+389

ז׳ 52 |.

בלאזן אויף עמעצן, בלאזן דאס ארט (די טריט, די נעגל)

פון עמעצן - ציטערן איבער עמעצן, פיעשטשען,

שטארק אפהיטן.

... " די גאנצע וועלט בלאזט אויף די נעגל פון דיין

שגעון!". פרץ, בילדער און סקיצן. 281

... " די איינציקע, אויף וועמען דו האסט אזוי

געהויכט, אזוי געבלאזן". פרץ, אלע ווערק, 367/א

ב׳ VIII, צים אויסג נ"י, 1947, ז׳ 324.

1888 " מע האט זי אפגעהיטן, געפֿאנקעוועט, געבלאזן דאס

ארט פאר איר". שע, סטעמפעניו, ז׳ 45. 367/ב

ג.ב. אלוסס

1971 " וועט ער שוין |...| אויסלעבן זיינע יארן

257 שפיגלענדיק זיך אין גלעדיסן; ער וועט בלאזן אירע

טריט". ב. רעסלער. טמז, 10/X.

ניט ב.

ניט לאזן א ווינטל בלאזן - דזוו דפוו.

1916 " איר שווער קוועלט גאר פון איר אן |...| עס

348 לאזט אויף איר א ווינטל נישט בלאזן". ד. י. זילבערבוש,

שטרעכאלער, |...|, נ"י, ז' 32.

איבער דעם בלאזט מען המן און מע קלאפט שופר - שפאסיקער קאמענטאר, ווען מע הערט פארענטפערן עפעס מיט א נארישן תירוץ, וואס פאסט זיך נישט, פארדרייט.

שור: אז מע בריט זיך אפ אויף הייסן, בלאזט מען אויף קאלטן - אז מע פאלט דורך איין מאל שטארק, מע האט א שאדן אע, היט מען זיך שוין דערנאך צו פיל, גוזמאדיק.

אז מע בריט זיך אפ אויף קאשע, בלאזט מען אויף גריקע - דזוו דפוו.

1876 " ווי די וועלט זאגט: ווען מען פארבריט זיך

235 אין הייסע, בלאזט מען אין קאלטע". מדרש איכה ו

וביאור דרכי ציון והוא העתקה בלשון |...| עברי-דייטש,

המעתק ג. ש. פייגענזאהן, ווילנע, תרל"ו, ז' 142.

1975 " זי האט זיך אפגעבריט אויף הייסן, בלאזט זי

353 אויף קאלטן און איילט זיך נישט צו לויפן אויפן

חתונה-יריד". ב. רעסלער, אלגעמיינער זשורנאל,

נ"י, 21/II.

אז אקס האט א לאנגן צונג און קען קיין שופר ניט בלאזן - מע וואלט געדארפט (ס'איז דא) א סך רעדן וועגן א געוויסן עניין/מענטשן, אבער מע מוז שווייגן, צוליב בושה, סכנה אע.

... " איין אקס האט א לאנגן צונג און קען קיין שופר

בלאזן און וואלט גערן עפוס גוזאגט נור וויא שמוסט

בל - ~~21~~. 30.

427/א עפוס דוא וועלט דארט וויא דר צוגיינער שטייט

אייך דארט רוהרט ער גושט". <u>די געגארטע וועלט</u>,

קאנק: 14/301-302.

<u>אז מע בלאזט, ווערט קאלט</u> – אין חודש אלול, ווען

מען בלאזט שופר, הייבט שוין אן הערן קאלט אין

דרויסן – ס"גייט צו הארבסט.

<u>ווער עס בלאזט, בלאזט פון זיך</u> – "אין דעם וואס א

365 מענטש זאגט שפיגלט זיך אפ זיין כאראקטער" |<u>קטוו</u>|.

<u>ניט פון בלאזן ווערט דער אינדיק פעט</u> – ווען א מענטש

בלאזט (פון) זיך – האלט זיך גרויס – איז ניט

קיין סימן, אז ער איז טאקע גרויס, חשוב.

~~[illegible]~~

ם <u>בלאזן/בלוזן</u>.

-----ב 1.

1694 " נוך עז <u>בלאזט</u> אויף זייני בקין און <u>בלאזט</u>

145 אייך בלאז אין דאש גרוש פייאר |...|". <u>היסטארישע</u>

<u>אלעגאריע פון ר' מאיר ש"ץ</u>, פירט, <u>ציט פש !!!</u>,

ז' 30.

25413

-----ב 3.

|<u>XX</u> י"ה| " ער הילפט זיינן ליבן זיין ויינד ער בור

374 שטושט./ איך אב גרונט דער הילן דאש בוויזאר מן

איך זיא <u>בלוזט</u>". <u>שב</u>, סטראפע 45.

1676 " און דער יצר הרע <u>בלאזט</u> אונ' ואכט שטעץ דריין

380 |...|". <u>ברנט שפיגל</u>, פפד"מ, פרק יח.

1723 " איך פסוק שטייט (ויפח באפיו נשמת חיים)
380/א דאס איז מיימש השי"ת בלאזט אין אדם הראשון
נאז לעכר איין נשמה איין לעבענדיגי". ס' דרך
תמים, זולקווא, קאנק: 50.

4. ←---

|XV| י"ה| " דא ליש דער קוניג שאול בלוזן איין
387 היר הורן |...|". שב, סטראפע 198.

1610 " אונ' איר זולט בלוזן שאלונג אונ' זיא זולן
381 ציהן דיא שאר דיא דא רואן צו מזרח". טח, במדבר,
י - ה.

1721 " אונ' אזו איז אוך דער סדר בייא דיא מלכים
351 ווען זיא איר מלוכה אן נעמן בלאזט מן פר זיא
מיט אלירליי אטרומיטן |...|". מחזור ר"ה ויו"כ,
הומבורג, דף יח - 2.

||=ונג.

1626 " לובט איך מיט בלאזונג פון שופר, לובט אים
230 (בנבל) מיט דער פידל אונ' דער הרפ". סהמ,
תהילים, ק"ן - ג, לובלין, שפ"ו.

1721 " ער זאל גדענקן אונש צו גוטן אום ווילן
231 בלאזונג דש שופר". מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג,
דף ה - 1.

שופר בלאזן.

1666 " השי"י וויל אונז ניט מער אין גלות לאזין //
382 מיר ווערין באלד הערין שופר משיח בלאזין".
יודקע טויסק, אוין שיין נייא ליד פון משיח, אמשטרדם, ת"ג.

1716 " אונ׳ דער איין זאמליר דז איז דן גינג נאך
דעם ארון פון גאט גינגן דיא כהנים אונט בלאזין 262
מיט שופרות. סהמ III, יהושע, ווילהרמרשדארף,
דף ד - II.

איין תחת בלאזן

... " |...| מקברון איף זייגם מויל דורט ליגן//
און וואש אב גינעשטלט מיט זיין הוזן // גלייך אז 270/262/א
זולט מן אים איין תחת בלוזן". בבא-בוך, קאנק:207/
354 - V.

בלאָזן זיך - אוטוו. 1. אנפילן זיך מיט
לופט, אנבלאזן זיך, גרעסער ווערן אין פארנעם.

1887 " ווי די זומער-פייגעלעך (שמעטערלינגען), וואס
פליען אום צווישן גרויסע פאוועס און אינדיקעס 436
בשעת זיי בלאזן זיך ~~טועך דערנאך א פלאקער~~ זייער
שטאָק". אמד, דיא קלאווערייא, ווילנע.

1888 " נאכט שפענדלעך א פאר קנאקן, רייכערן, בלאזן
זיך, טוען דערנאך א פלאקער |...| און כאפן ארום 430
א קאכנדיק "טעפל". ממוס, ווינטשפינגערל,
ציט אויסג, ~~[illegible]~~ ווארשע, 1911, אלע ווערק XI, ז' 228.

1950 " חמץ איז עולה מיט ניפוח, ווי א גס-הרוח וואס
בלאזט זיך |...|". |מחבר?|, פוקח עורים, 341
נ"י, ז' 12.

(פיג)
2. האלטן זיך גרויס, גאווהדיק, זיין פארריסן.
~~[illegible]~~

3. ארויסווייזן רוגז, כעס אומצופרידנקייט.

1867 " דער מחותן ווארטשעט אין זיך, די אונטערפירערס
זיינען גאר ברוגז |...|, די אונטערפירערקעס 426
בלאזן זיך אויבן אן". יעל, קם, נ' 44, ז' 328-II.

1873 " מע גיט אים א גאנץ פיינע נדבה, און ער
בלאזט זיך, ווארטשעט; עס איז קארג". ממוס, 437
קליאטשע, ווילנע, קאנק: 163210.

1928 " פון טאג צו טאג האט סאַלקע זיך דערוויטערט
פון די שוועגערינס. זיי האבן זיך געבלאזן, געטענהט 437
אז זיי זיינען נישט מחויב צו ארבעטן פאר דער
'פרינצעסין'". אפא, אלע ווערק I, ווילנע,
ז' 152.

פפ: בלאזן (פון) זיך - האלטן זיך גרויס, גאווהדיק:
ווי אן אויפגעקומענער גביר, ווי אן אינדיק/
אינדיטשקע (פאר פסח), ווי א בעל-תוקע,
ווי א חתן, ווי ווי א לונג, ווי א ליולקע,
ווי א רייכער מחותן אויף אן ארעמער חתונה,
ווי א סנדק אויף א ברית, ווי א קאוואלסקע בלאזזאק,
ווי א שטאט-בעל-הבית, ווי דער גביר פון שטעטל,
ווי חתנס צד, ווי עפעס רעכטס, ווי רב צאצעלעס
אן איינקל. |סטוטש 546; יישפ, V - 4 - 6t, VI -
1 - 2; עלזעט, ווונדער-אוצר פון דער אידישער
שפראך, [illegible]

דער גביר/עושר בלאזט זיך און דער ארעמאן ווערט געשוואלן -
די שארפקייט פון ווערטל לעגט אין דער פילטייטיקייט
פון די ווערטער 'בלאזן זיך' און 'געשוואלן',
אנווייזנדיק אויף די סאציאלע קאנטראסטן צווישן
רייך און ארעם: דער גביר בלאזט זיך פון גאווה,
דער ארעמאן ווערט געשוואלן פון הונגער.

ב ל אָ ז ע - די, =ס. "פֿארשעמונג"(?) |קטור|. 319

ב ל אָ ז פֿ יַ י ל - די, =ן. |פֿייל וואס ווערט ארויס-געבלאזן דורכן מויל?|.

1868 " די נעגער |...| האבן זיך געשטעלט ארום א טייל מיט ביקסן און א טייל מיט גיפֿטיקע בלאזפֿיילן". 226

אמד, דיא וויסטעניייא זאהארא, ווילנע.

ב ל אָ ז = פּ ר ע ס א יִ י ז ן - דאָס, =ס. (עלט?)

פּרעסל וואס ווערט געוואַרעמט מיט גליענדיקע קוילן אינעווייניק, וואָס מע דאַרף זיי אַלע מאָל צעבלאָזן.

1927 " אַזוינע פֿאַלן |פֿון פֿאַרגיפֿטן זיך מיט טשאַדגאַז| טרעפֿן ביי די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן מיט בלאָז-פּרעסאייזנס".

פּגעז, נ' 17, ווילנע.

ב ל אָ ז ש ן - דער, מצ בלאָזשאַנעס. "א מענטש מיט א געמיין מויל, מיט א גרויסן מענה-לשון, זידלט און באַשנידלט יעדן. הארקאַווי: בלאָזן". (נ?)

|ייִפֿאַ, נ' 2, וואַרשע, 1939|.

ב ל אָ ט ! - דער/די, מצ בלעטער, פּקפּ בלעטל, בלעטעלע.

אָרגאַן פֿון א געוויקס, באַשטייט פֿון א דינער פּלאַסטינקע (בלאַטפֿלעך) און א שטענגעלע (בלאַטשטיל), מיט וועלכן ער איז צוגעפֿעסטיקט צו דער צווייג; ס'רוב זיינען די בלעטער גרין, זיי פֿירן דורך דעם פֿאָטאָ-סינטעז און שאַפֿן אָרגאַנישן שטאָף מיט דער הילף פֿון כלאָראָפֿיל. % ס'זיינען דאָ געפֿינגערטע בלעטער, געפֿעדערטע, אַקעגנשטעליקע, איבעראַנאַנדיקע, האַרצ-פֿאַרמיקע און אַנדערע בלעטער.

|אָנהייב XIX| " אפט פאלן ביי דעם שענסטן וועטער // אראפ פון בוים די גרינסטע בלעטער". ש. עטינגער, לידער, צים אויסג׳, ווילנע, 1925, ז׳ 47. 759

1873 " איטלעכס גרעזעלע, איטלעכס צווייגעלע, איטלעכס בלעטעלע, אלע האבן געגרעשט, געפילדערט". ממוס, קליאטשע, ווילנע, קאנק: 136230.

|פל| " וועלכעס איז שענער פון דער בלאט?// א שיינע בארנע.// בארנע פון דער בלאט,// בלאט פון דער צווייג |...|". איט י. ל. כהן, יידישע פאלקסלידער, נ"י, 1957, ז׳ 18. 516

1926 " פארטריקנט און שטעלט צונויף א קאלעקציע פון גאנצראנדיקע, געזעגטע, געציינדלטע און געקאָרבטע בלעטער". יאכ, I, קיעוו, ז׳ 59. 512

1932 " דארט אוועקגעזעצט זיך אויף א בלעטל פון א ווייגענדיקער ווערבע". אשט, משלים... קאנק: 301/581 - IV. 512/א

0 בלאָטאָדער - דער, =ן. יעדער פון די קאנאלן וואס פלעכטן דורך דאס ווייכע געוועב פון בלאט.
% ביי איינטייליקע געוויקסן גייען די בלאטאדערן לענגוויס אדער בויגנארטיק.

בלאָטבאזים - דער, =ן. דזון בלאטשטיל.

בלאטגרין - דער, בא. כלאראפיל.

1932 " די גרינע געוויקסן=טיילן האבן אין זיך בלאטגרין (כלאראפיל), וואס איז לויטן כעמישן געבוי נאענט צו דעם העמאגלאבין". זש׳ פגעז, נ׳11, ווילנע. 695

בלאטווייכלייב - דאס, באX |סטוטש 249|. בג ב.

בלאטווינקל - דער, =ען. דזוו בלאטשייד.

בלאטלעפצל - דאס, =ען. |סטוטש 249|. בנק.

בלאטמײַלכל - דאס, =ען |סטוטש 249| פּאָרע? לופט-לעכל?

בלאטנערוו - דער, =ן. דזוו בלאטאדער.

בלאטסטיל - ←-- בלאטשטיל.

בלאטפּאַכווע - די, =ס. דזוו בלאַטשייד. P: pochwa

1922 " |...| איך די בלאטפּאַכוועס (ביי די שופעלעך

בילדעט דער וואָרצל-שטענגל קנאספּן". איבז א. גאלאמב, 726

ג. באטש, געוויקסן, I, ווארשע, ז' 33.

בלאטפּלעטל - דאס, =ער |סטוטש 249|. ←-- בלאטפּלאך.

בלאטפיסל - דאס, =ער. דזוו בלאטשטיל.

1926 " קוקט זיך צו צו דער צאל בלעטלעך אויף איין

שטילעכל (בלאטפּיסל)". יאַב, I, קיעוו, ז' 60. 730

בלאטפּלאך - די, =ן. פפּ בלאטפּלעטל. דער פלאכער,

ס'רוב דינער, פּלאַטשיק אויסגעשפּרייטער טייל פון

בלאט.

1922 " אזעלכע בלעטער רופט מען ביַיוואָרצלדיקע,

זיי באשטייען פון א לאנגן בלאטשטיל און א 733

בלאטפּלאך, וואס איז גאנץ טיף איינגעשניטן.

|...| פון שטענגל ציען זיך אין בלאטפּלאך אריבער

אָדערן (אדער נערוון ) |...|". איבז א. גאלאמב,

ג. באטש, געוויקסן I, ווארשע, ז' 14.

1926 " קוקט זיך צו צו דער איינגעשניטנקייט פון

דעם |דער| בלאטפּלאך אויף איירע צווייגעלעך און 732

שטענגעלעך". יאַב, I, קיעוו, ז' 60.

בלאטקארב – דער, =ן. 1. [illegible]. איינשניט/
פארטיפונג אין דעם ראנד פון בלאט. % אין בלאט
פון א דעמב זיינען די בלאטקארבן ניט קיין שארפע.
2. דזוו בלאטשפור.

בלאטקנאספ – דער, =ן. [illegible] דער קנאספ
(שפראץ) פון וועלכן ס'אנטוויקלט זיך דער בלאט.
% די ערשטע האבן זיך באוויזן די בלאטקנאספן און
אין עטלעכע טעג האט זיך דער עפלבוים באדעקט מיט
בלעטער.

בלאטשטיל – דער/די, =ן. דאס שטענגעלע מיט וועלכן
דער בלאט איז צוגעפעסטיקט צום צווייגל; בלאטפיטל.

1916 " איוסערלעך אונטערשיידט מען אין בלאט דריי
טייל: דעם בלאטגרונט |...| און דעם בלאטשטיל 722
|טעקסט: בלאטסטיעל| – ד"ה, דער אקס, וואס האלט
דאס בלאט". א. ש. זאקס, דאס לעבן פון פלאנצן,
נ"י.

1929 " די בלעטער ביי איר |ביי דער בערעזע| זיינען
מיט גאנץ לאנגע בלאטשטילן און געזעגט ביי די 759 באס-555
ראנדן". י. בורטיאנסקי, דאס געוויקס און
זיינע נוצן, קיעוו, ז' 172.

בלאטשייד – די/דער, =ן, געניצט ס'רוב אין פקפ
בלאטשיידל. פארברייטערטער בלאטשטיל. [illegible]
[illegible].

1916 " ביי אנדערע פלאנצן, ווי ביי תבואות, איז דער
שטאם ארומגעוויקלט מיטן בלאט און עס ווערט דאס 771
אנגערופן דער בלאטשייד אדער איינפאך דער שייד".
א. ש. זאקס, דאס לעבן פון פלאנצן, נ"י.

1922 " דער גאר אונטערשטער טייל פון בלאטשטיל איז

פארברייטערט און נעמט ארום דעם שטענגל ווי א 763

טרייבל - אט דער טייל פון בלאט רופט זיך בלאטשיידל".

איבן א. גאלאמב, ג. באטש, געוויקסן, ווארשע,

ז' 14.

בלאטשנאר - בלאטשפור.

בלאטשפור בלאטשנאר - דער/די, =ן. אויך: בלאטשנאר, בלאטקארב,

בלאטשראם.

1922 " צו ווינטער פאלן אלע בלעטער אפ און די קנאספן

בלייבן; אונטער זיי איז קענטיק דאס ארט, ווו די 776

בלעטער האלטן זיך, דער אזוי, גערופענער בלאטפור

(אדער בלאטקארב)". איבן א. גאלאמב, ג. באטש,

געוויקסן, ווארשע, ז' 54.

בלאטשפעלטל - דאס, =עך |סטוטש 249|. בנב.

בלאטשראם - דער, =ען. דזוו בלאטשפור.

דיקבלאט, דעקבלאט, הויכבלאט,ווארצלבלאט, פרוכטבלאט,

ציבעלע-בלאט, שטענגלבלאט | סטוטש 249| - אגעשטשיינב. בנב.

זריעה-בלאט - בלאט וואס געפינט זיך אין זאמען.

1916 " די זריעה-בלעטער, אדער ווי די באטאניקער

רופן עס 'קאטילעדאנען', געפינען זיך אין דער 578

זריעה, אין דעם זאמען פון דער פלאנץ". א. א. זאקס,

דאס לעבן פון פלאנצן, נ"י.

שטילבלאט - בלאט וואס האט א בולטן בלאטשטיל | ? |.

1926 " פארטריקנט און שטעלט צונויף א קאלעקציע פון

שטילבלעטער, זיצנדיקע און שטילדיקע". יאכ, I, 563

קיעוו, ז' 58.

**ביִבלעטל** - דאס, =עך. |סטוטש 249|. קלענער בלעטל ביים באזיס פון בלאטשטיל.

**ביִבלומבלעטל** - דאס, =עך. |סטוטש 249|. קליינע בלעטלעך וואס געוויסע בלומען האבן ביי די קרוינ-בלעטלעך.

**בלומענבלעטל** - דאס, =עך. קרוינבלעטל.

**בעכער-בלעטל** - דאס, =עך. קליין בלעטעלע ביים איינזאץ פון דער בלום, עטלעכע בעכער-בלעטלעך שאפן דעם בלומען-בעכער.

**וויקלבלעטל** - דאס, =עך |סטוטש 249|.

**קרוינבלעטל** - דאס, =עך. איינס פון די פארביקע בלעטלעך וואס שטעלן צונויף די בלום. % די קארן - שוועסטערלעך האבן ס'רוב בלאָע קרוינבלעטלעך.

פּפּ: גרין ווי א בלאט אין פרילינג - וועגן עפעס וואס איז שטארק / זאפטיק גרין.

געל ווי א בלאט נאך סוכות - וועגן עמעצן וואס זיין פנים זעט אויס פארוועלקט, פארוויאנעט ווי די בלעטער אין הארבסט.

שרעקעדיק ווי א בלאט אין ווינט - וועגן עמעצן וואס ציטערט, וואקלט זיך פון מורא.

פאלן ווי א בלאט פון בוים - וועגן עמעצן וואס פאלט אנידער פון שוואכקייט.

שאקלען/טרייסלען זיך ווי א בלאט (אין ווינט) - שרעקן זיך, מורא האבן.

ציטערן ווי א בלאט - מורא האבן שטארק.

... " כ'ציטער פאר אים ווי א בלאט, ער ברעכט מיך
536 איבער מיטן בליק". פרץ, דראמאטישע שריפטן,
אלע ווערק, ציט אויסג, נ"י 1947, ב' VI, ז' 137.

1910 " דער קעניג האט געציטערט ווי א בלאט". פרוג,
517 אלע שריפטן, I, נ"י, ז' 220.

געווארפן (געשליידערט) ווי אן אפגעריסן בלאט -
וועגן עמעצן וואס האט ניט קיין רו, קיין היים,
וואס איז עלנט.

1935 " געווארפן און געשליידערט ווי אן אפגעריסן בלאט".
517/א באש, שטן אין גאריי, ווארשע, ציט קאנק: 179/421-VI.

בעסער דאס ביטערע בלאט פון גאט איידער דאס זיסע פון
מענטשן |שו"ו| - ס'איז בעסער ווינציקער אבער פון
גאט, איידער דארפן אנקומען צו מענטשן, אפילו אויב
זיי געבן גערן.

ם בלאט/בלט

| ? | " והעלה נבל - אונ' דש בלט אישט וולוו"א,
643 ל' נבלת עליה". רייכלין 8, ירמיה ח - יג.

1743 " אונ' ניט גינוג דש דוא האשט אב גריסן די
1633 בלעטר |...| אונ' דיא (פירות), דש דוא נאך גקומן
בישט אום נאך צו גראבן אום דיא ווארצילן אויש צו
רייסן". שאר, אמשטרדם, דף כו - 2.

ב ל א ט II - דער/דאס, מצ בלעטער. 1. |ס'רוב
פּקפּ בלעטל, זן בלעטעלע| ביידע זייטן פון א
פאפיר אין א באשטימטן פארמאט, לויז אדער איינגעבונדן
אין א העפט, בוך אע. % דאס ערשטע בלאט פון
אלטן פנקס פעלט. דאס בריוול איז געשריבן אויף

א בלעטל ארויסגעריסן פון א שולהעפט. (איבער) מישן די בלעטלעך. עטלעכע בלעטלעך פון בוך זיינען פארוועגדן. אלע טאג רייסט ער אפ א בלעטעלע פון קאלענדאר.

1818 " ער שרייבט צוויי אותיות אוף דעם שרייב טעבילע איין אות אויף איין בלעטיל אין דאס אנדרי אוף דעם אנדרין בלעטיל". איבז |?|, תקוני שבת, אוסטרהא. 720/א

1844 " ער האט מיך אויף גוטן פאפיר/געקויפט |...| די בלעטער אויך געגילט |...| אין לייווינט מיך איינגעפאקט". לאל, ווילנע, ז' 21. 594

1873 " ער האט מיך עפעס מיט אלעריי געדרוקטע בלעטער באדעקט |...|, אז פון די בלעטער האט מען נאר געזען ארויסשטעקנדיק לאנגע אויערן". ממוס, קליאטשע, ווילנע, קאנק: 192240.

... " איינער האט אפגעשניטן דאס לעצטע בלעטל, איינגעקלעפט אן אנדערס און אויפגעסטעמפלט זיין אדהעס". פרץ, ציט אלע ווערק, נ"י, 1947, ב' VIII, ז' 66. 682

1925 " דער ייד האט געעפנט דאס ספר |...| אויפגעבויגן א פארקנייטשטן בלאט און אנגעהויבן לייענען". אפא, אלע ווערק, ב' VIII ווילנע, ז' 126. 541

1932 " דו האסט ביכעלעך געלעזן? פע! לאנגוויילעק! אויפן ערשטן בלעטעלע א קוק און געננג!". אשט, משלים I קאנק: 281/208 - IV. שוורנפגולד 541/א

2. (שש, קארטנשפיל) א קארט.

3. (פיג) דער אינהאלט פון דעם געדרוקטן/געשריבענעם אויף א בלאט/בלעטל פאפיר. % איך קען עטלעכע בלעטלעך אויף אויסנווייניק.די לערערקע האט פארגעבן איבערצושרייבן איין בלעטל. דאס בחורל קאן שוין

לערנען א בלאט גמרא.

... " איך האב איר איבערגעזעצט א בלאט 'ארבעה אבות
נזיקין'... און טאקע מיט רש"י. פרץ, ציט אלע 625
ווערק, ב' II, נ"י, 1947, ז' 73.

1906 " האט ער |דער תלמיד| אפילו קיין בלעטל עברי
ניט געקענט". ז. הלוי, דער רבי קלמן סענדערס, 715/א
בארדיטשוב, ז' 7.

1964 "|...| איז וויפל בלעטער האבן מיר היינט
אריינגעלערנט?". י. קאפלאן, שליאך און אומוועג, 616
ת"א, ז' 152.

1969 " היינט 8 אוונט וועט אין בית=המדרש |...|
זאגן א לומדיש בלאט הרב צבי אלימלך פארבער |...|". 582
טמז, מרדעה, !/9.

4. (פיג) צייט (אפשניט), תקופה, פעריאד, מערכה אין
לעבן פון מענטשן. % עפענען/אנהייבן/אפשליסן
א בלאט אין לעבן.

1872 " |...| די צייט איז א |...| בוך, וואס יעדע
סעקונדע אין אם איז איין בוכשטאב |...| יעדע 2179/ב
וואך א בלאט יעדער מאנאט א קאפיטל |...|".
אמד, וויגדערקע דער שטראז אינגעל, ווילנע.

1909 " מוטער! לאז מיך אומבלעטערן איין ניי בלאט
אין מיין לעבן |...| איין אומבאפלעקט בלאט". 576
ז. פיינמאן, חנה'לע די נעהערין, פשעמישל,
ז' 65.

1968 " דער בוך ברענגט נאר 'בלעטער' פון זיין לעבן
און שאפן". ש. גולדשטיין, יזב ס[illegible] 576/א
[illegible] ליסקא, חיפה, ז' ב.

|| <u>בלאטניק</u> – דער, =עס. (לאקל?) „אוינטער" פון
חברה גמרא, דער וואס לערנט אלע טאג א בלאט גמרא" 837
|<u>קטוו</u>|.

0 <u>בלאט מארגין</u>(עס) – דער, =ס. (=ן). (<u>נא</u>) גליון,
ראנד.

1928 " די <u>בלעטער-מארגינס</u> זענען געווען באשריבן
מיט בלייפעדער". <u>אפא</u>, <u>אלע ווערק</u>, ב׳ X, 717
ווילנע, ז׳ 14.

<u>טיטלבלאט</u> – <u>דזוו</u> <u>שער-בלאט</u>.

<u>פאדערבלאט</u> – 1. <u>דזוו</u> <u>שער-בלאט</u>.

2. דאס ערשטע בלעטל פון א בוך, ריין, אן קיין שום
טעקסט.

<u>שמות-בלעטלעך</u> – לויזע בלעטלעך פון ספרים. וואס
ס׳איז אן עבודה זיי ארויסוואַרפן אויפן מיסט.

<u>שער|שאר|-בלאט</u> – דאס/דער, דאס זייטל אין אנהייב
פון א בוך, ווו ס׳זיינען אנגעגעבן דער נאמען פון
מחבר, טיטל פון ווערק <u>אא</u> ביבליאגראפישע דאטן.

1951 " ער |א. מ. דיק| האט זיי |די ביכער| אנגערופן
מיט העברעישע נעמען, אויסגעשטעלט דעם <u>שער-בלאט</u> 790
אויף א פארצייטיקן שטייגער". <u>שנ</u>, <u>זב ליטע I</u>,
נ"י, ז׳ 797.

◇ <u>פפ:דין ווי א בלאט (בלעטעלע)</u> – זייער דין.
<u>געל ווי א בלעטל פון א סליחה</u>.

זיצן ביים בלאט/זעצן זיך צום בלאט - לערנען א בלאט גמרא, מעיין זיין אין א ספר.

... " אז מען קומט ניט אין אן דאוונען אין בית-המדרש און מען זיצט ניט ביין בלאט, איז מען גארניט פארעכנט פאר א בעל-הבית נכבד". מחזור כל בית ישראל, ר"ה |אלפס|, נ"י, הפ"ק |?|. 603 ביי-4406

1911 " |...| די זעלביקע מאנסבילן, וואס האבן זיך געריסן פאר אן אכטל זוימען, לויפן צוזאמען אין בית=מדרש דאוונען מנחה און זעצן זיך צום "בלאט"". א. שלום |...| דערציילט פון סאלאמן וויאיזשאר, סלוצק, ז' 12. 654

אריינכאפן א בלאט גמרא - אויף דער גיך, צווישן איין ארבעט און דער צווייטער, לערנען גמרא.

1967 " |...| נישט, חלילה, האנדלען, נאר-אריינכאפן א בלאט גמרא". פ. בימקא, זש' איק, פסח, !!/29. 692

איינבייסן א בלאט גמרא - גוט פארשטיין.

1888 " און שוין אין שטאנד געווען אליין א בלעטל גמרא איינצובייסן". ממוס, ווינטשפינגערל, ציט אויסג ווארשע, 1911-1912. 611

לייענען (זינגען, שפילן) פון בלאט - קאנען זינגען/שפילן פון נאטן.

בעסער צו לערנען א בלאט גמרא, איידער צו זיין פאר פאניען די כפרה |שוו| - בעסער לערנען אין ישיבה אדער אין בית-המדרש, איידער צו גיין דינען אין מיליטער (אין צארישן רוסלאנד).

אז אין קמח, אין תורה *, פון א בלעטל גמרא קאן מען ניט
מאכן קיין לאקשן [שור] - ווארטשפיל: בלעטל גמרא -
בלעטל לאקשן. (טייג).

זאגן פון בלאט - זאגן עפעס וואס איז ניט אויס-
געטראכט, ווי מע וואלט געלייענט פון א בוך.

1892 " איך מיינט |...| אז איר רייד עס פון מיינע
געדאנקען. ניין, איך זאג עס, ווי מען זאגט, פון 580
בלאט". י. בודזאהן, אגיטראַייע ווייביל חלעבין,
ווילנע, ז' 21.

אן עילוי אויפן בלאט - א פעיקער בחור א לערנער,
וואס קאן א סך גמרא אויסנווייניק.

1894 " מיט די פארהערערס מוז ער |דער מלמד| אויס-
קומען גלאט, // מוז לויבן די תלמידים: "זיינען 553
עילויים אויפן בלאט". א. צווייפל, קליין וועלטל,
לאנדאן, ז' 45.

איבערמישן ( ווער: איבערבלעטערן, איבערקערן, אומווענדן)
דאס בלאט/א ניי בלאט - אנהייבן א נייעם פעריאד
אין לעבן, אנהייבן פון דאס ניי, אנדערש.

1866 " ווו איז דאס רעכט, דאס גראד אונדז זאל מען
דא רעכענען פאר פרעמדע |...|. ניין, עס וועט זיך 605
מוזן דאס בלאט אומווענדן (דאס הייסט אנדערש ווערן)".
אמד, דער גואל, ווילנע.

1956 " קיין ניי בלאט האבן זיי ניט איבערגעמישט".
מ. מראטשני, זש' פא"ש, I/13. 600

איבערמישן די בלעטער - זיך דערמאנען.

1921 " כ'האב גענומען איבערמישן אלע בלעטער פון מיין לעבן |...|". זש' וויספע, קאוונא. 607

מען קען קערן דאס בלאט ווי מען וויל (שוו) - די זאך קען מען טייטשן/פארשטיין, ווי מע וויל.

קערן דאס בלאט אויף צוריק - חרטה האבן, אנהייבן אן עניין פון ס'ניי.

ס'גייט אים (זיך) דאס בלאט/בלעטל - פון קארטן-לשון:
עס גייט אים די קארט, ער געווינט כסדר,
... " עס איז אים נישט געגאנגען דאס בלאט, כאטש טו זיך אן א מעשה". שע, בלאנדזשענדע שטערן I.
ציט אויסג, ווארשע, 1922, ז' 219.

... " איר קאנט אין איין טאג אוועקגעבן וואס איר האט, |...| אבער אז עס גייט אייך אוועק דאס בלאט און עס קומען אן די 'פּאסן', זאלט איר דעמאלט שניידן, בראקן". שע, די פריילעכע קאמפאניע, ציט אלע ווערק, נ"י, 1944, ב' 6, טייל א, זייט 175.

□ בלאט/פלט, ~~[illegible]~~ ~~[illegible]~~
~~[illegible]~~

... " דידזי גישיקניש |ש|רייב מרכדי אין איין פלט ". מג"ל, שורה 1473. 672

... " ווער זיא [די וועלשי ווערטער] ניט פור שטיט דער זוך // אן דעם אלר הינטרשטן בלעטלן אין דעם בוך". בבא-בוך, קאנק: 42-0/41. k 672

1648 " בלעטער פון ספרי קודש נאמען זיא דא זעלבן // אוז טעטן עס דארויף שטרייאן". מגילת ווינץ, 572
אמשטרדם ת"ח, ז' 27.

1723 " צו ריסני ספרים לאזט ער ניט ארום וועלגרן
און בהאלט דיא צו ריסני בלעטר אויף איין בזונדר א/572
אורט אודר אין די שול". ס' דרך תמים, זולקווא,
קאנק: 50.

1775 " אונ' איך דרוק, זולכיש איך קליינה בלעטליך
אלז ייעדר לייכט בייא זיך טראגן קען |...|". א/718
מ. ז. איידליץ, מלאכת מחשבת, פראג, תקל"ה.
דף טי.

17 אומקערן דש בלאט

1721 " "דש בלאט פון דיא זינד דער שלקהייט פון
דיא ישראל |...| זאל ער ניט אומרינגלן אונ' 575
אום קערן". מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג,
דף קנז - 2.

ב ל א ט !!! - דאס/די, מצ בלעטער. (עלט) צייטונג.
פקפ בלעטל, -עך.

1866 " מיר האפן, די צייט איז ניט ווייט, אז יידן
ווי רעכט עס איז, איטלעכער זאל האבן אזא בלאט 556
אין שטוב". קמ, נ' 5 - 4, ז' 71 - 74.

... " אז איר באקומט דאס ערב-שבתדיקע בלאט, קערט
איר איבער די ערשטע זייט |...|". שע, וועגן 613
פרישמאנס יובילעום, צים אלע ווערק, אויסג
נ"י 1944, ב' 6, אידישע שרייבער, ז' 86.

1932 " |...| אפגעדרוקט אין א פויליש אנטיסעמיטיש
בלאט". ייז, יאשע קאלב, צים אויסג נ"י, 587
1956, ז' 214.

0 בלאַטצײַטונג - די, =עך. (עלט) דזוו דפוו.

1900 " דאָס פּאַסט |...| פֿאַר אַלטע מענטשן, וואָס זײַ
גײען נאָר צוליב אַ געשעפֿט אָדער לעזן אַ בלאַטצײַטונג".
מ. אחון, די צוויי שוויגער, ווילנע, ז' 71.

... " דו שוטה, שטײ אויף |...| און זעץ זיך
איבער אַ בוך צי איבער אַ בלאַטצײַטונג?". שע, 746
אן עצה, ציט אַלע ווערק, אויסג, נ"י, 1944,
ב' IV, מאַנאַלאָגן, ז' 77 - 78.

1961 " אַ ייִד אַן עלטערער |...| האָט אַרײַנגעקוקט
אין אַ בלאַטצײַטונג". ייש, געקליבענע לידער, 749
נ"י, ז' 160.

אונטבלאַט - טעגלעכע צײַטונג וואָס גײט אַרויס
אין אוונט.

אונטערהאַלטונג(ס)-בלאַט - פּעריאָדישע אויסגאַבע מיט אַ
פֿאַרווײַלערישן אינהאַלט.

1927 " ער איז אין פֿאַרוואַלטונגס-ראַט // פֿון אַן
אונטערהאַלטונגס-בלאַט, // און קריגט מער ווי אַ 535
דאַנק |...|". ווינטש, שריפֿטן, II, נ"י,
ז' 219.

אינפֿאָרמאַציע-בלאַט - ניט-פּעריאָדישע אויסגאַבע פֿון
אַן אינסטיטוציע מיט ידיעות וועגן איר אַרבעט;
בולעטין.

געדענקבלעטל - דאָס, =עך |סטוטש 379|.

וואָכנבלאַט - וואָס גײט אַרויס אײן מאָל אַ וואָך. זשורנאַל

חודש-בלאַט - זשורנאַל וואָס גײט אַרויס אײן מאָל אַ
חודש.

טאגבלאט - דאס/די. 1. צייטונג וואס גייט ארויס יעדן טאג. % פריער איז דאס געווען א טאגבלאט, איצט, צוליב מאנגל אין געלטמיטלען, גייט עס ארויס נאר צוויי מאל א וואך.

נאכמיטאג-בלאט - טאגצייטונג וואס גייט ארויס אין די נאכמיטאג-שעהען.

פראפאגאנדע-בלאט - צייטונג אדער זשורנאל וואס איז ענג פארטייאיש, גיט נישט קיין אביעקטיווע אינפארמאציע.

1970 " אט די רעפארטערס פון דעם שמוציקסטן |...| פראפאגאנדע-בלאט האבן אדורכגעפירט לאקאלע 'עקספערימענטן'". רעד' ר. מאהלער, יזב ... סאבעץ, ת"א, ז' 806.

542

פלוגבלאט - (סרוב אין פקפ: בלעטל) ספעציעלע אויסגאבע פאר אגיטאציע אדער רעקלאמע, ווערט פארשפרייט/צעווארפן אין די גאסן, הייזער אא. % בעת די וואלן האבן אלע פארטייען פארווארפן די גאסן מיט זייערע פלוגבלעטער.

קינדערבלאט - פעריאדישע אויסגאבע ספעציעל פאר קינדער.

1965 (?) " קינדערבלאט |...| דאס איז געווען דער ווינקל פון און פאר די הונדערטער תלמידים און תלמידות פון די יידיש-וועלטלעכע שולן אין ליטע". רעד' ח. לייקאוויטש, זב ליטע II, |ת"א?|, ז' 427.

שונדבלאט - צייטונג /זשורנאל וואס יאיר מאטעריאל איז אויסגערעכנט אויפן ביליקן געשמאק פון לייענערס פון א נידעריקן ניווא.

1970 " אין דעם |...| אנטיסעמיטיש גיפטיקן שונדבלאט
'שטירמער' |...| האבן די נאציס פארעפנטלעכט א 544
בילד פון |...|". ל. וונדה, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז' 293.

17 ריכטיק (אמת) ווי אין בלאט - ~~[illegible]~~
בלשון סגי-נהור אויף ניט-אמת, אויסגעטראכט. 483

סע שטייט (דאך, בפירוש) אין בלאט - ס'איז אמת,
שווארץ אויף ווייס, ס'איז ניט אפצולייקענען.

1937 " ר' הערש, - זאגט ער מיט תקיפות - ס'שטייט
דאך אבער פארט אין בלאט... לייענט!". מ. בורשטיין, 526
ביי די טייכן פון מאזאוויע, ווארשע, ציט אנט,
ז' 80.

בלאט IV - די, מצ בלעטער/ בלאטן. 1. דעק
פון א טיש, אויך די צוגאבדעקלעך (פליגל) פון א
טיש, וואס מע קאן פארגרעסערן זיין דעק.

1909 " |...| צעריסן איר שיין בילד |...| און די
שטיקלעך פארשטופט ערגעץ הינטער א בלאט פון א טיש".
בערג, ארום וואקזאל, קאנק: 26/475 - 476 - I.

1926 " בלאט(בלעטער), די - דער דעק פון א טיש".
| י. כץ, טערמינאלאגיע פון סטאליער ( ביעלסק, 529
גראדנער קאנט), פש I, ז' 214.

1929 " א סטאליער פון א גאנץ יאר, אז ער דארף, למשל,
אויסקלעיענען א בלאט צו א טיש, קלייעט ער זי 558
אויס פון די ברייטסטע ברעטער, וואס ער קאן נאר
קריגן". י. מ. בערמאן, מעבל-ארבעט, ווארשע,
ז' 9.

... " איך עסשטוב איז געשטאנען א ריזיקער טיש מיט

בלאטן צו עפענען פון ביידע זייטן". באש, 533

פאמיליע מושקאט,... ז' 11.

2. (עלט) טייל פון אמאליקער דרוקמאשין, באשטייט פון

א דיקער פלאכער בעט, וואס פּרעסט אויף דעם זאץ.

1844 " וויא גוט איז דאש מיר צו ליגן אונטער בלאט

פון פרעס? ניין איך הייב מיר נאך צי דאש די בוכשטאבן 521

פון דער פארם, זאלען איך מיר גוט איינדריקן".

לאש, ווילנע, ז' 23.

0 אויסציבלאט - די, מצ בלעטער. צוגאבטייל וואס

מאכט לענגער דעם דעק פון א טיש; (טיש) פליגל.

1929 " דאס זעלביקע בלייבט, ווען דער פאטענטטיש

האט נאר איין אויסציבלאט אדער דריי אויסציבלעטער, 547

אויב די בלעטער זענען די זעלבע גרעב". י. מ. בערמאן,

מעבל-ארבעט, ווארשע, ז' 70.

ב ל א ט V - דאס, מצ בלעטער (ס'רוב ווי א באשטימט-

טייל אין צונויפהעפטן). פלאכער דין צונויפגעפרעסטע

שיכט פון א געוויסן מאטעריאל, ספעציעל פון מעטאלן.

% בלאטאייזן, בלאטגאלד, בלאטזילבער, בלאטצין.

% איין בלאט פון דעם בלעך איז צעבויגן. די קעכין

האט שוין אויסגעוועלגערט א בלאט טייג אויף צו

מאכן די קרעפלאך.

1866 " א |...| א גרויס אויסגעקאטשעט קיילעכדיק בלאט

ווי א לאקשנבלאט פון צוקערטייג". קמ, נ' 5, 555

ז' 76.

1902 " דעם קוימען מאכט מען פון פראסטער בלאטאייזן".

684 דער לאנדארבייטער, לוח פאר קאלאניסטן |...|,

ווילנע, ז' 132.

1963 " איר האט שוין אוודאי געהערט דעם אויסדרוק

688 'א בלאט גאלד' |...| גאלד איז א ווונדערלעכער

מעטאל און מען קאן אים 'אויסהאמערן' אין אזעלכע

דינע בלעטער |...|". א. יאקובזאן, פאר, I/27.

0 בלאט/בלעטל לאקשן - א שטיק טייג, אויסגעוועלגערט

( געקאַטשעט) זייער דין (ס'רוב קײַלעכיק), פון

וועלכן מע בראקט לאקשן.

... "וואס באדארף זי דען, |...|? איין עק בענקל אויף

832 אויסזאלצן דאס פלייש |...| און א ברעג טישל אויף

אויסקאטשען א בלעטל לאקשן איין מאל אין א יובל".

שע, דאס טעפל, ציט אויסג אלע ווערק, נ"י,

ב' IV, מאנאלאגן, ז' 13.

[1932] " לעבן איז א בלעטל לאקשן, וואס מע בראקט,

655/א בראק נאך בראק". אשט, משלים, קאנק: 114/278-IV.

1945 " וואס דארפט איר טראכטן? - פארקנעט א

655 א בלעטל לאקשן". מבא, דער גייער, נ"י, ז' 150.

[פּס בלעטל-קוגל.]

בלעטער-קוגל - דער, =עך [ען] א קוגל פון שיכטן טייג-

בלעטלעך, צווישן זיי אויסגעלייגט ראזשינקעס,

אנדערש: בלעטערנער/געבלעטערטער קוגל.

1971 " דעם טעם וואס מיר האבן געפילט אין דער מאמעס

754/א שבתדיקן קוגל, מעג ער זיין א פראסטער, א לאקשענער

|...| היינט א קרעפל-קוגל, א בלעטל-קוגל |...|".

אי. קיפניס, מיין שטעטעלע סלאוועשנע, I, ת"א,

ז' 85.

טייגבלעטל - דאס, =עך. דין אויסגעוועלגערטע

שטיקל טייג.

[=שלום־עליכם]

1920 " אויף ש"ע דערציילט, דאס מען מאכט א קוגל |...|
755/א אן אנגעקנעטענעם מיט ראזשינקעס (צווישן די טייגבלעטלעך)".
עלזעט, יודישע מאכלים, ווארשע, ז' 37.

47 א גלאטער קאפ - באטש קאטשע אויס אויף אים א בלאט
497 לאקשן". -בוונעגן א קאפ וואס איז אין גאנצן
מיט א פליך.

ב ל א ט VI - דער, |בא?| 1. (שש, פעיא) צוגויפריידט,
יד-אחת, אקטיווע אדער פאסיווער אנטייל אין
אומגעזעצלעכע מעשים, מונקעלע געשעפטן. % דער
בלאט מיט די גרענעץ-וועכטער האט גענוג געקאסט,
אבער ס'האט זיך די שמוגלערס געלוינט.

2. (שש, ס'רוב אין סאוו' שטייגער) פראטעקציע,
גוטע פארבינדונגען, גוט-ברודערשאפט מיט געהעריקע/
נוצלעכע מענטשן. % א דאנק דעם בלאט אין מיניסטעריום
האט ער געקריגן א פעטע שטעלע. זי האט בלאט אין
א מאסקווער מאגאזין, האט זי געקריגן א פאר שיך
אן 'אטשערעד'.

3. (שש) גנב, הפקר־יונג.

1955 " פייווקע גנבל - דער בלאט, // וואס גבירן
675 האבן גוט געקענט // פאר זיינע לאטכנדיקע הענט".
מל, לידער און באלאדן, II, נ"י, ז' 116.

47 בלאט איז העכער פון א נארקאם (סאוו שוו) -
487 פראטעקציע, גוטע פארבינדונגען איז וויכטיקער/
ניצלעכער ווי א הויכער פאסטן.

בלאטעֶ VII - אדי/אדוו. 1. (שש) געגנבֿעט, גנבֿיש, געפעלשט, אומגעזעצלעך. % דער פֿאַסער האנדלט מיט בלאטער סחורה. מ'האט זיי ארעסטירט פאר פירן בלאטע געשעפטן.

1876 " ער קויפט א מאל אויף א בלאטע סחורה, און מיט דעם אליין איז ער מחלל השם". ייל, דאס משלחת, זיטאמיר, ז' 25. 1002

" סמאַש, קאַניקראַד |...|, ווו האסטו די קו געפאקט? |...|—שווייג, זי איז בלאט". אש, שלמה נגיד, ז' 66. 1913 678/א

1916 " זיין זיידע, ווי איר קוקט אים אן, // איז גאר א קורלענדער באראן, // גאר אלע ווייסן, און ס'איז בלאט |אדוו| — // ער האט זיך נעכטן ערשט געשמדט". מבא, א רינג אין דער קייט, נ"י, ז' 84. 678

2. (שש) (ווי) פון גנבֿים, גנביש, (ווי) פון דער אונטערוועלט. % די בלאטע חברה הוליעט אין שענק. יענער איז אויסגעקאכט מיט די ווילדע יונגען, ער קען אפילו דאס בלאטע לשון זייערס.

(פל) " אז איך זאג צו דיר: די זאלטסט קראטען, // מיין איך: קוק מיט די בלאטע אויגן". ציט פ. גראובארד, געזאנגען פון תהום, זב ביי אונז יודען, ווארשע, 1923, ז' 21. 551

1953 " |...| ווערטער פון די דריי פייען, פון בלאטע יאַטן, פון דער חכמה-שפראך |...|". ים, יישפ XIII - 4. 624

1968 " פון בלאטע רייד, וואס ווילן // דיין ליד אין הוילע שאלעכצן פארהילן". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 278. 845

3. (שש) וואס איז יד-אחת. איינער פון דער חברה/
כנופיא, אן אייגענער מענטש, האט א חלק אין עסק
(אָפּט געמיינט: אונטערגעקויפט). % דער בלאטער
פאליציאנט מאכט זיך ניט וויסנדיק פון די מעשים־
תעתועים אין שענק. דער שכן מיינער איז א בלאטער
חברה-מאן, ער וועט ניט מסרן.

1955 " און ס'איז געווען דיין קוואטער// א פעטערל
א בלאטער". מל, לידער און באלאדן, I, נ"י, 850
ז' 152;

(הע: בלאטער.)

4. (סובסטאנטיווירט) א בלאטער, (שש) גנב,
אונטערוועלטניק, הפקר־יונג, ווילער יונג.
% פארטשעפע זיך ניט מיט אים - ער איז פון די בלאטע.
מצ דז. גנבטע, אויסגעלאסענע פרוי, זונה. בן בלאטע,
% פל " מיין מאמע און מיין טאטע // זיי זיינען
געוועזן בלאטע".

1922 " אין גאנצן דער טאטע:// דאס נעזל, די
גאמבע. |...| און די מאמע איז געווען א בלאטע". 511
ל. מלאך, אפפאל, ווארשע, ז' 167.

5. (סובסטאנטיווירט) דזוו ב' 3. % דער שמוגלער
האט אין צאַלאמט טעלעכע בלאטע, פירט ער אריין
וואס ער וויל אן א גראשן.

1972 " |...| איז ער תמיד געווען גוט אויפגעלייגט,
אפילו מיט זיינע בלאטע זיך געקריגט לאכנדיק". 650
ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן, II, |ת"א,
ז' 213.

|| בלאַטניאק - דער, =עס. "בלאטער, אונטערוועלטניק,
א וואס-אין-דער קארט". |קמוו|. 835-836

בלאַטקייט - יד-אחת, דאס סאלידאריזירן זיך איינער מיטן
צווייטן.

1939 " דו דארפסט זיין א בלאטער יאט, ביי אונדז
דאמינירט בלאטקייט". ב. שקליאר, אויף פאלשע 1099
וועגן, קאָנאס.

0 בלאטהאלטער - דער, =ס. איינער פון דער חברה/
כנופיא, דער וואס איז יד-אחת.

... " די כיתה בלאטהאלטערס, זאטשינשטשיקעס |...|".
ממוס, מסעות, ציט אויסג, 'מענדעלי', ב' IX, 698
ווארשע, ז' 85.

17 בלאטער יונג - (שש) גנב, אונטערוועלטניק,
הפקר-יונג.

1923 " בלאטער יונג - א גנב, א כל-בוניק, אן
אויסווארף". - י. טריוואקס, גנבים-שפראך, 1091
זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז' 161.

1957 " כמעט אלע שטעטלעך האבן א גאס, אויף וועלכער
עס פלעגט וווינען די 'אונטערוועלט' אדער די בלאטע 560
יונגען'". יזב לאמזשע, נ"י, ז' 257.

בלאטע נקבה/מויד - (שש) אויסגעלאסענע, זונה. 999-1002

1957 " פאראן א שענק מיט בראנפן, ווייץ,געזאנג און
בלאטע מיידן". הר, פאר-נאכט, ל"א, ז' 68. 512

1959 " מ'האט גערעדט פון לאטעריעס, קארטנשפיל,
בלאטע נקבות". י. ווארשאווסקי, פאר, VII, 1/. 991

1973 " ער האט אזוי לאנג |...| זיך נאכגעפרעגט ביי
אלערליי פאסערס און בלאטע מוידן". באש, פאר, 852
I/5.

בלאט(ן) הויז - (גלש) שאנדהויז. |י. טריוואקס,
גנבים שפראך, זב, ביי אונז יודן, ווארשע 1923,
ז' 162|.

1887 " גנבנען בעלי-ביתישע מיידלעך, פארנארן |...|,
פארפירן קיין סטאמבול און פארקויפן אין די 987
בלאטע הייזער |...|, דאס איז דאך אזא מערדעריי".
ייפאל, נ' 51, ביילאגע, ז' 905.

ווערן/זיין בלאט (מיט עמעצן) - (פעיא). ווערן/זיין/
מאכן יד-אחת, האלטן איינער פארן צווייטן, אנטייל
נעמען אין געוויסע עסקים, ווערן גוטע ברידער.

|אגהייבXIX| " רבישי |...| אוהר קעהרט מיט מור גאנץ
בלאט צו זיין כדיי איך זאל אייערע חפצלעך נישט 648/א
דערציילן". די געגארטע וועלט, קאנק: 14/292-293.

1888 "יא, מען באלטירירט |באלאטירן=אויסוויילן|,
נאר ווי אזוי באלטירירט מען? עס איז פאראן עטלעכע 648
נגידים אין שטאט, אבי זיי זענען בלאט, מן הסתם
|טעקסט:מהסתם| ניט אומזיסט |טעקסט: אום-זונסט|,
מען שטעקט זיי עפעס אפ, דעם חתימה-געלט, דעם א
מאנה |...|". ריבל, די הפקר וועלט, ציט אויסג,
ווארשע, תרס"ב, ז' 32.

1928 " ווי האבן זיי אייך אויפגענומען? |...| צום
ערשט - קרום, נישט ווי א גלייכן. דערנאך, אז כ'האב 597
איינעם גוט צעשלאגן, איז מען געווארן 'בלאט'".
אפא, אלע ווערק, I, ווילנע, ז' 37.

האלטן בלאט (מיט עמעצן) - דזוו דפוו.

1878 " ווען עטלעכע יוסטע בעלי-בתים זאלן נישט געווען

609 האלטן מיט אים בלאט, ווער ווייסט, ווו ער וואלט

איצט אנגעשפארט". ממוס, מסעות |...|, ציט אויסג.

אלער ווערק, ווארשע, ב' 9, 1911, ז' 8.

שלאגן בלאט (מיט עמעצן). 1. מאכן יד-אחת, ווערן

גוטע-ברידער.

1881 " |...| זיך צושמייכלען צום סם |טייוול|,

557 מאכן |...| איין האנט, שלאגן מיט אים בלאט,

ווייזן שטארקע הפקרות, און אז עס וועט שוין האלטן

גאר ביי דעם שפיץ, אט דא וועט ער אים אנפייפן".

י. מ. שאצקעס, דער יודישער פאר פסח, ווארשע,

ז' 99.

... " |...| א שניידער מיט א סטאליער שלאגן תמיד

644 בלאט". שע, ביים קעניג אחשורוש, ציט אויסג,

נ"י, 1944, מעשיות פאר יידישע קינדער II, ז' 65.

1950 " |...| שלאגן תמיד מיט מיר בלאט". יי. סיגאל,

788 ספר אידיש, מאנטרעאל, ז' 285.

2. אונטערקויפן, געבן שוחד, אפמאכן מיט עמעצן וועגן

אן אומלעגאלן ענין.

1868 " איך פלעג האבן פון |אים| פשוט קאלט און

787 ווארעם |...| איך האב פארשטאנען, איך קאן אנדערש

ניט געהאלפן ווערן |...| סיידן איך וועל מיט אים

בלאט שלאגן". |מחבר?|, דער אקציזניק, זיטאמיר,

ז' 4.

1907 " מע דארף מיטן ערל שלאגן בלאט". שע, מאטל

787/א |...| I, ציט אויסג, נ"י, 1937,

ז' 63.

3. (לאקל, סמילע) מזנה זיין. |י. אפטייקער, יישפ XX - 2, 1962.|

שליסן בלאט (מיט עמעצן) - דזוו דפוו, בב 1 - 2.

1873 " מיין פערטע געבאט איז 'יד-אחת!" דאס הייסט, בלאט צו שליסן תמיד מיט דעם שטארקן". ממוס, קליאטשע, קאנק: 374120.

1945 " גלייך ווי דער טייך מיט זיינע וואסערן |...| און מיט שטורעמווינטן |...| וואלטן געשלאסן בלאט מיט די פינישע "טשינאוניקעס". זש, קיסר און רבי, II; נ"י, ז' 124. 664

ארייננגיין/פארן (אויף)בלאט - אַן געלט, אן א בילעט.

1928 " נו, ר' משה, איר האט זיך, אויף מיין ווארט, געקאנט איינברענגען א רובל. אט קוקט, דער גאנצער וואגאן פארט'בלאט' און כ'פארזיכער אייך, עס וועט היינט קיין קאנטראלער נישט זיין". אפא, I, ווילנע, ז' 144. 602

מאכן בלאט (עמעצן) - אונטערקויפן, געבן שוחד/איך יד אריין; בלאַטן/בלאַטירן.

בלאטדרייער - דער, =ס. |סטוטש 247|. (זאאל) מיין זשוק.

בלאטהיישעריק - דער, =ן. |סטוטש 247|. (זאאל) אינסעקט פון דער ריי גראָדפליגלדיקע.

ב ל אָ ט י ק - אדי/אדוו. 1. נאס, צעווייקט, (וועגן ערד, באָדן).

... " נאך פון ערשטן קוק, איז מיר ניט געפעלן ניט

797 דער בלאָטיקער הויף, ניט די שטוב |...|". ממוס, אין א שטורעם צייט, ציט אויסג, "מענדעלי", ווארשע,...ז' 11.

1932 " איי, ביסטו א קאלב, יאשע, - זאגט ער און

806 טשאַפּעט מיט די שטיוול אין בלאָטיקן שולגעסל". ייז, יאשע קאלב, ציט אנט, ז' 323.

1970 " דער וועג צווישן לובלין און איזשביצע איז

810 געווען בלאָטיק אפילו אין די הייסע טעג פון תמוז". באש, פאר, XI/12.

2. באַשפּריצט/ באדעקט מיט בלאָטע; פארבלאָטיקט.

1927 " אז ס'קומען לייט מיט בלאָטיקע און גרויסע פיס

821 |...|". מלה, אין ניו-יארק, ווארשע, ז' 119.

1948 " ער האט געוואגט ארייַנצוגיין מיט זייַנע

809 בלאָטיקע שטיוול אין די רייך געפוצטע זאלן". רעד' מ. הכהן-סיני, גאפ, ב"א, ז' 17.

3. ניט לויטער, מוטנע, וואס האט אין זיך בלאָטע.

1934 " נישט איין פריץ, וועלכער האט געהאט א צו

819 שווערן וואגן, האט מען געמוזט פון בלאָטיקן וואסער ארויסשלעפן". אש, דער תהילים-ייד, ווילנע,

1929 " ער איז אומגעגאנגען איבער די גאסן, איבערן

801 בלאָטיקן איינגעקלאפטן שניי". נ. לוריע, בריקן ברענען, קראקע.

1962 " די נאציס האבן געצוווּנגען די יידן אריינ-

823 צוגיין אין בלאָטיקן טייכל מיטן קאפ אראפ". ל. שטראל, יזב אולקניק, |ת"א?|, ז' 237.

4. (פיג) וואס האט דעם קאליר פון בלאטע.

1926 " ער שמייכלט אריין אין דער בלאטיקער ציגנבערד-
דעלע זיינער". מק, מאנטיק, ווארשע, ציט אנט, 815
ז' 604.

5. (פיג) מאראליש אומריין, פארדארבן.

1884 " ניט זיינט ווי יענע פוסטע בלאטיקע מענטשן,
וועלכע זיינען אויף אזוי פיל פארדארבן |...|". 805
ארבעים ואחד ~~[illegible]~~ [ג. ח. לעווינער],
א פאטאגראפיע פון פראווינציע |...|, אדעס,
ז' 12.

|| =לער - אדי/אדוו, אפשוואך-פארמע. א ביסל בלאטיק.

1898 " וואסער, |...| מען קען אפשר |...| זאגן א מאל,
אז עס איז ניט געשמאק, ניט זייער פריש, בלאטיקלער" 824
~~[illegible]~~ חוה זעלדעס, ווינטער אבענדען,
ווארשע, ז' 21.

1948 " גרעבליעס שווארצע שטרעקן זיך // בלאטיקלער
~~[illegible]~~ און נאס". י. ראלניק, געקליבענע לידער, 820
נ"י, ז' 114.

/7 בלאטיקע שטיוול - סימבאל פון אן אכזריותדיקער
אוממאראלישער מאכט.

1902 " |...| ווער איז אין דעם שולדיק, אז ניט דער
בלאטיקער שטיוול פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג 814
|...| וועלכער דערשטיקט אונדזערע צארטסטע געפילן".
זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 14, לאנדאן,
ז' 171.

ארײַנ(קריכן) מיט בלאָטיקע שטיוול צו עמעצן אין האַרצן/ נשמה - אַנרירן עמעצנס אינטימיטעט, אויף אַ גראָבן אופן, אַרײַנמישן זיך אין עמעצנס פּריוואַטן לעבן.

ב ל אָ ט י ק ן - טרוו. |סטוטש 581|. (פיג) מאַכן עמעצן צו בלאָטע, מיאוס זידלען.

ב ל אָ ט י ר ן I - טרוו. (גלש) אונטערקויפן, געבן שוחד, אין יד אַרײַן. % דעם פּאָליציאַנט דאַרף מען בלאָטירן, וועט ער זיך מאַכן ניט זעענדיק, ווען מע וועט מאַכן דאָס שטיקל אַרבעט.

1919 " בלאָטירן - איבערקויפן". פ. בימקאַ, גנבים (ווערטער-פאַרצייכעניש), ז' 60. 831

ב ל אָ ט י ר ן II - טרוו. באַ<u>י</u>לייגן (ווי אַ בלאַט) צווישן אַנדערע פּאַפּירן, דאָקומענטן; בוכן, פאַרבוכן.

1964 " דער פּראָקוראָר האָט אים געהייסן 'בלאָטירן' די 150 רובל, וואָס וועלן דינען ווי אַ באַווײַז קעגן דעם אומערלעכן פאַרוואַלטער". פ. איצקאָקאָוו, פאָר, VIII/14. 830

ב ל אָ ט ל י ז - די, ־לײַז. (זאָאָל) אינסעקט (ווסנ Aphis), אויך גערופן מוראַשקע-קו.

1924 " די בלאָטלײַז, זײַ זויגן מיטן חוטמל די זאַפטן פון בלעטער |...| אַפט זויגן זײַ אויס אַזוי פיל זאַפט, אַז דער |...| געשעדיקטער טייל פון געוויקס ווערט פאַרטריקנט". איבז איסעל, אַ שמועל, זאָאָלאָגיע, ווילנע, ז' 147. 709

1934 " די מוראשקעס |...| האבן זיך אויסגעלערנט ׳
׳מעלקן׳ די בלאטלייז (מוראשקע-קי) - דאס זיינען 708
אינסעקטן, וועלכע האבן די אייגנשאפט אויסצושיידן
א זיסע פליסיקייט". י. ביבער, זאאלאגיע, I,
ווילנע, ז׳ 32.

ב ל אָ ט מ אָ ג ן - דער, =ס/מעגענער. (אנאט)
טייל פון פארדיי-אפאראט בי א מענטשן (אויך בלעטער-
מאָגן) |סטוטש 240|.

ב ל אָ ט ן - --- בלאטירן I.

(פסמ?)
ב ל אָ ט נ ע - אדי. 1. פון בלאָטע (וועגן קורבעדער),
% די בלאטנע בעדער האבן איר א ביסל
p: błotny
געהאלפן צום רעוומאטיזם.

1933 " |מע מאכט| מאסאזש אדער מע פארט אין ספעציעלע
בעדער - שוועבלדיקע, זאלציקע, בלאָטנע". צ. ש. 839
|3אמ שאבאד|, ׳פגעז, ז׳ 11, ווילנע.

2. דזוו בלאָטיק, בב 1 - 2.

~~אנהייב 19ט"ן "א|...| 1| שעבסון קלאנקייט וואס~~
~~עס קומט זייא פון בלאָטנע און נאשע פאשע". המאסף,~~ 838
~~ווילנע~~

ב ל אָ ט ע - די, =ס. פּקפּ בלאָטקע(לע). 1. א שטח
פון באָדן וואס איז שטארק צעווייקט (ס׳רוב פון רעגן)
און געווארן א געדיכטע קלעפיקע מאסע. % טיפע,
געדיכטע בלאטע. פארזינקען (איינהריזנען/
פארגרייזנען) אין בלאטע. טאפטשען אין בלאטע.

(פאר) קריכן אין בלאטע. איינגעטונקען (איינגעריכט,
אויסגעשמירט) אין בלאטע. קאטשען (קײקלען) זיך
אין בלאטע. הארבסטיקע/אסיענדיקע, (ערב=) פאר-
פסחדיקע בלאטעס.

|אנהייב 19טן י"ה| " צו פוס, אונטערוועגס אליין// פלעגט
ער נעבעך צו מוזן גיין, // אין בלאטעס ארומצוקריכן, 1015
// זיין פרנסה אפצוזוכן". ש. עטינגער, לידער,
ציט אויסג ווילנע, 1925, ז' 84.

|...| " געפלויגן וואלט איך צו דיר // איבער וואסער
און איבער בלאטע // וואס בין איך שולדיק,// אז 1046
די האסט געקריגן ארעסטאנסקע ראטע". פל,
ציט ש. לעהמאן, ליבע-לידער פון גנבים, פש I,
ווילנע, 1926, ז' 206.

1900 " מען וועט אויסברוקירן דאס שטעטל מיט אַט די
שטיינער, אַט עס זאל מער קיין בלאטע ניט זיין". 980
אר, אברהם דער שוסטער, ציט אויסג אלע ווערק
ב' II, נ"י, 1930, ז' 164.

1948 " אין דרויסן האבן שוין געהאט געכאפט די ערשטע
פרעסט, |...| די הארבסטיקע בלאטעס זיינען פאר- 953
הארטעוועט געווארן". נס, משפחה מאשבער, II,
נ"י, ז' ....

2. ווילדער, מיט א סך וואסער דורכגעזאַפּטער באָדן,
וואס מע קאן ווערן פארזונקען אין אים, די אייבער-
שטע פלאך ערטערווייז פארוואקסן מיט גראז, מאָך;
זומפ, געמויזעכץ.

1906 " ווו א מאָך, ווו א בלאטע, ווו א זאמד - דאס
האבן די פריצים אונדז איינגעטיילט, און זיך געלאזן 940
די בעסערע ערד". |אנאנים|, די מעשה פון פיער ברידער,
ווארשע, ז' 18.

1911 " אלע פרעש פון די טייכלעך און די בלאָטעס
קוואַקען גלייך אומעטום אין איין צייט". ממוס,
קליאַטשקע, וואַרשע, קאַנק: 1075140.

192...? " זיינען פון די שלינגענדיקע בלאָטעס און
די זומפּן, // זיינען זיי אַרויס פאַרקריפּלט, איינגע- 919
שרומפּן |...|". בראַד, גש, |[illegible]|, ז' 58.

3. שטיקלעך/ רעשטלעך פון נאַסער אָדער שוין פאַרטרי-
קנטער ערד, [illegible] וואָס שטאַמט פון אַ בלאָטע (ב 1).

1867 " די ווענט |...| אויסגעשמירט מיט שוואַרצע
בלאָטע און אויף אייניקע ערטער אָפּגעשלאָגן |...|". 818
קמ, ב' 44, ז' 326 - II.

... " ער האָט זיך אַזוי געכאַפּט, אַז ער האָט ניט
אויסגעפּייעט אָפּרייניקן די בלאָטע פון זיין בגד". 1008
ממוס, אין שטורעם צייט, צייט אויסג 'מענדעלי',
וואַרשע,...ז' 27.
1922 " אַ שוואַרצע בויד מיט שלאָפנדע פאַרשוינען, //
אין בלאָטע איינגעריכטע". פּמ, די קופּע, 923
וואַרשע, ז' [illegible]ח.

4. (רעג פּאַליעסיע) טאָרף. % "ווינטערצייט שניידן
די פּאַליעשוקעס די בלאָטע אין ציגעלעך און פירן זיי
אין שטאָט צו פאַרקויפן" |קטוו|.

5. קלעפּיקע ערדמאַסע פון ים אָדער אַזיערע וואָס פאַרמאָגט
הייל-אייגנקייטן. % די בלאָטע פון דעם קוראָרט
האָט אין זיך שוועבל. אַ סך מענטשן שמירן זיך
אַרום מיט דער בלאָטע פון ים-המלח, וואָס העלפט צו
פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

1974 " מע זאָגט אַז בלאָטעבעדער זענען געפערלעך פאַר
שוואַכע לונגען". י. עלבערג, אויפן שפּיץ פון אַ 1030
מאַסט, מאָנטרעאַל, ז' 286.

6. טוף – וווּלקאַנישע בלאָטע |סמוטש 204|.

7. קויט, שמוץ.

1878 " די דאַרטיקע אײַנוווינער שײַען זיך אָבער
אויסצורײַניקן די בלאָטע און זאָגן, |אַז| דאָס וואָס 911
מען האָט פֿון אַלטע צײַטן אָנגעמאַכט, דאָס מוז בלײַבן".
ממוס, מסעות,.. ציט אויסג "מענדעלי" , וואַרשע,...
ז' 86.

...191 " די אויערן זענען פֿול מיט בלאָטע און די נעגל
אַרומגעבראָמט מיט שוואַרצן". שע, פּונ"ם יאַריד,
!!, ציט אויסג... ז' 160.

8. (פּיג) מאָראַלישע אומרײַנקײט, זינד, קאָרופּציע.

... " די יידישע פּראַגע – דאָס איז דער ברייטער קאַנאַל,
וווּהין סע גייען אַרײַן אַלע אומרײַנקייטן, מיסט 902
און קויט און בלאָטע פֿון דעם מענטשנס נשמה". ממוס,
בישיבה של מטה, ציט אויסג "מענדעלי", וואַרשע,
ז' 54.

1910 " לאָז ער ליגן אין בלאָטע, אין טרויער, אין
שאַנד, // און אַ גליקלעכע רגע ניט זען". פּרוג,
שריפֿטן !!, נ"י, ז' 19.

1957 " דער פֿאַרברענגען האָט אין גאַנצן אָפּגעוואַשן די
בלאָטע פֿון מידות-רעות און האָט אָפּגעשווענקט די 1011
אומרײַנקייט פֿון רגילות-שונות". לדב, נ"י,
ז' 94.

9. (פיג) פארגלייווערטקייט, פארשימלטקייט (וועגן
א סביבה, לעבן-שטייגער). % זיי [illegible] ביסלעכ-
ווייז פארזונקען אין דער קליינבירגערלעכע בלאטע
פון שטעטל.

1909. " וואס פאר א לעבן קאן דא זיין? א מיאוס לעבן,
א נאריש לעבן. |...| אט וועט ער איר דערציילן, 1011
ווי אזוי מען פליעסקעט זיך דא אין בלאטע און
מ'וויישט נישט צוליב וואס". בערג, ארום וואקזאל,
ציט אויסג... קאנק: 254-257 -II.

10. אינט/באמערקווארט מיט פארשיידענע ניואנסן פון
ביטול, גרינגשעצונג:(ס'איז) ניט וויכטיק, (ס'איז)
א קלייניקייט; נארישקייטן! % האסט שוין געהערט
די נייעס? - בלאטע, ס'וועט גארנישט ארויסקומען
דערפון.

1882 " אט איז דער גאנצער חשבון! שוטים! בארעכענען ד
דארף זיך דען דער האנדלס-נעראן |?|, ווען ער איז 950
א|ן| אוחז בידך? בלאטע!". ייל, ספר הזכרונות,
נ' 3, אדעס, ז' 5 - II.

... " מע שפריצט אים אפ מיט וואסער, מע קוועטשט א
אים ביי די שלייפן - בלאטע! רב מלך דער חזן איז 1076
טויט". שע, VI, ז' 87.

1963 " עט, בלאטע, - זאג איך און רייס אראפ פון
זיך דאס פעלצל". מ. קאבריאנסקי, זש' סאוו' 1061
היימלאנד, נ' 1, ז' 46.

0 בלאטעבאד - די, ס'רוב געניצט אין מצ~בעדער.
(מעד) דאס איינטונקען אדער ארומשמירן דעם קערפער
(אדער א טייל זיינעם) אין נאסער ערדמאסע, וואס
פארמאגט הייל-אייגנקייטן.

1932 " די דאקטוירים האבן אים פארשריבן ווארעמבעדער
|...| בלאטע-בעדער פאר די געלענקען". ייז,
יאשע קאלב, [illegible] ציט אויסג, נ"י, 1956, ז' 103.

1974 " מע זאגט, אז בלאָטעבעדער זענען געפערלעך פאר
1030 שוואַכע לונגען". י. עלבערג, אויפן שפיץ פון
א מאסט, מאנטרעאל, ז' 286.

בלאָטע-וואַנע - די, =ס. דזוו בלאָטעבאָד.

בלאָטע-ווולקאַן - דער, =ען. |סטוטש 204| אי. קנק.

בלאָטע-טעראַפּיע - די, באַ. קוראַציע מיט בלאָטע
וואס האָט הייל-אייגנקייטן. % צו רעוומאַטיזם
העלפט א סך בלאָטע-טעראַפּיע.

1974 " יורעק טראַכט, צי א בלאָטע-טעראַפּיע קען
1071 אַרויסוואַשן די בלאָטע פון זיין-נשמה". י. עלבערג,
אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 286.

בין דאָ 75

בלאָטע-ציגל - דער, מצ דז. פּרימיטיוו געמאַכטער ציגל
פון צעווייקטער ערד/ ליים.

1973 " הייזער פון בלאָטע-ציגל איז געווען אונדזער
1074 באַרשטשיווער ספּעציאַליטעט!". נ. בלומענטאַל,
צוריקבליקן, ת"א, ז' 155.

בלאָטע-שלומפּער - דער, =ס. קויט, אומריינקייט
(אויך פיג).

1943 " |...| איך ווייך ניט, איך וויש אָפּ דעם בלאָטע-
1077 שלומפּער, וואס עס קלייבט זיך אָן פאר א גאַנץ יאָר".
י. י. שניאורסאָן, ספר השיחות, ברוקלין. [קומט?]

27 ס'שטעלט זיך (אַוועק) א בלאָטע - ס'ווערט א בלאָטע
אויף א לאַנגער צייט, אויפן גאַנצן סעזאָן.

965

1911 " אסיענצייט, אז אין שטעטל פלעגט זיך אוועק-
שטעלן די גרויסע בלאטע און צום מלמד איז שווער
צוצוקומען |...|". אר, דערצ' אידישע מטבעות',
ציט אלע ווערק, נ"י, 1930, ב' III, ז' 220.

שווארץ ווי די זיבעטע בלאטע – זייער פארשמירט
(וועגן קינדער ס'רוב).

קלאר ווי בלאטע – (איר) ס'איז גארנישט קלאר.

ער טאפטשעט ווי א חזיר אין דער בלאטע – וועגן עמעצן
וואס איז פארפלאנטערט אין שלעכטע אדער/אומרייניקע
ענינים, אבער ער גיט זיך ניט אפ קיין חשבון דערפון;
פילט זיך גוט אין דעם.

אויסגעשמירט (אויסגעניארעט, איינגעקאטשעט) ווי א חזיר
אין בלאטע – שטארק אומריין.

... " איינגעקאטשעט אין בלאטע ווי א דבר-אחר".
שע, יידישע קינדער, ז' 103.

פארקריכן (ארייַנקריכן, ארייַנפאלן, פארבאדן זיך) אין
א בלאטע – פארפלאנטערן זיך אין א שלעכטן עסק,
אין שוועריקייטן, אומאנגענעמלעכקייטן; ארייַנפאלן
אין א צרה, אין א קלעם; אויך – ארייַנפאלן אין א
קאמישער לאגע, זיך באנארישן.

... " און נאך ארייַנקריכן אין דער בלאטע |...|".
שע, כתבים פון א קאמי-וואיאזשאר, ציט אויסג...
ז' 73.

זינקען (בלייבן, שטעקן, טאפטשען) אין א בלאטע –
דזוו דפוו, מיטן טראפ אויף דעם דויער פון דעם שלעכטן
מצב.

ארויסקריכן (ארויסקריגן זיך, ארויס) פון דער בלאטע – באפרייען זיך, פטור ווערן פון א צרה, פון שוועריקייטן.

... "דורך דעם האט מען אלץ ווייטער מער אויף אים
זיך אומגעקוקט, און ער איז אלץ וואס ווייטער מער 1070
ארויס פון דער בלאטע". ממוס, די אלטע מעשה,...
ז' 10.

ארויסקראבקען (ארויסקראטשקען) זיך פון דער/א בלאטע – דזוו דפוו, אבער באטאנט די שוועריקייטן ביים ארויס-גיין פון דער צרה.

... " און לאז אייך גאט העלפן, איר זאלט זיך ארויסקראטשקען
פון דער דאזיקער בלאטע". שע, פונ'ם יאריד, I, 1033

ארייןפירן(פארפירן/אראפפירן, אריינשלעפן/פארשלעפן, לאזן, אריינטראגן) אין א בלאטע – עמעצן אריינציען אין א שלעכטן עסק, גורם זיין שוועריקייטן, צרות, אומאנגענעמלעכקייטן; אפנארן, פארנארן.

... " אין א בלאטע האט ער מיך אריינגעפירט,// איך
קען שוין מער נישט ארויסקריכן". פל. 1068

.... " ער האט אים אריינגעפירט אין א בלאטע, געלאזט
שטיין נישט אריין און נישט אהער". שע, אלע 894
ווערק, ציט אויסג...ב' XI, [?XII].

ארויסשלעפן (ארויסציען) פון א בלאטע – העלפן עמעצן צו באפרייען זיך פון א צרה, פון אן אומאנגענעמער לאגע.

... " |...| מיך געוואלט ארויסציען פון דער בלאטע
שע, אלע ווערק, ציט אויסג... ב' XIII, ז' 215. 894

וואלגערן זיך (קייקלען זיך, זיין איינגעטונקען) אין בלאטע - א)קריכן אין אלע אומריינע ערטער ב) (פיג) זיין מאראליש אומריין, זינדיקן.

זינקען ווי אין א (טיפער)בלאטע - א) דזוו דפוו. ב) זייך אין א צרה, קלעם און ניט קענען ארויסקריגן זיך.

ארויפלייגן די בלאטע - ארויפלייגן אויף עמעצן די שולד, באשמוצן.

1868 " צי מיינט ער א גרעסערן טשין |ראנג, טיטל| צו באקומען, אז ער וועט אויף די גרעסטע יידן די 982
בלאטע ארויפלייגן". קמ, נ׳ 15, ז׳ 113 - II.

קייען די בלאטע - מוזן בייקומען גרויסע שוועריקייטן, האבן א סך צרות איידער מע דערגרייכט עפעס.

1892 " ביי איינעם איז דער יצה"ר |יצר-הרע| דער
גאנצער בעל-הבית, |...| און ביי דעם אנדערן 983
קייט ער די בלאטע, איידער ער רעדט אים איין
די קלענסטע עבירה צו טון". פלאי, המדבר בצדקה,
ווארשע, ז׳ 6.

באווארפן מיט בלאטע - זידלען מיאוס, באשמוצן.

פארמישן א בלאטע - פארפלאנטערן אן עסק, גורם זיין אן אומאנגענעמע, מיאוסע לאגע; פֿארקאָכן א קאשע.

געלט וואלגערט זיך אין בלאטע - ס׳איז זייער גרינג צו פארדינען געלט, צו ווערן רייך.
ער האט געלט ווי בלאטע - ער איז זייער רייך.
ער מאכט (נעמט) געלט פון בלאטע - וועגן עמעצן וואס איז זייער פעיק צו פארדינען, צו מאכן גוטע געשעפטן. ווארפן געלט אין בלאטע - א) אויס-ברענגען א סך געלט אויף גארנישט, ב) ארײנלייגן

געלט אין א שלעכטן געשעפט. מאכן פון געלט בלאָטע –
זיין אן אויסברענגער, פטרן געלט. געלט איז
בלאָטע – געלט איז ניט דאס וויכטיקסטע.

מאכן בלאָטע פון עפעס/מאכן אש און בלאָטע – א תל מאכן,
צו נישט מאכן, פטרן, קאליע מאכן.

1901 " וועסטו פון איר | פון קלייד | מאכן בלאָטע".
ב. צ. אלפס, מעשה אלפס !!, ווילנע, ז' 15. 1009

ס'איז בלאָטע – ס'איז גארנישט, ס'איז נארישקייטן,
ס'איז ניט וויכטיק, ס'מאכט ניט אויס, ס'איז ניט
קיין שווערע זאך.

1921 " |...| שניידעריונגען, וועלכע האבן |...| ני
נישט געוווסט דעם טייטש פון עברי, און די סלוזשבע 949
איז |...| ביי זיי געווען 'בלאָטע'". פ. בימקא,
רעקרוטן, ווארשע, צים אנט ז' 96.

1928 " כל-זמן מען וועט אין די אפטייקן נישט קאנען
ארויסגעבן |...| טראפנס גליק און דאזעס פרייד, 1010
איז אלץ בלאָטע". ספ, סודות, ווארשע, ז' 276.

בלאָטע שבבלאָטע – דזוו דפוו (פאַרשטאַרקט); הבל הבלים,
ס'איז גארנישט ווערט.

... "אידן איז ווייניק, וואס סע געפעלט אים א זאך,
ניין – ער מוז נאך דערווייזן באותות ומופתים, באוו/947 533
אז אלע אנדערע זאכן פון דעם אייגענעם מין זענען
בלאָטע שבבלאָטע". ממוס, בישיבה של מטה,
צים אלע ווערק, אויסג 'מענדעלי', ווארשע, ב'...ז' 61.

... " עס קאן זיין, אז פילאזאפיש גענומען |...|
איז אלצדינג בלאטע שבבלאטע". שע, פרישמאנס
יובילעום, ציט אויסג, אלע ווערק, ב' יידישע
שרייבער, נ"י,... ז' ...

מאכן (צו)בלאטע/מיט דער בלאטע צו גלייך - עמעצן/
עפעס מאכן צו גארנישט, גרינגשאצן, אראפרייסן,
מבייש זיין, מזלזל זיין.

|אנהייב XIX י"ה| " זוא מאכט זוך און מוך מוט דער בלאטע
צו גלייך". די גענארטע וועלט, קאנק: 19/442. 862/א

... " מאכט |ער| אים גלייך מיט דער בלאטע און לאזט
נאך אויף אים ארויס א שם רע, אז ער איז א כופר 1028
בעיקר". ממוס, צוריק אהיים, ציט אויסג...
ז' 91.

1930 " און נאך א מיאוסע טבע האט ער געהאט |...|
זיינס איז געווען היילק, יענעמס - מיט דער 935
בלאטע צו גלייך". י. פערלע, נייך א זייגער אין
דער פרי, ווילנע, ציט אנט, ז' 451.

אויסמישן מיט דער בלאטע - אפזידלען זייער מיאוס,
גראב.

... " דעם גרעסטן קאן איך מיט דער בלאטע אויסמישן/ /
און איינער, וואס מאכט חן, הייס איך אים קישן". 9
י. אקסנפעלד, ערשטער יידישער רעקרוט, ציט
אויסג. מאסקווע, 1931, ז' 172.

1869 " אויסגעמישט אים מיט דער בלאטע". ממוס,
1912-1910 יובילעום
די טאקסע, ציט אויסג 'מענדעלע', ווארשע, ז' 66.

ווערן צו קויט און צו בלאטע - ווערן שטארק דערנידעריקט,
באליידיקט, אפגעזידלט.

<u>שטעלן אין (דער) א בלאטע</u> - מבייש זיין, מאכן צום נאר.

<u>שוו:</u> <u>א בריליאנט/גאלד שיינט פון דער בלאטע ארויס</u> -
א) דאס שיינע און גוטע איז קענטיק אפילו אין א ניט-שיינעם לבוש; ב) דאס <u>שוו</u> האט מען אויך געזאגט וועגן א שיין געראטן מיידל אדער א בחור אן עלוי פון א געמיינער משפחה.

<u>אז מע קריכט אין בלאטע, פארשמירט מען די שיך</u> -
אז מע גייט אריין אין א שלעכטער געזעלשאפט, אין אן אומריינעם עסק - מוז עס ברענגען צו זינד, פארדארבנקייט. <u>אי געהאט חרטה, אי געבליבן אין בלאטע</u> - וועגן עמעצן וואס האט חרטה געהאט אויף אן אומפאסיקן עסק, אבער ניט געקאנט שוין ארויס-קריכן פון דעם.

<u>איידער צו פארשיטן א בלאטע איז בעסער זי אויסצומיידן</u> -
א) ס'איז גרינגער/בעסער ניט ארייננגיין לכתחילה אין אן אומפאסיקן עסק, איידער דערנאך צו פאררריכטן די זאך. ב) ס'איז גלייכער נישט צי מישן זיך אין אן אומריינעם ענין, איידער צו וועלן אים אויסבעסערן.

<u>בלאטע איז גלייך צו כריין, ניט מען אקערט, ניט מען זייט, עס וואקסט פון זיך אליין</u> - אומריינקייט, שמוץ פארשפרייט זיך גיך און אומבאמערקט.

<u>אז מע קלייבט צו פיל, פאלט מען אין א בלאטע אריין</u> -
דאס פלעגט מען זאגן דער עיקר וועגן איבערקלייבן אין שידוכים.

אז צוויי קריגן זיך, לייט מען אויס ביים דריטן א ביסל בלאטע |יישפ II - 5, ז' 152| - אין א מחלוקת ניצט מען אויס רכילות, וואס מע האט געהערט פון אנדערע מענטשן וועגן דעם קעגנער.

פאר מיין טיר וועט אויך א מאל זיין א בלאטע - (שפאסיק/איראניש) וועגן ניט פארלירן די האפענונג.

וויל מען פאר אלעמען יוצא זיין, קריכט מען ערשט רעכט אין בלאטע אריין - אז מען וויל אלעמען צופרידן שטעלן, פארפלאנטערט מען זיך, פארשאפט מען זיך צרות, פראבלעמען.

אז ס'איז אין דרויסן א בלאטע, פרייען זיך די שוסטערס - ווייל זיי קריגן א ארבעט צו פארריכטן שיך.

אריינשלעפן אין א בלאטע איז גרינגער ווי ארויסשלעפן פון א בלאטע - בעסער לכתחילה נישט פארפלאנטערן עמעצן אין א שלעכטן געשעפט, איידער דערנאך אים העלפן ארויסגיין פון דארט.

"בעסער גיין אין בלאטע איידער ליגן אין בלאטע" |קטוו| - ב.נ.

"אן עקשן פאלט תמיד אין דער בלאטע אריין" |קטוו| - עקשנות (אין נעגאטיוון זינען) פארשאפט שוועריקייטן, אומאנגענעמלעכקייטן, צרות.

איינער אין סלאטע, א צווייטער אין בלאטע |לאקל, סאניק, קטוו| - אבי בלאטע א צארט בודעט |ווייסרוסיש: אבי א בלאטע וועט זיך שוין געפינען א טייוול| - א פארדארבענע סביבה מוז ברענגען צו זינד. ב.נ.

1876 "אבי בלאטע א צארט |טשארט - טייוול, שד| בודעט". א. ח. ווייבער, דיא קלוגע מציאה, ווילנע, ז' 11. 1029

זינק ניט אין בלאָטע און טובל זיך ניט אין וואַסער - בעסער ניט זינדיקן איידער דערנאָך חוזר בתשובה זײַן.

1940 "ניע גאַנוואַי אי ניע פּאַסטאַי, |כלומרשט אוקראַיניש: גנבע נישט און פאַסט נישט|, זינק ניט אין בלאָטע און טובל זיך ניט אין וואַסער". אי. דרוקער, קלעזמער, קיעוו. 907

ב ל אָ ט ע ו ו ע ן - טרוו. (שש) אונטערקויפן.

% "דערנאָך האָב איך געבלאָטעוועט די אויפּרוימערינס פון די סקלאַדעס" |קטוו, סמב|. 990

ב ל אָ ט ע ל י ב ד ז - די, =ן. (באַט) קליין, שווימענדיק וואַסער-געוויקס, (___) פאַרשפּרייט זיך שנעל און באַדעקט אין גאַנצן די אייבערפלאַך פון שטייענדיקע וואַסערן.

1972 "ס'האָט פון אים געשמעקט |...| מיט בלאָטע-ליבדזן גרינע |...|". ז. טעלעסין, געוויין פון זיכרון, ת"א, ז' 202. 1072

ב ל אָ ט ע ס ע ר - דער, =ס. |סטוטש 247|. מין זשוק.

ב ל אָ ט ע ר - דער, =ן/=ס. פּקפּ בלאָטערל, אויך בלעטערל. 1. אַ פּענכער/בלאָז אויף דער הויט, אינעווייניק הויל אָדער מיט פליסיקייט (אייטער), קומט אויס פון אָפּברען, פאַרשטעכן מיט עפּעס, פון אָפּרײַבן אַע. % זי האָט פאַרגאָסן די האַנט מיט זודיקער מילך, איז געוואָרן אַ היפּשער בלאָטער. דאָס קינד האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פינגער, האָט אַנגעריסן אַ בלאָטער.

1910 " די בלאטערן אלע // פארהיילט כאדבעי |...|".
1105 פרוג, שריפטן I, נ"י, ז' 262.

1927 " פון דעם אנגעלויף פון די ווייסע קערפערלעך
1100 הייבט זיך אויפן דאזיקן ארט די הויט, ס'ווערט אן
אויפלויף, א בלאטער". ט. פערלס, מענטש-מאשין,
קיעוו, ז' 43.

1935 " אונטער די ארעמס האבן ביי איר אנגעצויגן
1105/א פייכטע בלאטערן, פון וועלכע ס'רינט אייטער".
באש, דער שטן אין גארייַ, ווארשע,
קאנק: 172/252 - VI .

2. קליין געשווירל, פרישטשיקל אויף דער הויט, טרעט
ארויס ווי א סימפטאם אדער רעזולטאט פון אן אינפעקציע,
עגזעמע, אלערגיע אדער פון אן אנדער קראנקייט.
% דאס קיבד האט אן אויסשיט פון בלאטערלעך אין
האלדז, קאן זיין ס'איז דיפטעריט. ביי דעם בחורל שפראצן
שוין וואנצעלעך און ס'מערן זיך די בלאטערלעך
אויפן פנים.

1833 " |...| האט געפונען שטיין אין איין ספר אז
827 דאס וואס די קלייני קינדר שטארבין איז מחמת אין
זייך גומן גייאין ארוש וויא קלייני בלאטירליך,
אונ מחמת דעם קענין זייא ניט זייגין אונ דרום
שטארבין זייא". הרב אליהו הכהן האתמרי מאזמיר,
שבט מוסר, סדילקאב, תקצ"ג, פרק ל"א, דף מה/1-2.

1876 " שאַרלאַך דאס איז אייגנטלעך אויך אן אויסשלאַג,
אבער עס זענען נישטא קיין בלעטערלעך, נאר די הויט
איז איבערגעשיט מיט רויטע פלעקן". |איבערז, ווער?|,
שליינץ, מרפא לעם, זיטאמיר.

1927 "צווישן די דינע קינדערשע פינגערלעך |...|
1123 האבן קליינע ווייסע קרעצעלעך |...| זיך געגעסט,
און ביסלעכווייז אויסגעוואקסן אין |...| בלאטערן
איבערן גאנצן לייב". ייז, שטאל און אייזן,
ווארשע, ז' 278.

1953 "מ'עסט ניט פון דאַלכע |אזעלכע| לעמער, וואס
1129 האבן זאַלכע בלאטערן |טעקסט: בלוטערן| וואס זיי
פגרן דאַפאַן |דערפון|". |מחבר?|, שמירת הנפש,
ירושלים, ז' 3.

3. מין בראַדעוועקע פון א רויטלעך-ברוינלעכן קאליר
(גערופן אויך 'ווײַמפערלעך').

1888 " |...| און נאך איינער, עפעס אזוי ווי פארשלאפן,
1107 מיט א גראבער רויטער נאז, פול אנגעזעצט מיט
בלאַטערן, ווײַמפערלעך". ממוס, ווינטשפינגערל,
ציט אויסג, [illegible] ז' 37.
ווילנע, 1913,

1912 " |...| ביי איין שוועסטער איז אפילו דאס
1137 בלאַטערל אויפן נאז געבליבן". זשיט, שריפטן I,
נ"י, ז' 173.

4. קליינער אויסוווקס אויף א געוויקס/פרוכט.

1951 " די פינטעלעך און בלאַטערלעך פון די אתרוגים
1137/א ווערן אריינגעזויגן אין די רויע שטיקער עפל |...|".
זש, שקלאווער קינדער, נ"י, ז' 183.

בוגאר 57

0 יצר-הרע-בלאטערלעך - מצ. אויסשיט אויפן פנים
אין דעם פעריאד פון מעקסועלן צײַטיק ווערן.

יוגנט-בלאטערלעך - דזוו דפוו.

פארקערטער בלאטער - (לאקל, סאניק, גאליציע)
"וועגן איינעם וואס טוט אלץ פארקערט" |קטוו|. 1113

ס'רייסט(ציט אן, שלאגט ) א(דער)בלאטער - קומט ארויס
אויף דער הויט, שפראצט ארויס.

1927 " פונעם אנגעלויף פון די ווייסע קערפערלעך הייבט
זיך אויף |...| די הויט, ס'ווערט |...| א בלאטער. 1100
מע זאגט דעמאלט, אז סע רייסט אן". ט. בערלס,
מענטש-מאשין, קיעוו, ז' 43.

1941 " און עס איז געווארן א גרינד וואס שלאגט אויס
אין בלאטערן אויף מענטשן און אויף בהמות". תי, 1136
שמות, ט- 10.

1973 " איז עס ווידער א גרויסער בלאטער, דארף מען
אים העלפן אנציען". נ. בלומענטאל, צוריקבליקן, 1133
ת"א, ז' 165.

אויסשטעכן(אויפשניידן, עפענען)דעם בלאטער - ראדיקאל,
אפילו מיט ווייטיק, ליקווידירן, פארענדיקן א ניט-
איינגענעמען אדער געפערלעכן ענין.

1881 " אמאלע דער מומחה ווייסט עפעס יא פון רפואות
צו זאגן... א מכה דארף זיך עפענען און א בלאטער 1116
דארף אויספרינגען". דלוגאטש, די וועלט מסורה,
ווארשע, ז' 8.

1935 " מ'האט אפגעזאגט אין די אנשטאלטן |...| צענדליקער
מענטשן, מ'האט עס געדארפט טון, מען האט דא געעפנט 1132
א בלאטער, וואס איז שוין לאנג געווען אנגעריסן".
נויעכ לוריע, א געוויינלעך לעבן, מאסקווע,
ז' 80.

1936 " ער האט נישט געהאט קיין צייט צו ווארטן, ביז
1127 דער בלאטער וועט פלאצן. ער האט אים געוואלט ביי
אים געוואלט ביי ציינס אויפשניידן". ייז, די
ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 354.

דער בלאטער האט געפלאצט(אויסגעזעצט, אויסגעשפרונגען)
אן אומאנגענעמער אדער געפערלעכער ענין (א שפאנונג, קאנפליקט) איז ליקווידירט, פארענדיקט געווארן, זאל זיין מיט ווייטיק.

... " מאמע, איך וויין! דער בלאטער האט אויסגעשפרונגען
1104 און איך וויין מיט אייטער און בלוטיקע טרערן".
ממוס, דער פריזיון, צייט אויסג, נ"י, 1910.

... " האט זיך זלאטע צעלאזט אויף איר טאכטער, איין
1134 מאל פאר אלע מאל, |...| דער בלאטער מוז אויסזעצן,
עס העלפט נישט". שע, יוסילע סאלעוויי, צייט אויסג,
נ"י, ב'... ז' 186.

1918 " צו וואס נאך ווייטער שטיקן?// אנגעריסענע
בלאטערן מוזן פלאצן. // און וואס פריער -בעסער".
הל, דאס קראנקע צימער, צייט אויסג...

צוצולייגן צו א בלאטער - (איר) וועגן עמעצן/עפעס
וואס איז שלעכט, טויג ניט.

" און די מענטשן - צוצולייגן צו א בלאטער!". 1932
1112/א אשט, משלים I, צייט אויסג... קאנק: 151/824 - II.

פועל: נייטיק ווי א בלאטער צו א מכה - וועגן אן
אומגעוווּנטשענער, אומאנגענעמער אדער ווייטיקלעכער זאך.

אויף דער מכה א בלאטער (און אויפן בלאטער א פרישטש) -
געזאגט ווען עס קומט אויף עמעצן א צרה נאך איידער
די פריערדיקע איז פארהיילט.

<u>עקודים נקודים וברודים, א מכה אויף א מכה און</u>
<u>אויף דער מכה א בלאטער</u> - געזאגט ווען עס קומען
אויף עמעצן א סך צרות און מיט א מאל.(דאס ווערטל
איז א פאלקסטימלעכער טייטש אויפן פסוק פון בראשית
לא -י:" עקֻדים, נקֻדים וברֻדים" אקודים, נעקודים
אוורודים, תי טיימשט:" געשטרייפטע,געשפרענקלטע
און געפלעקטע", ווענן יעקבס שאף און חלום).

<u>גאט איז א פאטער, אז ער גיט ניט א מכה, גיט ער א</u>
<u>בלאטער</u> - געזאגט ווען עמעצער איז ארויס פון
א צרה, און גלייך איז געקומען א צווייטע (גלייכ- 1106/1130
צייטיק איז דא איך ווערטל אך איראנישע טענה צום
איבערשטן, וואס זשאלעוועט ניט די מענטשן קיין
צרות).

<u>וואס מאכט איר? - עס מאכט זיך א בלאטער</u> -
- שפאסיקער ענטפער אויף דער באגריסונג, באזונדערס
ווען די לאגע ביים ענטפערער איז ניט אזוי גוט.

<u>שור: אן אומגעבעטענער גאסט איז ערגער ווי א בלאטער</u> -
ווייל א בלאטער קאן מען באזייטיקן און א גאסט -
פאסט ניט.

ם <u>בלאטר/בלאטיר</u>, <u>מצ</u> <u>בלאטרן</u>, <u>פקפ</u> <u>מצ</u> <u>בלעטרכר</u>.

.2 ←--

XV י"ה" בלן מויזן אונ' ווייג <u>בלאטרן</u> קאמן זיא אין
נוט. זיא ווילן צו דער ערדן אונ'ווארן גאר באלד 1114
טוט". <u>שב</u>, סטראפע 99.

............................................................

<u>באמ</u>: איך קארטל איז דא אן אויסטייטש: ווייג בלאטרן=
[?] LIES

............................................................

1717 " אונ' מן מוז אים |דעם ניי געבוירענעם קינד|
אלי טאג דיש מויל מיט איין טיכלכן וועשן אונ' 574
אז מן פינט אויף דער צונג דרייא בלעטרכר אז איין
סגל מוז מן אפ וועשן". ש. פרנקפורט, ספר החיים II,
ספר הרפואות, תע"ז, דף נח.

1743 " אונ' מיין לייב זאל פול מיט גרינד ווערן אונ'
מיט בלאטרן". קה, פיורדא, דף כט - 4. 1115

5. איך מצ, פאָקן/מאזלען.

1651 " ווען צווייא די סימנים קומין דז ער האט היץ
אונ אויך די הוט השדרה טוט אים וויא זא זייך עש 1817
גיוויש בלאטירן". ר' יהודא הענטשינק, מציל
נפשות ישראל, אמשטרדם, תי"א, דף ב/2.

... " זייא ווישן אז פעסיל במ"ט |במל טוב| גילעגין
איז אונ' האט איין טאכטר גיהט האט אדר איינה אום 1141
שטיין גיזאגט ווידר איין היים גשיקט |אייפעמין פארש
געשטארבן|. רייכלטה איז איר |...| נפטר גיווארן
אן בלאטירן". |איין קארטל דא טייטש: פאָקן|.
פראגער בריוו, ז' 55. מ. קאסאוור. |?|.

1734 " דיא בלאטרין |...| סימנים צו דער קענין דיא
קרנקהייט |...| דיא גלידר זייך אים שווער |...| די 1087
סימנים זיינה אלי פון בלאטרין שקורין פאקין אונ'
מאזלען". ר' דוד טעבל ~~טעבל~~ בר' יעקב אשכנזי |...|
בית דוד, ווילמרשדארף, תצ"ד.

ם |בלאָטערן| ב ל ע ט ר ן; (זיך) אוטוו. בלעזלען (זיך),
מאכן בלאזן. מה"ד:

... " יביע-בלעטרט זיך, ל' אבעבועות". רייכלין8,
קהלת, י - א. 1146

... " מפכים - בלעטרט". דצוו, יחזקאל, מז - ב. 1145

ב ל אָ ט ע ר ן - אַרויסקומען, אַרויסשפּראַצן (וועגן בלאָטערן).

1909 " איך בין פאַרשטויסן און פאַרשאָלטן |...|, //
1142 די פּעסט וואָס בלאָטערט אויף מיין לייב,// האָט אויסגעזויגן יעדן גיפט פון זינען". יהואש, די מצורעים.

ם בלאַטרן

2. קרענקען אויף פּאָקן.

|...| " זייא ווישן אַז מיין אביגיל |...| אויך גבריאל
1143 לעבן |...| האָבן גיבלאַטרט |...|". פּראַגער בריון, צ. מקאסאוועד |; [ ].

באַמ: אין טעקסט פאַראַן דער טייטש: גיבלאַטערט - געפּאָקט. איז דאָס קאַסאָווערס טייטש?|.

ב ל אָ ט ש נ ע ק - דער, =עס/=ן |סטוטש 247|.
מין שנעק, בעל-חי פון קלאַס בויכפיסיקע (Gastropodae).

ב ל אָ ט פ אַ ר מ י ק - אדי/אדוו. וואָס האָט דעם אויסזען פון א בלאָט.

1940 " דער אוילנהירש פאַרמאַגט |...| לאַנגע אויערן,
727 |...| הערנער בלאָטפאַרמיקע, ווי מאַסיווע לאַפּעטעס |...|". ג. גרינבערג, ווילדע בעלי-חיים |...|, זש' פאַרפאַסט, נ' 4 - 5, ביראָבידזשאַן, ז' 141.

בלאַטפֿוס - דער, ~ פֿיס. (דזוו פּלאַטפֿוס, (אנאַמ)
ניט נארמאַל געבוימער פֿוס, ווען דער טראַט איז פּלאַטשיק
און ברייט.

1889 " ...| שהעידי לפניו שני עדים שהיה להנפטר
בלאטפיס" הרב שלמה במהר"ז, סקאלא, שו"ת, 789
בית שלמה, אבן העזר, לעמבערג, תרמ"ט, שאלה מה,
דף סט/1.

1966 " אַן איינגעבויגענער קורצער יונג מיט בלאַטפֿיס".
נאַד, אונטער דער זון, ת"א, ז' 279. 789/א

בלאַטפֿילערדיק - אדי/אדוו. ° בלאַטפֿילערדיקע
אינסעקטן. |סטוטש 246|. בנב.

בלאַטפֿיסיק - אדי/אדוו. וואָס האָט פֿיס מיטן
אויסזען ווי אַ בלאַט. % בלאַטפֿיסיקע ראַקעס |סטוטש 246|.

בלאַטפֿלאַנץ - די, =ן. געוויקס וואָס זיינע
בלעטער ניצט מען ווי אַ שפּייז.

1926 " שפּינאַט און אַנדערע בלאַטפֿלאַנצן דאַרף מען דעמפֿן
גאָר אין וואַסער". מישולאָוו, וועגעטאַריאַנישעס 734
קאָך-בוך, נ"י, ז' 7.

בלאַטפֿליגלדיק - אדי/אדוו |סטוטש 242|. בנב.

ב ל א ט פּ ר ו כ ט - די, =ן. |סטוטש|250,249.

איינזאמענדיקע, פרוכט פון געוויסע געוויקסן מיט טרוקענע,

לעדערדיקע, פארהאלציקטע ווענטלעך. |פויליש - [NIETUPKA.

1922 " געוויינלעך טרעפט זיך א צוזאמענגעזעצטע

בלאטפרוכט ווי ביים פּיאָן, ראנונקל אד"גל". 740

איבז א. גאלאמב, ג. באטש, געוויקסן, II, ז' 139.

ב ל א ט ש ט א ך - דער, =~ שטעך. (שטיקעריי)

" א גלאטער, לאנגער שטאך אין שטיקעריי-ארבעט,

געוויינטלעך געניצט ביים אויסשטיקן בלעטער"x

| קמוור |.

ב ל א ט ש ל א ס - דער, =~ שלעסער. א פלאכער

שלאס, וואס מע שטעלט אריין אין די קאנטן פון א

טיר/א שופלאד אד"גל. % יעדער טישקעסטל האט

געהאט א בלאטשלאס צו פארשליסן די דאקומענטן.

1959 " |...| די טונקל ברוינע קליידער-שאפע מיט

א שליסעלע אין בלאטשלאס". ח. גראדע, טאג, 768

18/XII.

" דאס האלצזשוקל, וואס אין מיין שרייבטיש לעבט, 1972

// ביי נאכט |...| צום בלאמשלאס קריכט עס צו און 772

קוקט אין שפאלט |...|". ז. טעלעסין, געוויין[..]

ת"א, ז' 57.

ב ל א ט ש ע ן - אומוו. (פויל, נא) ?נ?

1. אנווארפן, אנטראגן בלאטע, שמוציק מאכן (ווי)

מיט בלאטע. p: błocić 1150

2. "ארייִנקריכן, טאפטשען אין א בלאטע"x | קמוור |.

בלאָטשעק |ווײַ/ער ל| - דער, מצ בלאָטשקעס.
קלײן העפּטל מיט אָפּרײַס-קאַרטלעך, ס'רוב
פאַר בילעטן, קוויטאַנציעס, נאָטיצן. P: bloczek

1972 " די מערסטע באַשרײַבונגען געפינען זיך צווישן
1154 שוואַרצע טאָוולען פון ביליקע פּאַפּיר-בלאָטשקעס,
געשריבן מיט אַ בלײַער". ה. ראָזנפאַרב, דער בוים
פון לעבן I ת"א, ז' 600.

1156/1157 בלאָטשקע - --> וולאָטשקע.

בלאָים - די, =ען. (לאַקל, מאַליוו) בלום.
1970 " אין מאַליווער געגנט פלעגט הייסן אַ בלום -
1162 אַ בלאָים". צײַט, אַלע לידער |...|, נ"י, ז' 375.

{ 989: אויסלייג? דאַרף זײַן בלאָים? }

בלאָיען - אומוו. איז (איך) בלאָיעך, פאַר
1163 געבלאָיעט. (לאַקל, באַטיק[?] < Lit: bliáti
"ברומען ווי אַן אָקס, אַ קו". |קמוו, כ. לעמכען|.

בלאַכאַזש |ווײַ/ער ל| - דער, =עס. --> בלעכער.

בלאַכעז |ווײַ/ער ל?| - די, =ס. פּפ: בלעך/בלעכל.
(עלט) כלי וואָס מע האָט גענוצט אין די קרעטשמעס/
שענקען ווי אַ מאָס פאַר בראַנפן.

1911 " מען איז אנגעקומען צו פארן צו א קרעטשמע,
לויפט ארונטער דער רענדאר און הייסט אפגיסן דריי 1174
בלאכעס, איידער מען האט זיך אומגעקוקט, האט דער
רענדאר מיט מיכאלקע אויסעטרונקען צוויי בלאכעס".
ז. מוירער, זיי נישט קיין וואוילער יונג, II,
טארנאוו, ז' 15.

ב ל א כ ע II ✗ |ווייכער ל?| - " א פלאטשיק שטיק
אייזן באצויגן אויף א הילצערן (ער) אקס דארט (?נ?)
ווו דאס דאד דרייט זיך" ✗ |קטוו|. 1170

............................................................

באמ: דער זאמלער גיט אן אן עטימאלאגיע/
אפשטאם: "רוס neraxa". אזא ווארט ניט געפונען
נים אין רוסיש, ניט אוקראיניש). בכלל: אפשר געבן
דאס ביי בליאכע?

............................................................

ב ל א כ ע - די, =ס. (רוס, נא) פלוי (Pulex irritans joll). (?נ?)
R: блоха.

ב ל א ל ע ן - אוטוו. (שנש) זיין/ווערן בלא אדער
בלאלעך.
1940 " אלע ליכטן בלאלען, טונקלען". סוצ, וואלדיקס,
ווילנע?, ז' 100. 1177

ב ל א ל ע ס - |דאס?|, בא. (רוס זאמעט) בלאווס,
סינקע, בלויעכץ מיט וואס מע בלאט וועש. 1179

פּקפּ בלמזל,

ב ל אַ ם I - דער, =ען. פּפּ: בליאַם, אַבלאַם.

א

1. א גאַנצע פעלשוין אויסגעאַרבעט, פון א בעל-חי, אויך פון צוגריפגעגרייטע קלענערע פעלעכלעך.

% דער קירזשנער האָט געקויפט עטלעכע בלאַמען צו מאַכן א פעלץ.

P: blam/oblam

1825 " |...| ער זאָל פאַרן חתן מאַכן איין שיין פּיקסן פוטער און האָט גהייסן איין קירזנער אוש זוכן איין שיין בלאַם פּיקס |...|". |מחבר?|, מסדר אגרת, תקפ"ה, ציט עלז, מיט 100 יאָר צוריק, וואַרשע, 1927, ז' 15. 1184

25/1/13

1926 " בלאַמען פּיי מיט איידעלע האָר, // שוואַרצע סאַקסאַקן און מאַרדער-פעלץ". י. ראַלניק, לונאַ, נ"י, ז' 229. 1183

1960 " |...| פוטער-קירזשנעריי, די אַרבעט פון צוגריפּשטעלן בלבלאַמען פון די באַזונדערע פעלעכלעך". ל. זאַמעט, יישפ XX - 3.

ב ל אַ ם II - דער, =ען. בעלמע, הייטל אויף אַן אויג |מאָפּק ווב 387|.

ב ל אַ ם III - חלב, פעטס אויף די געדערעם.

1914 " הפּדר - דען בלאַם". אורה, ויקרא א -ח, ז' 32.

ב ל אַ מ אַ ז ש - דער, באַ. קאָמפּראָמיטאַציע, פאַרשעמונג, דאָס אויסשטעלן אויף לייטיש געלעכטער, אויף חוזק.

<FR: blamage < P: blamaż

1957 " דער סאָלדאַט איז שוין געווען גוט פאַרקנאַקט, האָט אָבער אַזאַ בלאַמאַזש נישט געקאָנט פאַרשווייגן". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 264. 1186

ב ל א מ ב - די, =עס |ל1|. דזוו בלאמבע.

ב ל אָ מ ב י ר ן - טרוו,|עלטערע פאַרמע פון 'פלאמבירן'|, פּאר (גע)בלאמבירט. 1. צושנירלען, אויפהענגען א בלאָמבע אויף עפּעס, פארחתמען מיט א בלאָמבע(קאָנטראָל-סימן).

1898 " ווינד און וויי וואלט מיר נעבעך געווען, ווען די פאליציי וואלט מיך געכאפט |...| ווי איך 1195

האב געשמוקלט און געפּעקלט |...| און בלאמבירט

|דאָ: גענלייגט פאלשע בלאמבעס|". א. מארגענשטערן, עגל הזהב, ווארשע, ז' 93.

2. ארייגלייגן בלאָמבעס אין די ציין.

1866 " א נייער אנגעקומענער ציין-דאקטאר שטעלט

אריין קינסטלעכע ציין |...| רייניקט און בלאמבירט 1196

ציין וכדומה". קמ, נ' 40, ז' 616.

||=ונג.

1928 " |...| וכעת נעשה לה רק פראבע-בלאמבירונג

ואח"כ מסירין אותו להטיל על השן בלאמבירונג הקבוע". 1191

הרב ל. ווינקלער, שו"ת לבושי מרדכי, בודאפעסט,

דף כח/ד.

ב ל אָ מ ב ע - די, =ס/ן |עלטערע פאַרמע פון 'פּלאמבע'|.

א שטיקעלע בליי, ס'רוב קיילעכיק, מיט אן אויסגעגאסענעם

שטעמפּל, צוגעשנירלט צו א סחורה ווי א פירמע-סימן

אדער צו א פארמאכטער זאך, מע זאל ניט קענען עפענען

אָן רשות. % דער פאקעט איז אנגעקומען פארחתמעט

מיט א בלאמבע, און קיין זאך האט ניט געפעלט. די

טירן פון דער קראם זיינען געווען פארמאכט מיט א

בלאמבע פון שטייעראמט, אויף די כשרע עופות זיינען

דא בלאמבעס פון ראבינאס.

1866 " אז עס איז געקומען א רעוויזאר פלעגן די
1201 |חדר| קינדער באהאלטן |דער רביצינס| סחורה |...|
אדער מיט פאלשע בלאמבן אבי די רעלטערן אין דער
היים". קמ, נ' 6, ז' 84.

1885 " און דער סוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער
1200 |דער רבי| האט געמאכט בלאמבעס אויף כשר פלייש".
ייפאל, נ' 17, ז' 261.

1936 " אלע וועלכע ווילן עסן א כשר שטיקל עוף זאל
בײ4116 געווארנט זיין |...| עס זאל זיין אויף דעם ביילי
|טעקסט:בולעק| א בלאמבע פון די שוחטים |...|".
הרב י. מיכלזאהן, שו"ת תירוש ויצהר, בילגורייא,
ז' 66.

17 א יאלד מיט א בלאמבע - א נאר, וואס אלע ווייסן
1199 דאס שוין, שוין אפגעשטעמפלט פון אלעמען ווי א נאר.

ב ל א מ י ר ן I |הארטער ל| - טרוו. (קירזשנערײ)
צונויפשטעלן א גאנצע פוטערפעל פון באזונדערע קלע-
נערע פעלכלעך אדער שטיקלעך. % איין פעל איז ניט
געווען גענוג אויף אזא גרויסן פעלץ, האט דער
קירזשנער געמוזט בלאמירן פון עטלעכע פעלכלעך.

ב ל א מ י ר ן II |ווייכער ל| - טרוו, פפ: בלאמאזשירן.
(עלט) קאמפראמיטירן, פארשעמען, מבייש זיין,
אויסשטעלן אויף חוזק.

1874 " זייער אפט רעדט מען זיך אונטער, יונגערהייט
1209 א ווארט, וואס מען בלייבט דורך אים בלאמירט
(באליידיקט) אויף אייביק[ע] יאר". אמד, דיא
קאוונער בריקע(בויד), ווילנע.

1905 " הענעך האט מיך נישט געוואלט בלאמירן און
1204 האט די שולד אויף זיך גענומען". י. מ. באדער,
צביה פון אדעסא, לעמבערג.

1907 " טאטע זיסער! ווי ער בלאמאזשירט אונדז!".
1188 י. גארדין, דבורה׳לע מיוחסת, אקט II, פיאטרקאוו.

בלאמירן זיך - רעפל. קאמפראמיטירן זיך, אויסשטעלן
זיך אויף לייטיש געלעכטער, פארשעמט ווערן.

1894 " מיט אייער עולם קטן, האט איר זיך בלאמירט
1214 |...| אייער פריער|ד|יקן כבוד מיט בלאטע אויסגע-
שמירט". א. צווייפל, קליין וועלטל, לאנדאן,
ז׳ 73.

1906 " ער האט אבער געוואלט דערמיט ביז זיין קעגנער
1208 איז געשטארבן, האט ער זיך אומשטערבלעך בלאמירט".
מר, לעבנס-באשרייבונגען פון בארימטע מענער,
היינריך היינע, נ"י, ז׳ 68.

ם בלאמירן.

1756 " ווארום זאל איך דען אלז שוגג |...| אונד
1207 אהני איינגה התראה אין עולם בלאמירט ווירדן?".
בריוו פון משולם זלמן מדפיס, זולצבאך, תקט"ז,
ציט י. היילפרין, ועד ארבע ארצות, ירושלים,
1945, ז׳ 411.

ב ל אַ ן I - די, =עס. (רעג, מאַלד) "פעל צוגעגרייט
אונטערצונייען צו א טולופ". "ער האט געקויפט א
1222 שיינע בלאן טכוירן"ˣ |קטוור|.

מסתמא צוויי בלשם.
ˣ: אפשר דארף מען דאס שרייבן, "בלאַן", נאָך דער
ארויסרייד איז (ווי אין באסאראביע) אַ =אָ.

ב ל אָ ן II - אדי/אדוו, קומט פאר נאר אין ווערטערפארל
בלאָן-און-בלאָ/ בלאָנע-בלאָ - פאלקסטימלעכע פאר-
וואנדלונג פון ברוין-און בלאָ |אפּאַ, יישפ I - 2,
ז' 60|. % דאס קינד איז נעבעך בלאָן-און בלאָ
פון קעלט. דער בחור איז גוט צעקלאפּט, מיט
בלאָנע-בלאָע צייכנס אויפן פנים.

1871 " פּריץ, שאף דעם טאבאק אוועק, // וועט דיין
רויט נעזל געבן איין עק, // די רויטקייט וועט פארגיין, 1221
// זי וועט גיכער בלייבן בלאָן-און-בלאָ
שטיין". ח. ב. רוף, דער שיכור |...|, ווארשע,
ז' 12.

... " און דער קאפּ - צעשויבערט, // די ליפּן -
בלאָנע-בלאָ -// וואס האט עס דיך געטראפן 1228
// אין א בייזער שעה?". פרץ, א ליטעראטור-
סצענע, צום אויסג..... ז' 107.

1968 " דער הענקער איז צעטומלט, // ער ווערט אזש
בלאָנע-בלאָ". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 164. 1225
די הויט איז לויז געהאנגען אויף דעם פנים און זיך
געפּאלבט מיט בלאָן-און-בלאָע קנייטשן". מ. מאן, 1231
ביי די טויערן פון מאסקווע, נ"י.

ב ל אַ נ אַ ר - דער, =עס. (רעג, מאָלד) "דער וואס
ארבעט אויס פעל" [קטוו]. % "דער בלאַנאַר האט צוגעגרייט
א בלאַן שיינע טכוירן פאר א טולופּ" |קטוו|. 1232

ב ל א נ ג צ ו ם /ב ל נ צ ו ם - אדוו. געלאסן,
פאמעלעך.

" איטלעכער מלך האט זיין ענייוות אלע זיינע זאכן
בלאנגצום טאן". צור, פרשה ויחי, איבערדרוק 1223
(אויסלייג מאדערניזירט) פון תרל"ב (שקלאוו) ווילנע.

1676 " און געווינט זי | די מיידלעך | בלנצום אין
ווש | וועש | צו ערבטן | ארבעטן | דז זי זיך קוינן 1398
אירי ווייש גירעט עלברט מכין". ברנט שפיגל,
פפד"מ, פרק לט.

בלאנד I | ווייכער ל | - אדי/אדוו. (וועגן האר)
העל, געלבלעך, גאָלדיק. % די מאמע קעמט די
בלאנדע צעפעלעך פון איר מיידעלע. העל/טונקל בלאנד,
ביר בלאנד, גאלד בלאנד, אש בלאנד.

1906 " און געשפילט זיך מיט ווייכע בלאנדע האר
איבער די איינגעשלאפענע |...| קעפ". ווייס, 1255
א שטעטל, ציט אויסג. ווארשע 1936, ז' 53.

1927 " אוי, גאט, מיין גאט - אט ערשט האב איך//
. דיין בלאנדן קאפ באקראנצט |...|". מלה, אין 1249
ניו-יארק, ווארשע, ז' 73.

1939 " הינטער בלאנדע ברעמען // שפינט דער בלויער
שלאף // פון א ווייסן חלום // אויס א סטאדע שאף". 1243
הר, ליד: ברויט מיט מילך, מיין ליכטיקע נסיעה,
שיקאגא, ז' ....

|| קייט= - אייגנקייט פון זיין בלאנד. פון דעם, ב"ה.

1971 " |...| האבן מיט זייער גלאנציקער שווארצקייט
שארפער ארויסגעצייכנט דאס בלאנדקייט פון בערדל 1370
און קאפ-האר". ב. רעטלער, טמז, 2/X.

0 בלאנדבארדיק - אדי. מיט א בלאנדער בארד.

1931 " קאלאָורס פויערשער מיטגעפיל שפרייט זיך אויס
אויף זיין בלאנדבארדיקן פנים". ש. בערגמאן, 1259
דורכ קריג און רעוואלוציע, I, אדעס, ז' 243.

בלאנדהאריק - אדי. מיט בלאנדע האר.

1967 " צו דאס וואסער-מיידל, די בלאנדהאריקע קריגודא
|...| האט אים אין דער פינצטער פארנארט |...|". 1260
א. קארפינאוויטש, ביים ווילנער דורכהויף,
ת"א, ז' ....

בלאנדקעפיק - דזוו דפוו.

1933 " איינער פון די בלאנדקעפיקע שפילערס האט
אויף גיך אנגעשטעלט א פאר באלעכעס-אויגן |...|". 1258
באל 444
ל. קוויטקא, צוויי כאווייריִם, מאסקווע, ז' 120.

אלע גאליציאנער זאגן, אז זיי זיינען געבארן אין
וויין; אלע געלע זאגן, אז זיי זיינען בלאנד |פוּול|.

לא די |לוי דיי| ער האט בלאנדע האר, וויל ער נאך זיי
זאלן אים געקרויזלט זיין - אויף א מענטשן וואס
איז קיין מאל ניט צופרידן. |עלז, וואונדער
אוצר פון דער אידישער שפראך, ווארשע, תר"פ, ז' 37|.

בלאַנד II |ווייכער ל| - |די?|, ס'רוב געניצט אין
מצ בלאנדן, פקפ בלענדל.(עלט) סארט זיידענע שפיצן
פון א געלבלעכן קאליר.

1887 "בלאנדין". לאל, ווילנע, ז' 56,
~~מאנופאקטור-באשטעלונג.~~ 1334

1902 " איך דארף מיין וואלענע קלייד א ביסל אויסלאדען מע דארף |...| די ארבל מאכן ברייטער, ווי מע טראגט היינט. וואס זאגסטו? אנגייען א בלאנד |טעקסט:בליאנד| אויפן האלדז?". פינסקער שטאט-לוח, ווארשע. 3747

1915 " א זאנטיקל האט מיר מיין ליבסטער געקויפט, // א זיידענעם מיט בלאנדן |טעקסט:בליאנדען| און שפיצן". הר, געדיכטע און לידער, נ"י, ז' 175. 3745

ב ל א נ ד ז ע ן - --> בלאנדזשען.

ב ל א נ ד ז ש - דער, בא, פפֿ: בלאנטש, בלאנטש.

1. (שפּיל); פּטמ נעמען:ביינדלעך, שטיינער.

% טייל מאנצבילן האבן געכאפּט א קערטל, די עלטערע האבן געשפּילט אין בלאנדזש.

2. דער קאמפּלעט שטיינער (ביינדלעך) צום שפּילן אין בלאנדזש. % ער האט געבראכט פון דער רייזע א מתנה - א שיינעם בלאנדזש פון אניקס.

1973 " |...| קויפן אויפן יאריד דעם בלאנדזש פאר פריידעלען". ל. אליצקי, וואלינער יידן, ת"א, ז' 284. 1373

{ באם: ס'איז נייטיק צו דערקלערן געגוי די שפּיל? }

ב ל א נ ד ז ש ע ן - אומוו, פפֿ: בלאנדזען, (זן) בלאנזען/ בלאנזענען. 1. פארלירן דעם ריכטיקן (נייטיקן) וועג (ביים גיין, פארן), ניט וויסן וווּ צו גיין.

% די קינדער בלאנדזשען אין וואלד און ווייסן ניט ווי אזוי צו קומען אהיים. צוליבן שניישטורעם האבן די פערד זיך אראפּגעשלאגן פון טראקט און מ'האט לאנג געבלאנדזשעט, ביז מ'האט דערזען די שייך פון א קרעטשמע.

1880 " שוין דריי טאג בין איך געפארן אויף דער יאכט מיט א געזעלשאפט און בלאנזע שוין דעם דריטן טאג". |מחבר?|, דיא הילף פון דעם ארומן דינסט מיידיל פון בראד, לעמבערג. 1286 (?נ)

... " דעם צווייטן תירוץ זאלסטו זאגן,// אז דו

1303 האסט געבלאנדזשעט אין וועג". פל.

1910 "|געבענטשט זאלן זיין די| וואס קריכן און

1288 בלאנדזשען אויף טויזנטער וועגן// אין רעגן, אין

שטורעם, אין היץ און אין קעלט". פרוג, אלע

שריפטן, ב' I, נ"י, ז' 61.

1920 " |...| און ער האט דערציילט, ווי ער האט

1298 געבלאנדזשעט און זיך געראנגלט אויפן פעלד".

סעג, גילדענע פאוועס, ווילנע, צייט אנט

ז' 417.

2. ארומגיין פון איין ארט אויפן אנדערן סתם אזוי,

אָן א באשטימטער ריכטונג אדער ציל; בלאָנקען.

% אין אזא שיינעם טאג איז גוט צו בלאנדזשען

איבער פעלדער, לאנקעס. מיר בלאנדזשען אין די

געסלעך פון דער אלטער שטאט און באוואונדערן די

פארצייטיקע ארכיטעקטור.

1876 " לאמיר איצט לאזן בלאנזענען אונדזער עלנטן

1356 ארעמאן יאזעף איבערן יארִד |...|". |א. ח. וויינער|,

דיא קלוגע מציאה, ווילנע.

... " פרייטיק ביי טאג, אז קינדער קערן זיך אום

1356/א פון חדר און בלאנדזשען אונטער די הייזער צווישן

באַדיאַקעס [...]". בערג, דרויב, קאנק 144/69.

1947 " האָב איך געבלאָנדזשעט אין דער נאכט, אָפּגעצויגן

1316 מיטן גייען שלאפן". סעג, מיינע זיבן יאר אין

תל-אביב, ב"א, ז' 105.

3. (פיג) האבן/מאכן אטעות, גרייזן, ניט געפינען דעם

ריכטיקן ענטפער אויף א פראגע/פּראָבלעם. % דער

תלמיד האט היפש געבלאנדזשעט, ביז ער האט ריכטיק

געלייזט די אויפגאבע.

1889 " ער הערט |...| ווי זיי לערנען, זיי זיינען
1355 געקומען אויף איין ארט און האבן זיך פארהאקט|...|
ער קאן ניט אויסליידן און זאגט צו זיי: אוי,
בלאנזעט איר, אבער גאר מיאוס, דער פשט איז אזוי
און אזוי". |מחבר?|, מפענח נעלמים, ווארשע,
ז' 2.

1975 " די אויגן דינען שוין נישט |...| און דער מוח
4717-ביי פלאנטערט א מאל, בלאנדזשעט, מאכט טעותים און
פארפירט". ב. רעסלער, צ: אלגעמיינער זשורנאל,
נ"י, II/21.

4. (פיג) ניט געפינען דעם ריכטיקן וועג (גייסטיק,
אין לעבן). % יעדער קינסטלער בלאנדזשעט לאנג
ביז ער געפינט זיין אייגענעם סטיל. די היינטיקע
יוגנט בלאנדזשעט אויף זוכנדיק אן אידעאל.

1884 " |...| גייען און בלאנזען און אירן |מאכן א
1354 טעות|, // לאזן זיך פון צאפּעס פירן". ש. מ.
אסטראווסקי, דער מאסקעראדן באל, ווארשע, ז' 96.

1928 " מיר בלאנדזשען שטענדיק צווישן סודות. מיר
1290 זוכן אין דער פינצטער ביי די ווענט פון לעבן".
ספ, סודות, ווארשע, ז' 19.

1960 " מירקין האט גענוג געבלאנדזשעט, גענוג אנגע-
1291 ליטן זיך, ביז ער האט זיך איינגעלעבט אין דער נייער
סביבה". שנ, שלום אש, נ"י, ז' 188.

5. (פיג) אראפגיין פון דרך הישר, זינדיקן אבער אומ-
גערן, ניט באוווסטזיניק.

1961 " |...| און דאן נעמען בלאנדזשען אויף שלעכטע
1280 וועגן און אומוועגן". ס. נייטען, טמז, VI/28.

|| <u>בלאָנדזשלינג</u> - דער, =ען. (<u>שנש?</u>) דער וואָס
בלאָנדזשעט, בלאָנקעט זיך אום.

1924 " עס וואַלגערט זיך דאָס האַרץ מיט <u>בלאָנדזשלינגען</u>
אויף בריקן |...|". <u>פּמ</u>, <u>זש' כאַליאַסטרע II</u>, 1280
פּאַריז, ז' 8.

אַ סך, לאַנג, פּ 1.

<u>בלאָנדזשעניש</u> - דאָס, =ן. 1. דאָס זוכן אַ
געפֿינען % דאָס <u>בלאָנדזשעניש</u>
אין געדיכטן וואַלד האָט גענומען שיינע עטלעכע שעה,
ביז מ'האָט זיך אַרויסבאַקומען.

2. (<u>פֿיג</u>) דאָס זוכן אַ גייסטיקן וועג, דעם באַשייד פֿון
אַ לעבנס פּראָבלעמ <u>אַע</u>.

1954 " |...| מיט אַלע זיינע <u>בלאָנדזשענישן</u> האָט ער
|שלום אַש| אַריינגעבראַכט אין די יידישע שאַפֿונגס- 1328
אוצרות גרויסע ווערק און ווערטן". <u>זש' פּאַריזער
צייטשריפֿט</u>, נ' 4, ז' 30.

1962 " |...| דו האָסט פֿאַרבלאָנדזשעט אין דיין לעבן
ווי אין היילן, // און זאָלסט ניט דאַרפֿן פֿון דיין 1327
<u>בלאָנדזשעניש</u> דערציילן, // ווי ווילדפֿלייש וואָס
מע מוז פֿון לייב אַרונטערשיילן". <u>חג</u>, <u>דער מענטש
פֿון פֿייער</u>, נ"י, ז' 81.

פֿגל <u>בלאָנדזשער</u>/<u>בלאָנזשער</u>.

<u>בלאָנדזשער(=ין, =קע)</u> - דער/די וואָס בלאָנדזשעט.

1936 " איך בין, ווי דו זעסט מיך, אַ גרויסער יתום,
אַ <u>בלאָנדזער</u>". <u>מ. אַלטמאַן</u>, <u>מדרש פּנחס</u>, בוקאַרעשט, 1267
ז' 168.

1945 " ס'שעפּט אַ <u>בלאָנזער</u> טראָפּנס ליכט". <u>אַפּאַ</u>,
<u>יעקבס געצעלטן</u>, נ"י, ז' 157. 1357

1951 " איך האב שוין דעמאלט געהאט געלייענט מאפון,
1330 סמאלענסקין |...| איך בין נאך אליין געווען א
בלאנדזשער, א זוכער". וו. שולמאן, זב ליטע I,
נ"י, ז' 1163.

1920 " אונדזער פרוי הייסט סך-הכל רחל, די אייביקע
1331 בלאנדזשערין, זוכערין און וויינערין". זב 'פון
פוילען' I, ווארשע, ז' 134.

בלאנדזשען מיט די אויגן – קוקן אין פארשיידענע
זייטן אן א קלארן ציל, אדער ווי זוכנדיק עפעס,
קוקן צעטראגן, קוקן און ניט זען.

... " טוען ביי איר |...| א בלאנדזשע אויף רעכטס
1289/א און אויף לינקס די שולדיקע קאסע אויגן". בערג,
דרויב, קאנק: 151/246.

1949 " צווישן הונדערטער יידישע שטעטלעך בלאנדזשען
1300 מיינע אויגן און זוכן דאס שטעטל.ווו מיין וויג
איז געשטאנען". י. שווארצבארט, יזב ס'כזשאנאוו,
רעגנסבורג, ז' II.

1961 " זי מישט די בלעטער און בלאנדזשעט מיט די אויגן
1284 איבער די שורות". מ. ראסקין, פאר, II/5.

בלאנדזשען אין דער פינצטער – געפינען זיך/טאן עפעס
אין מצב פון אומזיכערקייט, אומבאוווסטקייט, זוכן
א וועג אין לעבן אבער ניט וויסן גענוי וואס מע וויל.

... "בלאנדזשעט מער ניט אין דער פינצטער,// וואנדערט
מער ניט אין דער נאכט |...|"....

<u>ער בלאנדזשעט אין די וואלקנס</u> – וועגן א מענטשן א פאנטאזיאר.

<u>ער בלאנדזשעט אין פרעמדע קעשענעס</u> – ער איז א קעשענע-גנב.

<u>ער בלאנדזשעט אין עברי</u> – ער קאן נישט לייענען, דאווענען.

<u>ער בלאנדזשעט אין קארטן</u> | <u>יישפ</u> I – 6| – קען נישט שפילן|?|.

<u>בלאנדזשען מיט דער צונג</u> | <u>יישפ</u> I – 6| – |ב נב, [illegible]

~~[illegible]~~

<u>בלאנדזשען אויפן עולם התוהו</u> |אוילעם האטויע| – זיין דול, ניט וויסן ווו מ'איז אין דער וועלט.

<u>שור</u>: <u>אז מע פרעגט, בלאנדזשעט מען ניט</u> (וואריאנטן: <u>ווער עס פרעגט, דער בלאנדזעט ניט</u>; <u>אז מע פרעגט א סך, בלאנדזשעט מען ווינציק</u>; <u>בעסער א שעה פרעגן, איידער א מינוט בלאנדזשען</u>; <u>א קלוגער פרעגט א נאר בלאנדזשעט</u>) – דער שותפותדיקער מיין פון די אלע שפריכווערטער איז: א) א מענטש טאר ניט זיין צו פיל איינגעגלייבט אין די אייגענע פעיקייטן, קיינער איז ניט קיין אלץ-ווייסער; ב) א מענטש דארף וויסן וואס ער וויל(גייט) טאן, וואס און ווו איז זיין ציל, און אויב ער אליין איז ניט זיכער אין דעם, דארף ער פרעגן ( זיך לערנען) בא אנדערע, אויב ניט קענען די רעזולטאטן זיין פאטאלע.

וועץ ניט די לאך, וואלט די מויז דארט ניט פארבלאנדזשעט

- גניבה, אומערלעכקייט אע זיינען אפט א פועל-יוצא פון מאנגל אין קאנטראל/ פון א פארדארבענער סביבה.

?נ? ב ל אָ נ ד ז ש ע נ ד - גאדי/גאדוו --> בלאנדזשענדיק.

?נ? ב ל א נ ד ז ש ע נ ד י ק - גאדי/גאדוו, פפ: בלאנדזענדיק, (דטשמ פארמע) בלאנדז(ש)ענד.

וואס בלאָנדזשעט, בב 1-4.

... " נאר איין לייבל |...| איז געזעסן ווי א

1320 פרעמדער, מיט אויסגעטריקנטע, בלאנדזשענד [illegible] קוקנדיקע אויגן". שע, בלאנדזענדע שטערן, I, צים אויסג, ווארשע, 1921, ז' 88.

1921 " א בלאנדזשענדע תיבה וועט טויבן מיר ברענגען

1318 אהער אין דער מוימשטאם?". פמ, די קופע, ווארשע, ז' כ"ח.

1927 " זייך |...| בלאנדזשענדיקער בליק האט זיך

1325 אפגעשטעלט אויף איר מיט א פארפרעמדטקייט". ה. ד. נאמבערג, דאס רבישע איי'ניקל, צים אנט, ז' 399.

Z7 בלאנדזשענדיקער נערוו - דער, =ז, [illegible] (אנאט) איינער פון די שארבן-נערוון, דער נאמען נעמט זיך פון זייך צעצווייגטקייט אין ארגאניזם.

בלאַנדין - דער, =ען. א מאַן מיט בלאַנדע האר.
% זי האט זיך פארליבט אין א בלאַנדין, זיינע האר
זיינען אזוי ווי גאָלדיקע.

1888 " ער איז א בלאַנדין, א מיטעלער ראָסט |וווקס|
1335 מיט בלאַנדע קוטשעראווע האָר". ש. בעקערמאַן,
די קאַרטן וואַרפערקע, אדעס, ז' 10.

||=קע - די, =ס. 1. (פּפּ: זן בלאַנדינע). פרוי
מיט בלאַנדע האר. % ביי דער דאזיקער בלאַנדינקע
זיינען די האר זייער העל, כמעט ווי שטרויקאליר.

... "ביאליסטאקער קאקעטקעס, // בלאַנדינקעס און
1338 ברונעטקעס,// זיי קלייבן זיך אויף אין איינעם//
און זוכן א בחור א שיינעם". פּל.

1928 " אונטער א בופעט איז געשטאנען א יונגע
1339 בלאַנדינקע פון א יאר ניינצן, שיין פארקעמט".
אָפּא, אלע ווערק, ב' I, ווילנע, ז' 79.

2. (שגל) לויז.

1948 " מיין באקאנטע |...| מוט א זאג מיט א שמייכל
1337 'א בלאַנדינקע'. זי נעמט דעליקאט אראפ די לויז
פון מיין פּאלטן |...|". אנדענקבוך פון יידישן
ראַדעם, שטוטגארט, ז' 85-86, ציט בלום, יישפּ,
XII - I, 1958.

בלאנדינע I - די, =ס. דזוו בלאנדינקע, ב 1.

בלאנדינע II - די, בא, פּפּ בלאנד.
מין שפיצן (קאראנקעס, קרוזשעוועס) פון רויען זייד.

בלאַנדיק - אדי/אדוו. (שנש) ווי בלאנד,
גאלדיק געל.

193... " א שפּאַן אין דריטן הימל - // בלאַנדיק זאנג-
פעלד". סוצ, ציט פּוו, ב' I, ת"א, (1963) ז' 96.

ב ל אָ נ ד ל ע ן (ז י ך) - אוטור. (שנש) זייך/
ווערן בלאנד, ארויסשפראצן בלאנדע האר. % "די
פיצעלעך האר פון זיין חתימת-זקן האבן זיך געבלאנדלט".
|קטור|. 1341

1964 " אין דער שפיציקער מארדע, וואס האט שוין
געבלאנדלט מיט סימנים בארד". י. קאפלאן, 1342
שליאך און אומוועג, ת"א, ז' 305.

ב ל אַ נ ד ן  ז י ך - אוטור. "זיך צונויפמישן, (?נ?)
זיך צונויפפּאַסן (פון שוועדיש)". |קטור|. 1365

ב ל אָ נ ד ע ו ו ע ן  ז י ך - אוטור. (שנש) פארבן
זיך די האר אויף בלאנד.

1931 " די באָבע בלאנדעוועט זיך די האר". נאד,
די גייסטע ווערק, II, נ"י, ז' 31. 1367

ב ל אַ נ ז י ר ע ר - דער, =ס. (עלס) אקראבאט וואס
גייט אויף א שטריק (מיט א באלאנסירער-שטעקן).

1863 " |...| כמו שעושין שקורין בלאנזירער שהוא
מרקד על החבל". חא, ווילנע, כלל ס"ג, סימן י"ז. 1371

..................................................

989: ס'קען גיבער זיין אז ס'פעלט (אין טעקסט אדער
פון איבערשרייבער) דער אלף נאכן ב (באלאנזירער).

ב ל אָ נ ז ש - --- בלאנדזש.

בלאנזשיר - דער, =ן. "גארבער-געצייג וואס דינט צום אפשאבן, אפפוצן די פעל"; אויך בלאנזשער-אייזן" |קטוו|. 1274

בלאנזשירן - טרוו. (גארבעריי, סטוטש295) אפשאבן, אפרייניקן די מעזדרע פון דער פעל.

|| =ער, =ס. "דער גארבער וואס ספעציאליזירט זיך אין בלאנזשירן" |קטוו|. 1278

בלאנזשע |אקצענט?| - |דאס?|, בא, פפ: בלאנדזשע. פאסאן פון א בערדל.

1908 " ער איז גאר אן אנדער מענטש געווארן. ער האט אנגעטאן א קורצן סערדיס |הורדוט|, ארומגעשוירן די בארד, געמאכט בלאנזשע". ווי. ליטינסקי, ר"ח תמוז פאר משוגעים, בערדיטשעוו, ז' 18. 1374

1929 " ער איז א מיטלוווקסיקער, א ביסל אן איינגע-הויקערטער, און האט א שווארץ געשוירן בערדל, א בלאנדזשע". בערג, יוסף שור, ווילנע, ז' 78. 1372

1956 " ער האט זיך נאר פארלאזט א בערדעלע בלאנזשע, // זיך מיט א שניפס פארפוצט און מיט א קאלנער". 1358
פמ, מלחמה, II, נ"י, ז' 371.

.........................................

909: ס'קען זיין אז ס'איז א פאלקסטימלעכע פארגריי-זונג פון בולאנזשע. FR: boulanger
מאקע געווען אזא מין בערדל.

.........................................

ב ל אַ נ ט ש - די, באַ. (לאַקל,סאָנץ) "פֿון פֿראַנצויזישן blanche. דאָס ווייסע שטיינדל אָדער דער ווייסער טייל פֿון שטיינדל אין דאָמינאָשפּיל". |ר. מאַהלער, יידשפּ IV, 3 - 6).

(כּפֿ: דאַלאָניע.)

ב ל אָ נ י ע - די, =ס. פֿלאַכער ערד-שטח באַדעקט מיט גראָז, (אָ) פֿאַשעפֿעלד; לאָנקע. % די בהמות פֿאַשען זיך אויף דער בלאָניע הינטערן שטעטל.
P: blonie
uк: болонья

1936 " |...| אַז זי פֿלעגט אים דערזען דורכן פֿענצטער גיין איבער דער בלאָניע |...| "האָט זי גיך אַרויס- געשלעפּט פֿון קופֿערט אַ ניי בלוזקעלע|...|". רק, ערד, וואַרשע, ציט אַנט, ז' 559. 1362

1930 " סע ציט אַזאַ ווייַנענדיקער קוויטש איבערן גאַנצן וואַלד, איבער דער בלאָניע". ק. הייזלער, קומאַרנער פֿאַרשוינען, נ"י, 1953, ז' 18. (3ווי אויך) 1363

ב ל אַ נ ע - די, =ס. 1. (אַנאַט) דין הייטל אין געוויסע אָרגאַנען פֿון קערפּער (אין מויל, נאָז אאַ).
< P: blona.

1908 " דורך דעם שטאַרקן צוזאַמענציען פֿון דער געבער- מוטער פּלאַצט די בלאַנע, אין וועלכער דאָס קינד איז געלעגן |...|". |איבז, ווער?|, עצות פֿאַר דעם פּרויען לעבען, (ב מחבר?) וואַרשע, ז' 27. 158

1908 " די עפֿענונג |...| איז פֿאַרמאַכט מיט אַ בלאַנע (בתולים) |...|. די בלאַנע ווערט דורכגעריסן בשעת דעם ערשטן מאָל פֿון אַ געשלעכטלעכער פֿאַראייניקונג". דצור, ז' 31. 1385

2. (ספעצ) א קליין דין הייטעלע וואס וואקסט אן אויף אן אויג און שטערט דער ראיה; קאטאראקטע, בעלמע.

1901 " און אז דו וועסט זען א בלינדן, וואס האט א
1384 בלאנע אויף די אויגן |...|". שמי"ר, מעשה פון פרומען ר' טוביה|...|, ווארשע, ז' 15.

1919 " אויב ער |דער כהן| האט לאנגע ברעמען |...|
1386 אדער א בלאנע אין די אויגן, איז דאס א מום". ססי, II, ווארשע, ז' 62.

ם האבן א בלאנע פאר/אויף די אויגן - ניט קאנען אדער ניט וועלן זען עפעס וואס אלע זען. % די דאזיקע מענטשן האבן בלאנעס אויף די אויגן און זעען ניט די סכנה וואס קומט אן.

אראפרייסן די בלאנעס פון די אויגן - מאכן מ'זאל זען, פארשטיין עפעס.

1962 " דער שטן אליין האט דאך אונדז אראפגעריסן די
1392 בלאנעס פון די אויגן". מ. פראגער, טמז, ז' I/2.

ב ל אָ נ ע - ב ל אָ - ← בלאָן II.

ב ל אַ נ ק I - דער, =ען. 1. גלאנץ, ליכטיקייט, בליציקייט, בלענד.

1879 " ער האט ארויסגענומען זיין בלויזן שווערד און
1436 |...| האט זיך אנגעמאסטן דאס דער בלאנק פון שווערד האט געשיינט אין זייערע בלאסע געזיכטער".
נ. גליק, מעשה ר' מנחם אלטארוער, ווילנע, ז' 12.

1919 " פון די הויכע פענצטער אין שול האט זיך אהער אריינגעריסן א בלאסער בלאנק". י. א. ליידזעראוויטש, דער זינדיקער, פעטראגראד, ז' 9. 1428

191... " איך האב אנטפלעקט אין איר |אין דער יידישער שפראך| געהיימע זונען, // קמיעות טייערע פון די רייכסטן בלאנק". ל. ניידוס, ציט זש' גאפ, נ"10, ב"א, 1948, ז' 11. 1429

1929 " פון פאליטור ווערט פארלאנגט, ער זאל ביים אויספאליטורן |מעבל| ארויסבאקומען א שטארקן, לויטערן בלאנק, אן פלעקן". בער, ז' 131. 1429

2. ליידיקייט, ניט-אויסגעפילטקייט, בלויז חלל.

1912 " דער גאנצער עבר - א בלאנק, און ער האט קיין ברעקל שייכות ניט צו דער קעגנווארט און צו דער צוקונפט". זשיט, שריפטן II, נ"י, ז' 149. 1404

ב ל א נ ק II - דער, =ען. פּפ: בלאנקעטּ.

1. קאנצעלארישע פארמע (פארמולאר) מיט ליידיקע רובריקעס אויסצופילן. % צו באקומען דעם פּאס דארף מען אויספילן א גרויסן בלאנק מיט פארשיידענע דאטן וועגן געבורט, אדרעס אע.

1866 " פאר דרוקן בלאנקען, |...| ראפארטן |...| און סיגנאטורן פאר דער אפטייק |...| 154 רוב". קמ, נ' 13, ז' 199. 1407

1900 " בעת די דאקער|ס| האבן פארלאנגט א 'קאלעקטיוון אפמאך', האט דער 'אלגעמיינער קאמיטעט |...| 'איינגעפירט די 'בלאנקען' פון פרייע ארבעט. |...| נאר יעדער דאקער האט געקראגן ארבעט, וועלכער פלעגט נעמען אזא מין צעטל". |מחבר?|, די געשיכטע פון די ענגלישע ארביימער-בונדען, זשענעוו, נאוועמבער, ז' 115. 1478

1947 " איז דאס אויסגעפאלן אין יענע טעג, ווען דער
קאנסולאט האט זיך שוין איינגעפאקט מיט אלע זיינע 1467
בלאנקעטן". טעג, געברענטע ערד, ב"א, ז' 183.

2. בריוופאפיר מיט אפגעדרוקטן נאמען פון אן אינסטי-
טוציע, פירמע אע. % דער בריוו איז געשריבן אויף
א בלאנק פון אוניווערסיטעט.

1960 " |...| ליגן פאר אים בלאנקען פאפיר מיט [illegible]ען
אנהייבן און ער קען ווייטער ניט שרייבן". 1430
ש. סיימאן, צווייגן, ב"א, ז' 57.

3. (עלט) צאל-התחייבות, וועקסל.

1868 " דער קויף איז געענדעט געווארן מיט מזל.
דער נאטאריוס האט אפגעשריבן די פראוועס |רעכט| 1468
|...| און דאן האט ער באצאלט דעם גראף די העלפט
מיט בלאנקעטן". אמד, דער מיליאנער, ווילנע.

0 בלאנקאויפשריפט - די, =ן. |סטוטש 475|.
זשירע, אינדארסירונג.

בלאנק-אויפשרייבער - דער, =ס. |סטוטש 475|. זשיראנט.

בלאנקוועקסל - דער, =ען, פּפּ: בלאנקא-וועקסל.
וועקסל אין וועלכן ס'איז ניט אנגעגעבן די סומע
צום באצאלן.

1922 " וועקסלען וואס זיינען אויסגעשטעלט אן אן
אנווייזונג פון דער הייך פון דער סומע, ד"ה, 1444
בלאנקא-וועקסלען, אונטערליגן אן אפצאל". ב. האפערן,
א האנטביכל |...| פון א פאלקסבאנק, ווילנע,
ז' 73.

1951 " פון דייטשלאנד און עסטרייך קיין ליטע און
פוילן און צוריק האבן יידן-סוחרים געצויגן אויף 1441
ירידים, פויליש-ליטווישע 'מאמראנעס' - בלאנקוועקסלען

– האבן אנגעשפארט אויף לייפציקער מעסעס". בעל-דמיון, זב ליטע I, נ"י, ז' 1131.

1438 בלאנקקרעדיט – דער, =ן |סטוטש 491|. ~~דבנקא~~ אַן אָפּגענער, *ניט-דערגרייכטער קרעדיט (?).

ב ל אַ נ ק III – דער, =ען. מין הארטער לעדער.
% דער שוסטער האט איינגעקויפט עטלעכע פעלן בלאנק
אויף פאדעשוועס.

1929 " פעטעטער בלאנק און פראסטער פלאַט |...|, //
1427 בול 2657 ס'האבן יידן דארט געגארבעוועט און געוואלקערט
|...|". פמ, ברידער, מאָסקווע-כאַרקאָוו= מינסק ~~[?]~~, ז' 26.

0 בלאנקלעדער – די/דאס, בא. דזוו דפוו.

ב ל אַ נ ק IV – דער, בא. (גלש) קליינגעלט |י. טריוואקס,
1406 גנבים-שפראך, זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז' 162|.

ב ל אַ נ ק V – אדי/אדוו. 1. קלאר ווייס, ליכטיק,
העל.

1957 " דער פריש אויסגעשניטענער בלאנקער סערפ
1414 פון דער יונגער לבנה |...|". ברוס, די שטילע
ערד, נ"י, ז' 29.

1967 " |...| און זיין צווייט אפן אויג ווערט נאך
1409 גרעסער, בלאַנקער". חג, טמז, III/17.

1973 " |...| איר בלאַנק ~~[?]~~ ווייסע בלוזקע
1440 |...|". ל. אליצקי, וואלינער יידן, ת"א, ז' 113.

2. גלאנציק, פינקלענדיק, בלענדיק, בליציק.

1920 " |...| און ס'האבן זיך <u>בלאנקער</u> די
קאסעס צעפייפט". <u>מק</u>, <u>פאעמען, רייסן</u>, ווילנע, 1425
ז' 38.

1927 " און אונדזער גרויסע זון שיינט <u>בלאנק</u>,
ווי גאלד, // און ברענט אין פענצטערגלאז פון 1411
זיבנגארנדיקע ווענט". <u>מלה</u>, <u>אין ניו-יארק</u>,
ווארשע, ז' 17.

1954 " פון דער פינצטערניש האבן ארויסגעפלאמט
וועלפישע אויגן און ציין האבן געסקאליעט ווי 1461
דער <u>בלאנקער</u> שארף פון שטאל". <u>מ. דאנציס</u>,
<u>אייגן ליכט</u>, נ"י, ז' 8.

3. זויבער ריין, שפיגל ריין, פינקלענדיק און פעכלדיק.

1908 " |...| און דער באשעפער, ער האט אויפגעמאכט
// אנטקעגן זיינע <u>בלאנקע</u> הימלען ריינע |...|". 1413
<u>מר</u>, <u>שריפטן</u>, <u>I</u>, <u>פאעזיע</u>, נ"י, ז' 174.

1930 " און ווי א גזלן זיצט דער גרויסער, מעשענער
און <u>בלאנק</u> געפוצטער סאמאוואר". <u>הר</u>, 1403
<u>הרודעס</u>, ל"א, ז'...

1936 " אויך דאס מעשענע שילדל איז געווען בלאנק
געפוצט און גלאנציק ווי א שפיגל". 1400
<u>ש. האראנטשיק</u>, <u>שטארקע מענטשן</u>, ווארשע, <u>ציט אנט</u>,
ז' 189.

4. (<u>פיג?</u>) שאַרף, שניידנדיק.

1882 " ערשט אז עס זענען אנגעקומען אולאנער האבן
זיי מיט <u>בלאנקע</u> פיקעס |שפיזן| צעטריבן די 1459
פאגראמשטשיקעס". <u>ייפאל</u>, נ' 44, ז' 683.

1934 " |...| עס שטארבט דאך |...|// זיין בענקשאפט,
1423 ווי א טויב א ווייסע אונטערן בלאנקן חלף". מלה,
לידער I, נ"י, ז' 248.

1935 " |...| ארויסגעשיקט קעגן אים מחנות ריזן
1423/א מיט בלאנקע שווערדן, אים צו פאנגען". באש,
דער שטן אין גאריי, [illegible] קאנק 113/296 - IV.

5. (פיג, [illegible]) זייער גערעטענער, שיינער (וועגן א מענטשן).

1868 " ער איז דאך איין בלאנקער יונגער-מאן מיט
1533 גרויסע מעלות, מיט גרויס השלמה, ער טויג צו גאט
און צו לייטן". אמד, דער מיליאנער, ווילנע.

7. בלאנק ווי א שפיגל |פפ| - זויבער ריין, אן א פלעק, גלאנציק. |מ. מארק, יישפ, VI - 3 - 6|.

בלאנקער פערז - ווייסער פערז (אין פאעזיע), אן גראמען.

1947 " |...| דערשינגען א ליד אין בלאנקן פערז".
1426 מבאר, א דור, נ"י, ז' 287.

ב ל א נ ק VI - אדי/אדוו. ליידיק, הויל, בלויז, ניט-אויסגעפילט.

1870 " מען האט געקריגן אויף אים א וועקסל, עס
1460 הייסט, אז דאס איז געווען א בלאנקע חתימה אויף
סטעמפל|-פאפיר|". צעדערבוים, געהיימניס פון בערדיטשעוו, ווארשע, ז' 74.

1886 " ניט האבנדיק קיין טראקט |...| וועלכער זאל
1405 א מאל אראפברענגען א פרעמדן, שטייט דאס שטעטל
בלאנק |[illegible]. אליין". יפאל, נ' 30, ז' 464.

ב ל <u>א</u> נ ק אָ =... באשטימטייל פון צונויפהעפטן:

<u>בלאנקא-וועקסל</u> – א צאל-דאקומענט, ווו ס'איז ניט אנגעוויזן די דאטע פון צאלן אדער די סומע צו באצאלן.

<u>בלאנקאטשעק</u> – טשעק ווו ס'איז ניט אנגעגעבן דער נאמען פון טשעק-אפנעמער.

ב ל <u>א</u> נ ק אָ וו ע – <u>אדי</u>. „פון בלאנק (לעדער)" |קטוו|.
די זוילן פון די שטיוול זיינען פון <u>בלאנקאָווע</u> 1445
לעדער.

ב ל <u>א</u> נ ק י ז ם – דער, <u>בא</u>. שיטה אין דער אוטאָ-פיסטיש-סאציאליסטישער באוועגונג אין פראנקרייך (לויטן נאמען פון רעוואלוציאנער לואי-אָגיוסט בלאנק, 1805-1881), וואס האט געלייגט דעם טראפ אויף דער נייטיקייט פון געהיימע פארשווערונגען צו דערגרייכן די מאכט.

ב ל <u>א</u> נ ק י ט <u>I</u> – --- <u>בלאנקעט</u> <u>I</u>.

ב ל <u>א</u> נ ק י ט <u>II</u> – דער, <u>בא</u>. כעמישער צונויפשטעל:
– הידראסולפיט פון נאטריום, געניצט אין פארבן

שטאפן, איך ווייסן און ביים צוגעבן א ריין ווייסן קאליר דעם ראפינאד(צוקער).

ב ל א נ ק י ט נ ע - אדי. (נא) הימל-בלא.
Ик: блакитний; P: błękitny
%בלאנקיטנע סטענגעס.

1959 " איך שטיי |...| קעגן הימלמויל בלאנקיטנע, רוימיק". מ. דייטש, צום נאענטן שטערן, יידיש, ת"א, ז' 319. 1450

ב ל א נ ק י ס ט - דער, =ן. אנהענגער פון דעם בלאנקיזם.

1903 " די פראנצויזישע 'בלאנקיסטן' |...| זיינען אפן ארויס אלס אן אנטירעליגיעזע פארטיי |...|". מ.א...רעליגיאן און קלאסענגעגנזאצען, לאנדאן, ז' 72. 1451

ב ל א נ ק י ק - אדי/אדוו. גלאנציק, שפיגלדיק. |סטוטש 289|.

ב ל א נ ק י ר ן - אוטוו |אהוו|. 1. בלייכן, אויס-בלייכן, בליאַקירן.

2. (זן)דזוו בלאנקען. ב 2.

: דאס ווארט און דער טייטש איז ביי אהוו: בלאַנקירן- bleach און bleach טייטשט ער: (אויס)בלייכן, (אויס)בליאקירן. איך האב אזא ווארט אגב באטייט ניט געהערט; ניטא ניט ביי הארקאוויץ, ניט ביי סטוטשקאוון.

לפמוצ
ב ל א נ ק ע - די, =ס. (לאקל, ...?) |"א הילצערנע ראם פון א פענצטער אדער א פריטלקע פון א טיר צי א פענצטער, איידער עס ווערט אריינגעפּאסט איך פלאץ" |קטוו|. "יא א סטאליער, ניט א סטאליער - א בלאנקע קען איך מאכן" |קטוו|. 1462

בלאַנקעוודיק - אדי/אדוו. דזוו בלאנקענדיק.

1920 " |...| איך הייסן געיעג נאך א הזמען א בלאנקעוו-

1464 דיק שטאָלצן |...|". מק, שירים, ווילנע, ז'82.

בלאַנקעווען - ---> בלאנקען.

בלאַנקעט I - דער, בא. קאליר הימל בלא, תכלת בלא. פפ(נר) בלאנקיט.

1920 " בלאַנקיט (הימל-בלא) |טערמינאלאגיע פיזיק,

1447 זש' די נייע שול, ווילנע|.

1910. " סארא זויבערע קאלירן. // רונד ארום בלאנקיט

1446 און גאלד". ה. קאמענעצקי, א באשטעלונג אויף

יוגנט, ז' 94.

באמ: דעם אנווייז נר גיב איך לויט סטוטש און אהוו. כ'האב קיין מאל ניט געהערט 'בלאַנקעט' אין דעם באטייט, נאר 'בלאנקיט' דווקא, נאענט צום אוקראינישן ווארט блакитний.

בלאַנקעט II - ---> בלאנק II ב'1.

בלאַנקען - אטוו, פפ (זן) בלאנקירן.

1. גלאנצן, פינקלען, בלענדן.

1891 " שימער, ווי דער האבער אויפן פעלד, בלאנקען

1513 פארזיימע שטערנדלעך, עפעס מיד, פארוואגלט". פרץ,

דאס וואסערל, ציטאויסג נ"י, 1947, ב' II, ז'192.

1906 " די גאלדענע קויל האט געבלאנקט און געבלאנקט,
1495 שטעכנדיק די זון מיט טויזנט פייערדיקע |...|
שפיזן". ווייס, א שטעטל, ציט אויסג' ווארשע,
1930, ז' 53.

1926 " עס האבן א בלאנק געטאן די ווייסלעך, ווי
1412 איבערגעווארפענע גוטע שטיינער אין דער פינצטער".
מק, מאנטיק, ציט אנט, ז' 607.

2. זיין קלאר ווייס, זויבער ריין, שפיגל ריין,
פינקלען און פעכלען פון ריינקייט.

1909 " ער שטעלט אוועק די ריינע גלאז אויפן פרישן
1454 טישטעך, וואס בלאנקירט פון ווייסקייט". יעקב
שטיינבערג, גש, [illegible], ז' 40.

1948 " יידישע בעל-מלאכות, ארומגעוואשענע, האבן
1491 געאיילט אין שול, |...| די שבתדיקע בגדים האבן
געבלאנקט". ה. שישלער, יזב כעלם, יאהאנעסבורג,
ז' 126.

1971 " |...| און איטלעך ווינקעלע האט געבלאנקט
1493 ביי איר". חג, טמז, 21/V.

[7 פפ: בלאנקען ווי אלעבאסטער, ווי א שפיגל, ווי
מעשענע לייכטער, ווי א סאמאוואר, ווי גלאז אויף
דער זון - שטארק גלאנצן, פינקלען.
ער בלאנקט ווי אן אויסגעפוצטער שטיוול - (איראניש)
וועגן עמעצן וואס שיינט צו פיל פאר פרייד.
ניט אלץ וואס בלאנקט איז גאלד|שוו| - ניט יעדער
(זאך), וואס זעט אויס שיין, איז טאקע גוט אויך.

בלאַנקען - אוטוו. גיין אָן א באשטימטער ריכטונג/ ציל, וואנדערן פון ארט צו ארט, זוכן א וועג, בלאָנדזשען.

P: błąkać się

1905 " |...| בלאַנקענדיק ערגעץ אין די דערפער פארפארן, פארשמאכט, הונגעריק |...|". י. יאנישעווסקי, דער געפונענער ברודער, בארדיטשעוו, ז' 10. 1528

1929 " בלאנקעט די נשמה אין דער ארומיקער וועלט, פילנדיק נאר זיך און איר ווייטאג". בעם, געקליבענע שריפטן I, ווארשע, ז' 141. 1510

1966 " קאנסט זיך פארלירן נאך, פון בלאנקען ווערן מיד". האל, מיין אחצעל, מאסקווע, ז' 49. 1504

בלאַנקעניש - דאס, =ן. דאס בלאנקען לאנג, אין פאר־שיידענע ערטער.

1951 " ווען איך בין, נאך לאנגע וואכן בלאַנקעניש, אנגעקומען קיין ווילנע |...|". מ. מאנדעלמאן, זב לימע I, נ"י, ז' 1344.

בלאַנקענדיק - אדי/אדוו, גלאנציק, פינקלענדיק, בלענדיק. ?נ?

1928 " שמיקער שטאף שווענקען זיך אין פארב, בלאַנקענדיק |...| מיט אלערליי קאלירן פון פורפור, אָכרע און הימל בלא". ע. איזרא, צײַג, קיעוו, ז' 71. 1494

1932 " ער בענקט נאך טאטע־מאמע, נאך דעם בלאַנקענדיקן זילבער |...|". ייז, יאשע קאלב. ציט אויסג, נ"י, 1952, ז' 48. 1531

1965 " די מיידלעך |...| האבן פלינק אָרודעוועט מיט די בלאַנקענדיקע ווילעס". נאטע לוריע, הימל און ערד, מאסקווע, ז' 152. 1477

בלאַנקשטאָך - דער, = ~ שטעך |סטוטש 524|.
מין שטאך ביי שטריקן, העפטן, אויסנייען.

כּפּ: וועלכער שטאך?

בלאַנש - דער, |באַ?|. 1. דזוו בלאַנדזש, דאמינא (שפּיל).

1956 " געטראָפן דארטן | אין קאפעהויז | ביי עטלעכע
1535 טישלעך א גרעסערע צאל יידן, וואס האבן געשפּילט
א "בלאַנש" (דאמינא)". ש. איריס, אזוי האט מען
געשפּילט טעאטער, ב"א, ז' 112.

2. דער שטיין (אין דאמינא-שפּיל) וואס איז ווייס אין
ביידע עקן, אָן פינטלעך.

1956 " און דעם "בלאַנש" האבן זיי גערופן פשוט:
1534 נאקעטער ט...". דצוו, ז' 112.

בלאַנשירן I - טרוו. (אַלט?) מאכן ווייַסער, ריינער, שענער.

... " מיר ווילן בילדונג, נאר מיינען נישט די
1536 בילדונג וואס מאכט דעם מענטש נישט קליגער, נישט
בעסער, נאר בלאַנשירט אים דאס פּנים, לערנט אים
בייגן זיך און בוקן זיך און אנרופן א הונט אויף
עטלעכע לשונות". פּרץ, בילדונג, ציט... ז' 12
|?17|.

ב ל א נ ש י ר ן !! - טרוו. (גארבערײַ) אָפּשאָבן,
אפּפּוצן די מעזדרע פון דער לינקער זײַט פעל"|קטוו|.

0 בלאַנשיר-אײַזן - דער/דאס, =ס. (גארבערײַ)
"געצײַג מיט װעלכן מע בלאַנשירט די פעל" |קטוו|. 1537

{ 369: דזוו בלאַנזשירן? בלאַנזש? (←--). }

ב ל א ס _ אדי/אדוו. 1. (װעגן פּנים/הויט פון א
מענטשן) אָן דעם נאטירלעכן קאליר, מיט װײניק בלוט;
בלײך. % בלאַסע ליפּן. ער איז געװארן בלאַס
פאר'שרעק.

1891 " א טײַך האט איר... - װיל איך אים אװעקציען
פון די טרויעריקע געדאנקען. זײַן בלאַס פּנים װערט 1556
נאך בלאַסער". פּרץ, בילדער פון א פּראװינץ
רײַזע, ציט אויסג, געקליבענע װערק, װארשע,
1950, ז' 75.

1915 " יעקב-לייב װערט בלאַס און רויט...
ער שטאמלט אויס א דאנק |...|". אר, דער העברעישער 1558
לערער, ציט אלע װערק, ב' !!, נ"י, 1930, ז' 181.

1945 " א בלאַסער ייד פארקויפט קאלירטע סטענגעס
|...|". סעג, א בוים פון פוילן, ב"א, ז' 151. 1549

2. (װעגן שײַן) שװאַך, קנאַפּ.

... " דערװײַל שלײַכט זיך צו מיר אריין גאלדעלע,
פארבינדט מיר בײַ בלאַסער לבנה-שײַן דעם פינגער". 1575
פּרץ, ציט אלע װערק, !!!, נ"י, 1947, ז' 278.

1928 " דורך די שויפענצטער האט שוין אריינגעשימערט

דער |?| ערשטער בלאסער שיין פון מארגנפרי". 1539

ק. ה. הושריק, איך פייער און בלוט, ווארשע, ז' 229.

1972 " עס ווערן די שטערן שוין בלאסער // ביים

שטראליקן שיין פון קאיאר". נ. ד. קארמאן, 1655

זש' זאמלונגען, הארבסט, ז' 64.

3. (וועגן אַ קאליר, פארב) ניט אינטענסיוו, ניט שטארק,

ניט אין פולן קאליר. % בלאס געל, בלאס רויט.

דאס מיידל טראגט א בלאס גרינלעך קליידל.

1934 " א בלאס בלויער, מיט ווייסע זילבערנע

וואלקנדלעך באאינדזלטער הימל ציט זיך אים גרינע 1611

פריש אנגעטרונקענע לאנקעס". אש, תהילים-ייד, [illegible]. 106 - באא

1928 " די קרעלן, וואס אסתרל טראגט אויפן האלדז

נעמען איבער א בייז אויג, דעריבער זיינען 1571

זיי מאקע אזוי בלאס, ווי מע וואלט די רויטקייט |...|

פון זיי ארויסגענאָגט". אַפּאַ, אלע ווערק,

ווילנע, ב' X, ז' 35.

1961 " זי האט ארויסגעצויגן פון שראנק א זיידן

קלייד פון א בלאסן ציטרין-קאליר". ב. רעסלער,

טמז, IX /23.

4. (פיג, וועגן רייד, ארגומענטאציע, טווונגען) אן

עקספרעסיע, ניט אַנזעעוודיק. % די רעדע איז

געווען א בלאסע, האט קיינעם ניט באאיינדרוקט.

דער אנטייל אירער אין דער ארבעט פון דער געזעל-

שאפט איז געווען בלאס, האט זיך ניט אנגעזען.

1923 " זיינען |איצטיקע אידעאלן| שוואך און בלאס
|...| און זיי צאנקען ווי א ליכט". ימ, צ׳ניים, 1603
קאוונע.

1931 " מען קאן ניט אריינקוועטשן אין בלאסע
אומנוצלעכע ווערטער דעם גאנצן איבלדיקן ווייטיק". 1543
אקש, 14 אקטיאבערס, מאסקווע, ז׳ 44.

1973 " שמייכלט דעם רבס טאכטער בלאס". ל. אליצקי,
וואלינער יידן, ת"א, ז׳ 405. 1538

||בלאסלעך - אדי/אדוו, אפשוואך-פארמע. דזוו בלאס,
נאר שוואכער, קנאַפּער אין דער אייגנשאפט.

1910 " און דארט, אויף די הורבות, פון בלאסלעכע
שטראלן // וועט זי איינ-אם שפינען מיין צערטלעכע 1637
ליד". דא, שטילע געזאנגען, ווארשע, ז׳ 62.

1928 " די שווארצע האר באדעקן אירע בלאסלעכע באקן".
אפא, אלע ווערק, ב׳ I, ווילנע, ז׳ 119. 1638

1940 " ער האט אויסגעזען א ביסל צעדרייט, די אויגן
רויט און אויפגעדרודלט, דאס פנים בלאסלעך |...|". 1640
בערג, באם דניעפער ב׳ II, מאסקווע, ז׳ 167.

בלאסקייט

1908 " גאַרטעטן איז זייער א שעדלעכע מאדע, וועלכע
פירט צו לונגען=פעלערן, הארצקלאפונג און בלאסקייט", 1667
מ. גאטליעב, פאפולערע היגעניע, ווארשע, ז׳32.

1932 " א בלאסקייט איז ארויף אויף די פנימער פון
אלע דריי רבנים". ייז, יאשע קאלב, ציט אויסג 1663
נ"י, 1956, ז׳ 201.

1945 " א בלאסקייט ליגט אויף אלץ, און שטום און
שפעט איז, - // צי איז דאס שוין דער סוף פון 1663
נע=ונד?". סעג, א בוים פון פוילן, ב"א, ז׳ 158.

0 בלאספנימדיק |בלאָספּענעמדיק| - אדי. וואס האט א
בלאס פנים.

1927 " דער בלאספנימדיקער האט מיט דער האנט א מאך
געטאן". איבן דער נסתר, א. אראסיעוו, ערשט 1632/א
ניט לאנג, קיעוו.

/7 בלאסער מארגן (פרימארגן/טאג) - באגינען, אנהייב
טאג, ווען ס'הייבט אן צו ווערן ליכטיק.

... " דורכן פענצטער האט שוין ארייננעקוקט דער
בלאסער מארגן". פרץ, חסידיש.... ז' 203. 1579

1901 " אז איך קליין שטיבעלע האט דער בלאסער טאג
קוים ארייננעקוקט, האט זיך שוין היענע אויפגעכאפט". 1576
אר, אלע ווערק, ב' !!!, ציט אויסג נ"י,
1930, ז' 18.

1919 " ~~אז איך קליין שטיבעלע האט דער בלאסער טאג~~
~~איבער ניט דער לעצטער, איז ער שוין דער טאג דער~~ 1545
~~בלאסער |...|". האט, ביי ריגאך, קיעוו,~~
~~ז' 23.~~

1945 " ~~דער פרימארגן איז אויפגעשטאנען א בלאסער~~
~~און אויסגעשפרייט א געדיכטע גרויקייט איבער די~~ 1501 באר 344.
~~לאנגע פינצטערע שורות פון לאגער-באראק".~~
~~א. גאזשאנסקי, גראדנע, ת"א, ז' 31.~~

בלאסע נאכט - ניט זייער פינצטערע נאכט.

... " א נאסער ווינט האט זיך אין דער בלאסער נאכט
ארומגעטראגן". בערג, דער טויבער, קאנק:122/617. 1545/א

1918 " איך שטיי ביי דעם פענצטער, די נאכט איז
א בלאסע // און בלאס קוקן אויס יענע שטיקלעך". 1552
אפא, קאראוואנען, נ"י, ז' 10.

פּפֿ: בלאס ווי א האנטעך, ווי א טוך, ווי לייוונט,
ווי א ליילעך, ווי א לופּענע|?|, ווי א מת,
ווי פּאפּיר, ווי קאלך, ווי קרייד |סטוטש 539|.
בלאס ווי די וואנט.

1871 " דייך פּנים ווי די וואנט בלאס, // און די
אויגן פון טרערן נאס". א. ב. רוף, דער שיכור 1560
|...|, ווארשע, ז' 4.

... " אליין איז ער בלאס ווי די וואנט, די הענט
ציטערן אים |...|". שע, אלע ווערק, ב' VI, 1589
ציט אויסג... ז' 216.

בלאס ווי די לבנה (וואר: פּארן דאווענען).

1960 " |...| מצה-פאבריקן באקן אויס צו בלאסע מצות,
'בלאס ווי די לבנה פארן דאווענען". א. בראווארסקי, 1568
פֿאר, XI /6.

בלאס ווי א קיטל.

בלאס ווי דער טויט, טויט בלאס — [illegible] בלאס.

1910 " אירע בלומען זענען א ביסל גיפטיק און טויט
בלאס". ש. פרוג, אלע שריפטן, ב' I, נ"י, ז'.... 1551

1968 " צווישן צוויי ס=ס=לייט גייט מיט געבונדענע
הענט אויף הינטן יאסל, זיין פּנים איז טויט בלאס, 1609
די אויגן קוקן טעמפּ פאר זיך". מ. בראף, יזב
אטוואצק, ת"א, ז' 938.

ב ל אָ ס - ---> בלאָעכץ.

?נ? ב ל אַ ס ט אָ ד ע ר מ ע - די, =ס. (ביאָל) שיכט פון
קעמערלעך, פון וועלכע ס'אַנטוויקלט זיך אַן עמבריאָן.

?נ? בלאַסטאַמער - דער, =ן. (ביאָל) קעמערל (צעל)
1623 וואס באקומט זיך ביים טיילן פון די אייעלעך אין
א לעבעדיקן ארגאניזם.

?נ? בלאַסטאַפּאָר - דער, =ן. (ביאָל) עפענונג אין
1624 עמבריאָן פון בעלי-חיים אין דער סטאדיע פון גאסטרולע.

?נ? בלאַסטאַצעלע - די, =ס. (ביאָל) דער אויסהויל
1627 (חלל) פון דעם עמבריאן פון בעל-חיים אין דער
סטאדיע פון בלאַסטולע.

?נ? בלאַסטולע - די, =ס. (ביאָל) סטאדיע אין דער
אנטוויקלונג פון אן עמביאן, אויך דער עמבריאן
אין דער דאזיקער סטאדיע, זעט אויס ווי א פּענכער
מיט א ווענטל פון איין שיכט קעמערלעך.

?נ? בלאַסטעמע - די, =ס. (ביאָל) יעדער טייל
פון א לעבעדיקן געוועב, וואס קאן זיך אנטוויקלען
אין אַ ן ארגאן, אויך דער אנזאמל פון קעמערלעך
אויף דעם אייבערפלאך פון א וווּנד.

בלאַסלען - אוטוו. (שנש?) ווערן/זיין בלאסלעך,
(אָפּ)שיינען מיט א קנאפן ליכט.
1936 "עס בלאסלען די לייכט גרינע קאלכווענט". באַד,
1642 מינט און פעדער, נ"י, ז' 106.

בלאסלען זיך – דזוו דפוו.

1950 " האסט נישט געזען די ציניש צעכעסטע נאז זיך
בלאסלען און זיך רייטלען אויפן שופטס פנים?". 1645
י.י. סיגאל, ספר אידיש, מאנטרעאל, ז' 135.

ב ל אָ ס ן – אוטוו. ווערן/זיין בלאס, (אָפּ)שײַנען
מיט א קנאפן, בלאסן ליכט.

1941 " די הענט שלאבריק דין, בלאסן אויף דער זון".
ש. שטערן, עס ליכטיקט, מאנטרעאל, ז' 50. 1650

1948 " אויף דער קרומער וואנט, וואס האט געבלאסט
מיט פרישן קאלך, // האט זיך געריטלט און געגרינט 1652
א מזרח". ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 29.

1948 " די פינצטערניש האט דורכזיכטיק געבלאסט,
// זיך דורכגעפיקט דורך איר, ווי דורך אן איי, 1540
דער טאג האט". פּמ, מילבאמע, מאסקווע, ז' 12.

בלאסן זיך – דזוו דפוו.

1947 " עמעצער האט זיך א בלאס געטאן פון אינעווייניק".
ה. דאבין, אויף ווייסרוסישער ערד, מאסקווע, 1544
ז' 16.

... " אין רויכיק שטיקנדיקער לופט בלאסן זיך מטושטשע
פנימער". בערג.... 1651

בלאסן אויף טאג – אנהייבן טאגן, אנהייבן צו
ווערן ליכטיק

1920 "|...| ווי עס נעמט אויף טאג נאר בלאסן |...|".
מק, שירים, ווילנע, ז' 61. 1647

ב ל אַ ס פֿ ע מ י ע - די, =ס. חילול=הקודש, חילול-השם, פֿארשוועכונג, פּראפֿאנאציע. % מע האט אים באשולדיקט אין בלאספֿעמיע, ווייל ער האט געחוזקט פֿון די הייליקע.

|| בלאספעמיש - אדי/אדוו. וואס איז (ווי) חילול הקודש, פֿארשוועכנדיק.

1967 " ...|...| דער בלאספעמישער טעאצענטריקער ווייזעל |ווייזעל?| קערט זיך אום אויף זיין שטייגער צו גאט". צייט, גך, נ' 59, ז' 138. 1658

1969 " זי |די פּאעזיע| איז רעליגיעז אפֿילו דענסטמאל, ווען זי איז בלאספעמיש". א. טאבאטשניק, גך, נ' 65, ז' 17. 1659

בלאספעמירן - טרוו. (שנש) מחלל-השם זיין, פֿארשוועכן, פּראפֿאנירן.

1941 " האב איך מיט בייזע רייד פֿארשוועכט דיין ריינעם נאמען, // געבלאספעמירט אין דיר דעם דיכטער און דעם ייִד". ל. פֿיינבערג, די יורשים פֿון דער ערד, נ"י, ז' 58. 1657

ב ל אַ ס ק — ← בליאסק.

ב ל אַ ס ק ע ד י ק - ← בליאסקעדיק.

ב ל אַ ס ק ע ן - ← בליאסקען.

בלאָעכטס - ← בלאָעכץ.

בלאָעכץ - דאס, בא. 1. פּפּ בלויעכץ, בלאווס, בלאָס, (זן) בלאָלעס. פארב, בלאָער פראשיק צו בלאָען ווייסע וועשביים שווענקען, כדי ס'זאל נישט פארגעלט ווערן ביים טריקענען; סינקע (אויך גענ.בט.אין פראצעס פון בלאָען פאפיר, שמאָפּן אע).

1938 " בלאָעכץ |טעקסט: בלאָעכטס| - דער בלאער פולווער, וואס ווערט צוגעטון צום וואסער ביים וועש וואשן, אולטראמאריין". ייפּא, (נ' 5), ווארשע. 1676

1963 " די אויגן קלאר, אין בלאָעכץ |טעקסט: בלויעכץ| אויסגעוואשן |...|". אפּא, וואך איז דער סטעפּ, נ"י. 3001

1964 " דערנאך טאָסקען |שלעפן| די אנגעפילטע טעפּ אויף דער פליטע ארויף, אויסצוקאכן דאס גרעט פארן אריינטאן עס אין בלאָעכץ |טעקסט: בלויעכץ|". ב. דעמבלין, זש' גק, נ' 49, ז' 79. 117/א

2. בלאָע שײַן, בלאָקייט פון הימל.

1929 " עס נידערט פון בלאָעכץ |טעקסט: בלויעכץ| פאמעלעך די אלטע מרכבה אראפּ". מק, פּאעמען, ווילנע, ז' 198. 3005

בלאָען I - אטוו, פּפּ בלויען, דיאל בלאָווען, פאר געבלאָט/געבלויט, זן געבלויעט. 1. ווערן/זיין בלאָ, אויסטיילן זיך מיט בלאָקייט.

1914 " זילבעריק בלאען די בערג |...|". הל,

ליד ערגעץ ווייט", ציט אלע ווערק, ב' I, נ"י, 1684

1940, ז' 7.

1927 " זעט דער דערפסיונג דורכן פענצטער // בארג

און הימל בלויען". מלה, אין ניו-יארק, 3017

ווארשע, ז' 10.

1963 " סע בליען, בלויען די בוגאנווילעס |...|".

אפא, וואך איז דער סטעפ, ת"א, ז' 201. 3015

בו - 79

2. אנהייבן טאגן, ליכטיק ווערן אויף טאג, באגינען.

% עס בלאט אויף טאג.

1894 " אנגעהויבן האט שוין צו בלאען, ווען דער דאקטאר

איז פון גובערנאטאר אוועקגעגאנגען". איבז ק.סוביל, 1682

|מחבר?|, דער דאקטאר מיט זיין טאכטער, לובלין.

1931 " ס'בלאוט א ווינקעלע הימל און בלייכט אויס

פאליעסישע מרה-שחורה". ה. ארלאנד, הרעבליעס, 111

1935 " גלייך ווי איך דרויסן באגינט צו בלויען,

טוט ער זיך אן און גייט ארויס". באש, דער שטן

אין גאריי, ווארשע, קאנק 110/243 - IV.

3. (פיג) (אָפּ)שיינען, אפשפיגלען זיך מיט א פאנטאסטיש

ליכט.

1964 " נאך בלויט אין מיר דער פלאם פון דיין נגינה".

י. מאניק, אין טריט פון דיין וואנדער, ת"א, ז' 12. 3008

1969 " פון ס'ניי בלויעט איבער אים דער חלום".

י. אקרוטני, גק, נ' 66, ז'... 3012

1970 " פון ווייטן בלויט אין רו און מילדקייט א

לאנד |...|". נ. ראפפ, וואנדערשטאק אין בלי,

ת"ש, ז' 58.

<u>בלאען זיך</u> - <u>אוטוו</u>, <u>פפ̄</u> <u>בלויען זיך</u>. <u>ד̄זוו דפוו ב׳1</u>.

1911 " |די נאז| רייטלט זיך און <u>בלאט זיך</u> אויף א
פראסט און ווערט ווייס ווי קרייד אינעם זומער". 1681 / באר 222
ז. <u>מוירער</u>, <u>זיי נישט</u> |...| <u>I</u>, טארנאוו, ז׳7.

1921 " איך פעלד אבער בליָען שוין פיל מארגאריטקעס,
// און וואלדגלעקלעך <u>בלאען זיך</u> אונטן אין טאל". 1685
<u>סעג</u>, <u>איך קאזימיערזש</u>, ווארשע, ז׳ 13|113|?|.

1965 " די שויבן <u>האבן/זיך</u> קאלט <u>געבלויט</u> אינעם שטילן
|...| פארטאג". <u>נאטע לוריע</u>, <u>הימל און ערד</u>, 3019
מאסקווע, ז׳ 83.

|| <u>בלאעניש/בלויעניש</u> - דאס, =ן. בלויקייט, בלאָע שיין.
1960 " און די <u>בלאָעניש</u> נידערן צו זיי |די בערג|
און פארוויקלען א ציטעריקן קראנץ פון גאָרעניש". 1688
<u>יפ̄</u>, <u>לעגענדע נח גרין</u>, נ"י, ז׳ 59.

ב ל אָ ע ן <u>II</u> - <u>טרוו</u>. <u>פפ̄</u> <u>בלויען</u>. דורכזאפן דאס
וועש מיט בלאָעכץ (בלאָווס, סינקע) ביים אפשווענקען,
כדי ס׳זאל ניט פארגעלט ווערן ביים טריקענען.
% דאס העמד איז ארויס ריין פון געוועש, אבער
געלבלעך, /ווייל/ מ׳האט עס ניט <u>געבלאָט</u>. < 81

פפ̄ בלויעניש
|| <u>בלאעניש</u> - דאָס, =ן, בלאָווס, סינקע.
1951 " פארמישעכצן וואס האבן געהייסן לויג, <u>בלויעניש</u>
וכדומה משונהדיקע נעמען". <u>א. גארדין</u>, <u>זב ליטע I</u>, 3025
נ"י, ז׳ 1388.

ב ל א ף I |ווייהער ל?| - דער, =ן. (רעג, מג)

„חלוש, שוואכער, פארמאטערטער מענטש" [קטוו]. % „ער ליגט 1567

ווי א בלאף און קען זיך ניט רירן" ✗ |קטוו|.

בלאף II |ווייכער ל?| - אדי/אדוו (רעג מג)

"אפגעשוואכט, פארמאטערט" ✗ |קטוו|. 1567

ב ל א ף - דער, =ן/ =ס. (אמ) אויסטראכטעניש, ליגן,

אפנארן, פוסטע באַרימעריי. % די גאנצע מעשה איז

א בלאף - ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

1902 " די יעניקע, וועלכע זוכן אויס טאג-טעגלעך

אלץ נייע אידיאטישע בלאפס (ליגן) און סענסאציאנען 1702-1697/471

און בלאזן שופר, אז זיי זיינען עס די אייבציקע,

וועלכע זיינען זיך גערן מוסר נפש פארן יידישן כלל".

זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 13, לאנדאן, ז' 85.

... " די דריי האבן זיך פארהערט אין בלאף |...|,

ווער וועמען |...| וועט אריבערבלאפן". שע, 1699

בלאנזענדע שטערן, II, צײַט אויסג, ווארשע,

1922, ז' 173.

1948 " אך אלטער בטלן איז ער לעאנארדי |לעאנארדא?|

// און יעדע שיינקייט איז א שיינער בלאף". 1690

טעג, איצטער, נ"י, ז' 54.

ב ל א פ א ר נ י ע - די, =ס. (שנש, איר) אן ארט,

אינסטיטוציע ווו מע פארנעמט זיך מיט בלאפן,

אויסטראכטן זאכן, אפנארן; דז וועגן א חברה בלאפערס,

ליגנערס, פוסטע באַרימערס. % דאס קאפעהויז איז

אן אמתע בלאפארניע - אלע זשורנאליסטישע קאמשקעס

קומען ארויס פון דארטן.

... " א גוט-ארגאניזירטע בלאפארניע |...|".

1702 זש׳ אויפן שוועל, נ׳ 181.

ב ל אָ פּ י ש - אדי. (שנש?) ניט-אמתדיק, אויסגעטראכט, ליגנעריש. % קיינער נעמט ניט ערנסט די בלאפישע פראפאגאנדע בעת די וואלן.

1921 " דעם אמתן ווערט פון דער דעקלאראציע האבן די
1703 יידישע ארבעטער אפגעשאצט נאך |לויט| איר בלאפישן
ווערט". זש׳ דער קאמוניסט, נ׳ 8-9, קראקאוו,
ז׳ 3.

ב ל אָ פּ ן - אטוו. (אמ) דערציילן זאכן וואס זיינען ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, זאגן ליגנס, אפנארן. % גלייבט אים ניט - ער בלאפט, ער איז גאר דארט ניט געוועזן.

1920 " דעריבער פילן מיר זיך אזוי פארשוועכט,
1708 ווען מען הייבט דארט אן |...| צו בלאפן פון אונדזער
פּײַן". דא, שווארץ-רויט, ווארשע, ז׳ 88.

1928 " איר ווייסט, יידן, ליפשיץ איז אן אמתער פאעט!
1706 דער בחור ׳בלאפט׳ נישט! אט לעזט |לייענט| זיין לעצטע
ליד - האפמאנסטאל וואלט זיך אסור נישט געשעמט דערמיט".
אפּאַ, גרונ, !!!, ווילנע, ז׳ 190.

1972 " צו בלאפן האב איך ליב אליין, אז אנדערע
1709 בלאפן, קאן איך ניט פארטראגן". ח. ראזענפארב,
דער בוים פון לעבן, !!, ת"א, ז׳ 436.

ב ל אָ פּ ע ו ו אַ ט ע |וויכער ל?| - אדי/אדוו. |ל2|
שווערלעביק, לעפיש, אומגעשיקט, אומרירעוודיק,
צעקראכן.

ב ל א פ ע ו ו א ט ע I - |ווייער ל?| - דזוו דפוו |הווב|.

{|דער קמץ ביי הווב איז אפשר א גרייז פון זעצער: 389}

ב ל א פ ע ו ו א ט ע II - אדי/אדווע |סטוטש 363|.
וואס איז ווי א בלאף, א ביסל ליגנעריש, צוגעטראכט.
% די מעשה זיינע זעט אויס בלאפעוואטע, ס"לייגט זיך
נישט אויפן שכל אזא זאך.

ב ל א פ ע ר - דער, =ס. ווב בלאפערקע, =ס. (אמ)
אויסטראכטער, ליגנער, פוסטער בארימער.

" אויב איר געדענקט, האט בערע דער שוסטער ליב 1916
1718 צו דערציילן גוזמאות |...| ער איז א ייד א ליגנער.
דא ווערט עם אנגערופן א 'בלאפער'". שע, מאטל
פייסי דעם חזנס, II, ציט אויסג. נ"י 1937 ז' 131.

1928 " אויף העברעיש קאנט איר האבן אזעלכע 'בלאפערס'
1723 ווי שניאור, קינה-זאגערס, ווי ביאליק |...|".
אפא, ~~[illegible]~~ III. ווילנא, ז' 125.
||ס

||=יי - דאס, =ען. ליגנעריי, אויסטראכטענישן,
פוסטע בארימעריי.

" וואס ווייסן זיי, די בידנע לייט, וואס לויפן 1963
1722 ארום // מיט בלאפעריי און נאריש קייט איך דיינע
דלד אמות פון אויסדערוויילטער שיינקייט?". 613
סוצ, פור I, ת"א, 1963 ז' 68.

ב ל אָ פּ ע ר י ש – אדי/אדוו. ליגנעריש, אויס-
געטראכט, אפנארעריש. % קיינער הערט זיך שוין
נישט צו זיינע בלאפערישע רייד.

?נ? ב ל א ק – דער, =ן. (אמ) א הילצערן קלעצל, א מין
פורעם וואס קירזשנערס ניצן צום ארויפטאן די
אויסגעפארטיקטע היטלען.

1948 " דער היטלמאכער האט אריינגעשטעלט אין שויב
דעם קיילעכדיקן בלאק, // ווו אויפן שפיץ האט 1733
אויסגעפרעסט און יום-טובדיק גערוט אן אלטער
קאפעליוש". ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 73-74.

ב ל אָ ק I – דער, =ן. (טעכט) א מכשיר צו הייבן
שווערע משאות, באשטייט פון א רעדל מיט א רינע אין
אומקרייז, אין וועלכער ס'באוועגט זיך א שטריק,
א קייט אע. % די בוי מאטעריאלן ווערן דער-
לאנגט אויף די העכערע שטאקן מיט דער הילף פון א
בלאק.

1927 " |די ארבעט פון| ארויסשלעפן די אויפגעריסענע
אייזערנע בריק פון ווייסל |...| איז געגאנגען מיטן 1755
גאנצן ברען. עטלעכע אייזערנע 'בלאקן' האבן גיט
אויפגעהערט צו קלאפן". ייז, שטאל און אייזן,
ווארשע, ז' 81.

1932 " א דריי דעם בלאק – צעיאגן זיך קאנאטן |...|".
אי. כאריק, קיילעכדיקע וואכן, מינסק, 1747
ז' 109.

ב ל אָ ק II – דער, =ן. הסכם, בונד צווישן מלוכות, פאַרטייען אַע דורכצופירן בשותּפותדיקע אַקציעס.

1951 " פּאַראַלעל מיט דעם |...| זייַנען אַנגעגאַנגען
1762 צווישן די נאַציאָנאַלע מיעוטים, און עס איז (אַפּריל 1923) געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַליטעטן־בלאָק".
א. מאַקאַוואָסקי, זכ ליטע I, נ"י, ז' 282.

1954 " די פּפּס־ישע |פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער
1739 פּאַרטיי| פלעגט אַפּט גיין צוזאַמען מיטן רעכטן רעאַקציאָנערן בלאָק". י. בעקער, יזב כעלם, יאָהאַנעסבורג, ז' 236.

ב ל אָ ק III – דער, =ן. 1. פּילשטאָקיק פּשוט געבויט הויז, מיט אַ סך וווינונגען, מיט עטלעכע אַריינגענג. % די עולים האָט מען איבערגעפירט פון די באַראַקן אין אַ נייעם בלאָק.

2. (אַמ) אַ קוואַרטאַל, אַ גרעסערע צאָל הייזער צווישן פיר גאַסן.

1928 " פון דער ווייטנס האָט שוין סעם דערזען די ׳ניוס דילערס׳, זיי זענען געווען צעוואָרפן איבער אַ האַלבן בלאָק". אַפּאַ II, נ"י, ז' 15.

1957 " אפשר אַ צען בלאָק, אַ מהלך, זאָג איך דיר, אַ מהלך". מאַל, אַ שטוב מיט זיבן פענצטער, נ"י, ז' 175.

3. (שגל) גרויסער באַראַק פאַר די פאַרשפּאַרטע אין די נאַצישע לאַגערן, אויך דער באַשטאַנד פון די לאַגערניקעס אין דעם באַראַק.

1964 " איך זייַן בלאָק מוזן די ׳פיגורן׳, ווי ער
1751 רופט די מענטשן, ליגן בעתן שלאָפן נאָר אויפן רוקן, אויסגעצויגן ווי סטרונעס". י. קאַפּלאַן, שליאַך

און אומוועג, ת"א, ז' 207.

1970 " פון אונדזער בלאק האט מען נישט געשיקט אויף
קיין שום ארבעט, |...| נאר מ'האט אונדז געגעבן 1744
צו פארשטיין, אז מיר געפינען זיך דא ווי אין א
ווארטצימער פון טויט". מ. גאלדבערג, יזב
זלאטשעוו, ת"א, ז' 384.

|| בלאקאווע – דער/ 3/ן (שגל) דער
עלטסטער איבער א בלאק, ב' 3.
P: blokowy

1958 " בלאקאווי – עלטסטער איבער א בלאק אין
ארבעטס־לאגער אין די יארן 1940 – 1942". בלום, 1787
יישפ XVIII – 1.

" די בלאקאווע, פריילייך פאליאק, באפעלט, 1456
טרייבט מיטן שטעקן". י. בריקס, אויף קידוש־השם"," 1788

בלאקיק – אדי. שייכדיק צו א בלאק, ב 2.

1947 " אט שטעקן ארויס פון א צוויי בלאקיקער דורכגע־
ריסענער געביידע שטיקער ווענט". הל, מיט דער 1797
שארית־הפליטה, קאנאדע, ז' 54.

בלאקנווייז = אדוו. א בלאק נאך א בלאק, יעדער
בלאק באזונדער, ב 3.

1968 "באלד נאך מיטאג איז געווען אן אלארם, בלאקנווייז
שטעלן מיר זיך אויס אין א ראד ארום דער תליה". 1824
מ. בראף, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 938.

0 בלאקדינסט – דער, בא. (שגל) אינסטיטוציע
אין די געטאס. (זען ציטאטע).

1970 " אחוץ דעם יידישן 'ארדנונגס־דינסט, איז געשאפן
געווארן א יידישער 'בלאקדינסט' וואס זיין אויפ־ 1757
גאבע איז געווען צוצושטעלן צום ארבעטסאמט די
געפאדערטע צאל ארבעטער". רעד' ר. מאהלער,
יזב סאנץ, ת"א, ז' 771.

בלאקעלט(ע)סטער - דער, מצ ~ עלט(ע)סטע.
דזוו בלאקאווי. (שגל)

1970 " איבערן בלאק איז געווען א ׳בלאקעלטעסטער׳,
וועלכער איז געווען ׳בעל-הבית׳ איבערן טויט און 1766
לעבן פון די איינוווינער". ד. גאד, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז׳ 395.

1973 " דא ליגט געלט אויפן טיש און דער בלאקעלטסטער
זיצט בראש |...|, מיר האבן איין איילעניש אנגעהויבן 1764
צוזאמענגעמען דאס געלט". ד. פרייבערג,
פינצטערניש אויף דער ערד, ת"א, ז׳ 329.

בלאקשפערע - די, =ס. (שגל) באטייט זען ציטאטע.

1958 " בלאקשפערע - דאס פארשפארן די ארעסטירטע
אין די לאגערבלאקן, כדי מע זאל ניט זען ווי מ׳פירט
ארויס די אויסעלעקציאנירטע |...|". בלומ,
יישפ XVIII-1.

לאגערבלאק - דער, =ן. דזוו בלאק, ב׳2.

בלאָק IV - דער, =ן. א גרויסער שטיין אין
רויען צושטאנד אדער אויסגעפארטיקט פון נאטירלעכע
אדער קינסטלעכע מאטעריאלן פאר בויצוועקן (פון
קאלכשטיין, בעטאָן אע). % פאר דעם דענקמאל האט
מען געבראכט גרויסע בלאקן מירמלשטיין. די ווענט
באשטייען פון אלצאיינע איזן-בעטאנענע בלאקן.

1938 " |...| בלויז זעלטן א שטיינהאקער, וואס פאלירט
דעם מארמארבלאק און מאדעלירט אים |...|". 1730
קאה, שריפטן I, נ"י, ז׳ 132.

1964 " א סופיט מיט געשטעלן פון אייזן-בעטאן, מיט איינגעפאסטע אויסגעהוילטע בלאקן, באזארגט מיט טערמישער איזאלאציע". פראספעקט פון דירות אין אין יזרעאליה, |חיפה?|, אויגוסט. 1742

|| בלאקשטיין - דער, =ער. דזוו דפוו.

... " ער וויל עס |דאס הויז| איצט בויען פון בלאקשטיינער". איבז פיעט, בבא מציע, קיז/ב. 1771

בלאָק V - דער, =ן. 1. העפט פאר נאטיצן, חשבונות אע, טייל מאל געמאכט מיט א געשטאכענער ליניע צום קענען אפרייסן. % ער האט אפגעריסן א בלעטל פון זיין בלאק און פארשריבן דעם אדרעס.

" פארקויף מיר איין בלאק שרייבפאפיר פאר אט דעם הימלשן געדיכט". אי. גאל, ציט אנטאלאגיע ע. קארמאן, ז' 109. 1737

2. א טעשקע מיט צייכן-פאפיר. % דער מאלער טראגט מיט זיך תמיד א בלאק און וואסערפארבן.

בלאָק VI - דער, =ן. 1. (שוסטעריי) "א פורעם פון הארטן האלץ, אויף וואס מען בייגט יוכטענע שטיוול אדער מען וואלקט פראדן |?| אין קאמאשן פון האמבורגער לעדער" |קטוו|. 1752

?נ? בלאָקאדירן - --> בלאקירן.

בלאקאדע – די, =ס. 1. סיסטעם פון מאס-
מיטלען בעת א מלחמה צו איזאלירן דעם שונא מיליטעריש,
עקאנאמיש אאַ.

1864 " פריער זאל דענעמארק אראפנעמען די בלאקאדע
פון די פרייסישע גאוואַניס |פּאָרטן|". קמ, 1783
נ' 18, ז' 273.

1951 " די ענגלישע בלאקאדע אין צייט פון קרימער
קריג |...| האט א שטארקן שטויס געטאן די שטאט 1782
קאָוונע זיך אויסצוברייטערן". י. בערלזאן,
זב ליטע I, נ"י, ז' 1160.

1966 " דער פארטיזאנער-הויפטשטאב האט באשלאסן, אז
מיר מוזן דורכרייסן די בלאקאדע |פון דייטשן 1785
מיליטער|". ח. קראוויעץ |...|, יזב [illegible]
[illegible] |...|, ת"א, ז' 266.

2. (שגל) אפשליסונג, פארשפארונג, דאס נישט לאזן
אריינגייען אדער ארויסגיין.

1958 " בעת אן אקציע פלעגט מען מאכן א בלאקאדע:
יידישע פאליציאנטן און דייטשן פלעגן ארומרינגלען 1784
א הויז און הויף אויסרופן, אז אלע איינוווינערס
מוזן זיך צונויפזאמלען אין הויף; ווער עס וועט
בלייבן אין שטוב, וועט דערשאסן ווערן". בלום,
יישפ XVIII - 1.

1970 " טויזנטער מענטשן אויסגעהונגערטע מחמת די
פערמאנענטע בלאקאדעס |...|, האבן זיך פרייוויליק 1779
געמאלדן צום אומשלאגפּלאַץ |...|". רעד' ר. מאהלער,
יזב ס[illegible] סאנץ, ת"א, ז' 662.

0 בלאקאדע-צושטאנד – דער, בא.|סטוטש 452|. מצב,
לאגע פון זיין בלאקירט.

ב ל אָ ק אָ ט ש - |דער?דאָס?| באַ. א "ווילדגראָז |קטוו|."( Papaver somniferum joll)

באַמ: אפשר איז דאָס גאָר "בליאַקאַטע? (---> )
(אבער דאָרט און אַנדער Ук: Белекоша
ווסנ). אין אפשר "מאָן"?

ב ל אַ ק ב ע ר י - די, =ס. (אמ, נאַ) גערוויקס,
1. אָזשענע |או·ו|x (ווסנ Rubus).

2. די פרוכט (יאַגעדע) פון דעם דאָזיקן געוויקס, גערופן אויך שוואַרצע יאַגעדע.

ב ל אַ ק ז ש אַ ק - דער, |=ן?|. (אַמ, נאַ) נאַגייקע, קורץ בייטשל.

1932 " האַלט ער אין דער האַנט אַ בלאַקזשאַק-צעפּטער |...|". נאַד, נייסטע ווערק, I, נ"י, ז' 283. 1795

ב ל אַ ק י ט נ ע - אַדי. פון קאָליר הימל בלאָ.
% די צעפּלעך זיינען פאַרפלאַכטן מיט בלאַקיטנע לענטעס.
Ук: блакитний

1956 " ער האָט עס פאַרגעדענקט אין איינעם מיט דער הײם, //(אין) איינעם מיטן הימל פון בלאַקיטנעם סאַמעט". 1794
פּמ, מלחמה II, נ"י, ז' 342.

ב ל אַ ק י ר ן I - אוטוו. אָפּקריכן ( ---> בליאַקירן).

בלאקירן !! - טרוו. (גארבעריי) "אויסגלעטן יוכטפעל כדי זי זאל גלאנצן" |קטוו|.

בלאקירן - טרוו, פאר בלאקירט, פפ(זן) בלאקאדירן. 1. פארשפּאַרן, פארצוימען, פארשטעלן, ניט לאזן אריין/ארויס. % די פאליציי בלאקירט דעם שאסיי און רעווידירט אלע דורכפארערס.

1940 " אט איז דער וועג בלאקירט - גרויסע וואגנס מיט סחורה, אויטאמאבילן פארנט און הינטן". 1798
קאר, שריפטן !!!, נ"י, ז' 189.

1952 " מיט זייער מאשין-געווער האבן זיי |די פארטי-זאנער| בלאקירט דעם אריינגאנג צום בונקער". 1805
מ. לאטערשטיין, יזב ~~[illegible]~~ לובלין, [ת"א ?], ז' 558.

1968 " די אדעריענע גאס איז געווארן בלאקירט, פון די דעכער שיסט מען |...|". ב. ארענשטיין, 1806
יזב אסוואצק, ת"א, ז' 825.

2. פירן א מיליטערישע בלאקאדע קעגן א שונא בעת מלחמה, ניט לאזן אריינפירן/ארויספירן סחורות, געווער אע. % דער ענגלישער פלאט האט מיט הצלחה בלאקירט די דייטשע פארטן.

1886 " איך פאל פון א סכנה זאל ער |...| ארויף אויף איינער פון די |...| שיפן, וועלכע בלאקירן 1813
די גריכישע שטעט". ייפאל, נ' 18, ז' 278.

3. אפשטעלן, אפהאלטן א געוויסע פראצעדור. % דער שטייעראמט האט בלאקירט דעם באנק-חשבון צוליב פארלעגענע שטייערן.

4. (שגל) אפשטעלן דאס ארויסגעבן די שפּייזקארטלעך.

1958 " אין 1944 האט מען גענומען בלאקירן די קארטן פון דער גאנצער משפחה, און אויב עמעץ האט זיך ניט געשטעלט צום טראנספּארט, איז זיין גאנצע משפּחה געווען אין געפאר פון א הונגערטויט". בלום, יישפ XVIII - 1. 1810

בלאָקירן זיך I - אוטוו. איינשליסן זיך (ווי) אין א פעסטונג, פארפעסטיקן זיך, פארשאנצן זיך. % די געטא-קעמפער בלאקירן זיך אין די בונקערס, אין קעלערן,.

1948 " איז אומגעריכט געעפנט געווארן א געדיכטע שיסעריי |...| פון פּוילישע 'נארא"-עלעמענטן, וועלכע האבן זיך בלאקירט אין קאשציאל". ל. לייטוז, זש' גאפּ, נ' 11, ב"א, ז' 50. 1815

בלאָקירן זיך II - אוטוו. שאפן א בלאק, א פאראייניקונג פון מלוכות (פארטייען, ארגאניזאציעס) צו דערגרייכן א בשותפותדיקן ציל. % די אראבישע לענדער האבן זיך בלאקירט קעגן מדינת-ישראל.

1932 " צו די וואלן אין שטאט-פארוואלטונג האבן מיר זיך בלאקירט מיט די ארטיקע עסערן". רעד' אקש, זב דער וועג פון פּאראט, מאסקווע, ז' 95. 1811

בלאָקל - דער, =עך. (שוסטעריי) מין העקל צו פארשפיליען א שוך.

1928 "ער |דער קאמאשן-שטעפער| שטעפט אויך צו די
קנעפלעך אדער בלאקלעך מיט ספעציעלע ניימאשינען". 1816/1817
ע. איזרא, שיך און קאלאשן, קיעוו, ז' 45.

בלאָקנאָט - דער, =ן. נאָטיצביכל, העפטל פאר
נאטיצן, פארצייכענונגען אע. % זי פארצייכנט
דעם טעלעפאן-נומער אין איר בלאקנאט מיט א קאלענדאר.

1932 "זיינען שוין ביי יאטן גרייט בלייפעדערס און
בלאקנאטן, איז מען גרייט אין וועג ארייַן". 1822
ב. מעדרעש, אויף דער אכטער דיסטאנציע,
מינסק, ז' 8.

1935 "איינגעניורעט אין ווינקל... האט זי מיט א
בלייפעדער עפעס געשריבן אין א בלאקנאט". מק, 1823
זעלמעניאנער II, מינסק, ז' 199.

1956 "און אין בלאקנאט פארצייכנט האט א דייטשער
גענעראל דעם טאג, די שעה פון סטאלינגראדער אומפאל". 1821
פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 350.

בלאָקנערוון - |במ?|. (אנאט) מין נערוון ?נ?
|סטוטש 240|.

בלאקעווען - <-- בליאקעווען.

בלאָקעץ - דער, בא. געוויקס, וואס דער זאפט
זיינער האט א פארטויבנדיקע, פארשלעפערנדיקע
ווירקונג.

1877 " אין דעם ווייך |...| וואר |איז געווען| ר

1828 ארייגגעמישט איין זאפט פון בלאקעץ אדער פון

פליגנשוואם, וואס דאס פארדולט דעם שטארקסטן מענטשן

אויף א טאג אדער צוויי". אמד, דער הירקאן,

ווילנע, ז' 18.

..................................................................

בל: 385 ס'קאן זיין ס'איז דאס אייגענע וואס בלאָקאָטש

( <-- ) : ס'קלינגט סלאוויש, אבער ניטא ניט

אין פויליש, ניט אוקראיניש.

אין פויליש דא: blekot / Aethusa Cynapium

אין אוקראיניש: 1) блеки́тець (Euphorbia esula)

2) блéкіт – а) (Cicuta) бешениця
в) Conium maculatum

3) блéкот – (Hyosciamus niger) → блекотиця 59

4) блекотá – (Conium maculatum)

זען אויך - בליאָקאטע (קארטל בל 3800).

..................................................................

(?נ?) ב ל אָ ק ע ר - דער, =ס. (קירזשניערייי, אמ) פּרעסער.

1971 " דער שאפ דא איז א גרויסער, מיט עטלעכע און

1830 דרייסיק אפערעיטארס, |...| פיר בלאקערס (פרעסער),

חוץ עטלעכע האנט-נייערינס". ב. דעמבלין,

פאר, XI/ 19.

~~ב ל אָ ר א ד נ ע - אדי |2| (רוס נא) אי...~~

ב ל א ש ט ש ע ן  -  אוטוו. ארויסגעבן א בליאסק, בלישטשען.

1898  " |...| וועך די רבנים, די מורי-הוראות ליגן אויף איך זייערע הענט, זייערע וועקסל|ען| בלאשטשען |טעקסט:בלאשציען| עגל הזהב, ווארשע, ז׳ 77. 1834

.................................................................

כ׳מיין, אז ס׳איז סתם א גרייז (פון דרוק/איבערשרייבער אע) און ס׳דארף זיין בלישציען-בלישטשען.
איך וואלין געווען בליאסקען, אבער נישט בלאשטשען/בלאסציען. סע בליאסקעט,

.................................................................

ב ל א ש ק ע ב ע ן  -  טרוו. (לאקל, פומפיאן)
" דרעשן תבואה קלאפנדיק די סנאפעס אָן א קעגנשטאנד".
|קטוו, כ. לעמכען|.

< Lit: blökšti

?נ?  בלאשקענען זיך  - אוטוו. "זיךווארפן" |קטוו, כ. לעמכען|.

< Lit: blaškytis

ב ל ב |בעלעוו| - אדוו. (לל) איך הארצן.
% וואס ער זאגט, מיינט ער בלב. ביי יענעם איז אחד בפה און אחד בלב.

0 בלב-ולב |וועלעוו| - אדוו פר. (לל) צווייפּנימדיק, צביעותדיק. % פאלש רעדן זיי איינער מיטן אנדערן - בלב ולב.

בלב-ונפש |..-וונעפעש| - אדוו פר. (לל) מיטן הארצן און מיט דער נשמה, מיט לייב און לעבן. % ער איז אריינגעטאן איך לערנען בלב-ונפש. זיי זיינען געטריי איינער דעם אנדערן בלב-ונפש. ליב האבן בלב-ונפש.

1914 " |...| די לערער |...| האבן ליב זייער ארבעט,
|...| זענען טריי איבערגעגעבן בלב־ונפש צו זייער 1845/א
עבודה". חברה מפיצי השכלה, א פאר ווערטער צו
יודישע עלטערן וועגן חדר, ווילנע.

1952 " |...| צוגעבונדן בלב־ונפש". מ. דייטש,
מאנדלבארויט-יידיש, ל"א, ז' 99. 1843/ד

1960 " לעצטנס האט ער זיך שוין מייאש געווען, אז
ער זאל קריגן צוריק דעם חשק זיך אריינצוטאן 1846/א
בלב־ונפש אין דער גמרא". ש. סיימאן, צווייגן,
ב"א, ז' 80.

בלב־טוב |...טאוו| - אדוו פר. (לל) מיט א גוטן
הארץ, פון גאנצן הארצן.

1883 " |...| ווער עס בענטשט דעם חבר, וויל הקב"ה,
ער זאל אים בענטשן בעין טוב ובלב־טוב |...|". 1846/ג
נופת צופים אויף חומש, !!, ווילנע, ז' 56 - !!.

בלב־נשבר |...נישבאר| - אדוו פר. (לל) מיט א
צעבראכן הארצן. אין צער, מיט חרטה.

1832 " דער ווידוי בלב־נשבר באמת איז א גרויסער
חיזוק, מען זאל באמת תשובה טאן אויף אייביק". 1846/ד
פוקח עורים, שקלאוו, אות ד. |איבערדרוק - לויטן
אויסלייג|.

בלב־שלם |...שאָלעם| - אדוו פר. פון (מיטן) גאנצן הא
הארצן, געטריי.

|1817?| " דש פורדי |פערטע, אין עניק תשובה| אז ער
זאל מקבל זיין בלב־שלם אז ער זאל ניט טון וועגן 1846/5
ער טוטש |...|". ספר חסידים. |ווו?|, סימן מב.

1879 " וועט ער בוודאי לערנען תרה לשם שמים און

1846/4 וועט גאט דינען בלב־שלם". חוסן ישועות,

ווארשע, ז' 6.

בלב־תמים |...טאמים| - אדוו פר. (לל) פון גאנצן

1847/ב הארצן, ערלעך, יושרדיק.

1870 " איך וויל אוודאי בלב־תמים דאס קלייטל

1847/ב בענטשן מיט ברכה והצלחה". קמ, נ' 36, ז' 273-!!!.

ם 1724 " |...| וועט ער |הקב"ה| אונס אך ווען מיר ען

1846/1 בלב־שלם אך רופן מציל זיין אונ אונזרי פרנסה

בכבוד געבן. אמן". ר' צבי הירש בר' חיים מפיורדא, דרכי נעם,

תפ"ד, הקדמה, 10.

בלבול - ← בילבול.

(?נ?) בלובערי - די, =ס. ↔ (אמ, נא)

E: blueberry

שווארצע יאגדע |אוו|.

בלוד - דער, |=ן?|. א ניט־גוטער, א שדל וואס

Ик: блуд

מאכט בלאנדזשען אין וועג.

1957 " |...| שילדערט ער מיט זעלטענער עקספרעסיווקייט,

1858 ווי |...| א 'בלוד' האט אראפגעפירט פון וועג

זיין פערד". י. באטאשאנסקי, זש' גק, נ' 25,

ז' 330.

בלודנע - אדי, טייל מאל מיט ענדונגען פון מין און בייגפאל: בלודנער, בלודנעם.

ИК: блудний

1. (וועגן בעלי-חיים) אָן השגחה, אן א בעל-הבית, הפקר. % א בלודנע הונט דרייט זיך ארום איבערן גאס.

1880 " |...| האט אנגעפאנגען |...| צו בלאנדזשען |טעקסט: בלאנדזענען| אין געדיכטן וואלד אָן א וועג און אָן א שטעג ווי א בלודנער שעפס |...|". ה. האפמאן, דער פאלשער פעטער, ווילנע. 1861/א

1930 " קריכן זיי, ווי ראָבן בלודנע, די מחשבות |...|". א. שומיאטשער, אין שעהען פון ליבשאפט, ווילנע, ז׳ 179. 1884

1957 " די פאסקודע שלעפט זיך ערגעץ ארום אזוי ווי א בלודנע קאץ" ברוס, די שטילע ערד, נ"י, ז׳ 34. 1880

2. וואס וואנדערט פון ארט צו ארט, בלאנדזשענדיק, פארלוירן, עלנט, אן א היים.

... " דיינע ברידער, |...|//דיזע בלודנע, וויסטע שקלאפן//, ריידן אפט פון דיר". י.ש.פרענאוויץ, ציט מינפי II, נ"י, ז׳ 67. 1868

~~1941 " א בלודנער ארמי איז געווען מייך פאטער". תנ, דברים, חו - 5,~~ 1891

1948 25 " האב דו רחמנות אויף א בלודנעם ניגער". ייש, קענטאקי, ~~נ"י~~, ז׳ 246. 1883

(נ"י, ~~ט~~ אויך 1948, ז׳ 3)

1968 " און אויף דער בלודנער יידנשיף // געבליבן איז נאר איינער". לע, אפקלייב, נ"י, ז׳ 145. 1873

פּפּ: ווי בלודנע שאָף (שעפּעלעך) ארומגיין, בלאנקען - וואנדערן, וואגלען אן א זיכערן ציל/וועג, זיין עלנט.

|...?| " |...| מען זאל ניט כאפּן ביי אונדז אונזערע קינדערלעך, זיי זאלן |...| פארווארפן ווערן ווייט פון אונדז, ווי די בלודנע שעפעלעך". ממוס, שלמה ר' חיימס, |ב?|, ציט אויסג, "מענדעלי". 1864
ווארשע, ... ז' 37.

... " אלע ארויסגעטריבענע דארפישע יידן |...| בלאנקען זיך איצט ארום אויף אלע וועגן |...| ווי בלודנע שאָף". שע, טביה,...ז' 223.

|| קייט= - [באַטייט ניט קלאָר].

... " עס רייסט מיך ביים הארץ אייער אלע בלודנעקייט |...|". דיא גינארטי וועלט.... 1864/א

........................................................................

פּפּ: איך בין מסופק צי דאס איז א דעריוואט פון "בלודנע". לויט דעם ווייטערדיקן קאנטעקסט איז מעגלעך אז ס'איז געמיינט בלינדקייט:

"עטץ זענט נאך... גלאטע בהמות |...| זענט עטץ שטאק טויב אויף אייערע אויערן און שטאק בלינד אויף אייערע אויגן |...|".

........................................................................

ב ל ו ד ע ו ו ע ן - אוטוו. פירן אן אויסגעלאסן לעבן, טרייבן זנות, נואפן.

1957 " ביי נאכט הוליעט ער, בלודעוועט מיט פארשייטע פראנצויזקעס". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז'124. 1892

...| "...| געבלודעוועט אזוי ווי א צויג, אפגענארט

1893 מיך". דצור, ז' 244.

בוגאר

בלוזע - די, =ס. זן בלוזן, (דיאל) בלוז.
מער געניצט אין פקפ בלוזקע, ווייכער 'ל'.

אייבערשטער טייל פון א צווייטייליקן
בגד (בלוזע מיט א ספודניצע, (יובקע), בלוזע מיט הויזן),
ס'רוב פון א דינערן שטאף, און דער שניט ענלעך צו
א העמדל, וואס גרייכט (ניט) ביז די לענדן; מע גייט די
בלוזע אריינגעטאן אין דער ספודניצע אדער הויזן,
אדער אריבערגעווארפן, ~~מע גייט די בלוזע ארויסגעלאזט~~
~~איבער דער ספודניצע אדער הויזן, אדער אריבערגעווארפן~~
טייל מאל אויך מיט א פּאסיק. % זיידענע בלוזע.
דער סטודענט גייט אין א שווארצער בלוזע איבער די
P: bluza; R: блуза. הויזן.

1865 "איך צי אפ פון מיר מיין בלוזע |טעקסט:בלוזיע|
1896 און דעם האלדזטוך |טעקסט:האלסשטיק|". |מחבר?|,
איבן פאן פראנצעזיש |ווער?|, מסתרי פאריזן I,
ווארשע, ז' 59.

... "כ'פאל אויפן בעט אין אָנטון, קוים די בלוזקע
1919 אראפגעווארפן און די שיך". פרץ, דראמאטישע
שריפטן, ציט אויסג, נ"י, 1947, ב' VI, ז' 45.

1925 "און יעדע |פון די טעכטער באדארף |...|
זיידן-בלוזן, און שפיצן-בלוזן, גאזע-בלוזן
|...| און נאך". ז. מוירער, זיי ניט |...|
II, טארנאוו, ז' 43.

1972 "זי האט |...| געבארגט ביי איר בלוזקעלעך
1903 און שפילקעלעך |...|". ח. ראזענפארב, דער
בוים פון לעבן I, ת"א, ז' 464.

0 ארבעט(ס)-בלוזע/ ארבעטער-בלוזע - פשוטע בלוזע,
גענוצט ביי דער ארבעט.

1947 " |...| האט ער, קעגן דער טראדיציע פון זיין
1917 היים, אנגעטאן אַן ארבעטער-בלוזע און אנגעהויבן
ארבעטן אלס לערן-יינגל ביי א שלאסער". ר. פעדערמאן,
יזכ טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 402.

1948 " אין פאבריק דער רוים איז אזוי שמוציק און
1916 קליין - איז ווי זאל מיין ארבעטס-בלוזע זיין ריין?".
רעד' מ. סיני, זש' גאפ, נ' 10, ב"א, ז' 53.

מענער-בלוזע, פרויען-בלוזע, ספארטבלוזע.

1968 " |...| האבן זיך אין די געסלעך פון קארטשעוו
1909 באוויזן יידישע יוגנטלעכע אנגעטאן אין ספארטבלוזעס
אין רויטע און גרינע פאסן". נ. ראזענבלאט,
יזכ אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 745.

ב ל ו ט - דאס, זן די, מצ (זן) בלוטן.

1. רויטע ארגאנישע פליסיקייט, וואס צירקולירט אין
די אדערן פון מענטשן און בעלי-חיים. % ארטעריאל/
ווענאז בלוט. קראנק בלוט. שפייען מיט בלוט.
עס גייט/רינט אים בלוט פון דער נאז. דעם קראנקן
האט מען בעת דער אפעראציע געמאכט א טראנספוזיע
פון בלוט.

1921 " און נאט אייך א היטל // מיט ווארעמע בלוטן
2064 |...|". פמ, די קופע, ווארשע, ז' כ"א.

1924 " אין דער זעלבער צייט ווערט פון רעכטן קאמער
1979 |...| אריינגעפאמפעט אין די לונגען-ארטעריעס די
שלעכטע בלוט". צ[מה] ש[אבאד], לשי פגעז, נ' 6,
ווילנע.

1873 " ביז צו איר באלד לויפן צו דער ערד, בלוט
גיסנדיק פון [...]". מענדעלע, די קליאטשע, ווילנע, זייט 181 980.

בל - 150.

1946 " זיין וועלט איז - דאס בלוט, וואס רינט אין
2113 דעם מענטשנס אדערן |...|". שנ, דערציילערס
און ראמאניסטן, II, נ"י, ז' 228.

2. (פיג) לעבנס-כוח, טעמפעראמענט, כאראקטער.
% מיטן אנקום פון נייע מיטגלידער האט די געזעלשאפט
באקומען פריש בלוט און די ארבעט האט אויפגעלעבט.
יענער איז א חברהמאן מיט בלוט, לאזט זיך ניט
שפייען אין דער קאשע.

1888 " |...| פייערדיקע געפילן פון רחמנות האבן
2119 מיר ווידער אנגעצונדן מיין בלוט". ממוס,
די קליאטשע,.... קאנק. 472300

1934 " זיין פריציש בלוט האט זיך שוין אין אים
2051 אויפגעקאכט. ער האט דעם ייד געגעבן א שאר אפ פון
זיך". אש, דער תהילים-ייד, [illegible].

1960 " נאך דער היילנדיקער איינשפריצונג פון
2250 'שטעטל' האט אונדזער ליטעראטור אין איר בלוט
דערפילט עפעס א נייעם ווארעמען לעבנסשטראם".
שנ, שלום אש, נ"י, ז' 356.

3. (פיג) אפשטאם, ייחוס, קרובהשאפט. % זיי זיינען
אלע פון איין בלוט.

1873 " |...| פון דעסטוועגן איז נאך א חילוק צווישן
בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פארט עפעס
אנדערש". ממוס, קליאטשע, קאנק. 237930.

1892 " סטייטש, |...| ווי פארגעסט מען דאס אייגענע
2133 בלוט? |...| איך בין אויך א מאל געווען א שטיק
מענטש! |...| האב איך דיך ניט מקרב געווען?".
י. מ. ליפשיץ, א וואלוועלער ביסין, ווילנע.

1964 " איך האב מיך דערמאנט דאס געשטאלט, // וואס
2004 אן אפצווייג בין איך פון זיין בלוט". י. מאניק,
איך טריט |...|, ת"א, ז' 19.

4. ( פיג) געלט, פארדינסט, פארמעגן, האָב-און-גוטס.

1870 " גענוג פון אונדזערטוועגן אז א מענטש
2223 בארטשעוועט זיך אויס |איז אויף קעסט, עסט| פון
אונדזער בידנע ביסל בלוט און לעבט זיך גאנץ שיין,
|...| זאלן מיר אים נאך אויסשטיין מיט עולם-הבא
אויך?". קמ, נ' 23, ז' 167 - II.

1873 " יידיש געלט, יידיש בלוט גייט לאיבוד".
ממוס, קליאטשע, ווילנע, ק[illegible] 167400

1957 " למען-השם ניט אוועקצאלן אומזיסטיק בלוט
1955 פאר א מאגער הינדל". ש. ביקל, זש' איק,
פסח-נומער, ז' 84.

5. (שגל) גאָלד/ געלט, ווי אַן אויסקויף.

1958 " ווען א'שמאלצאווניק' האט געכאפט א יידן
2224 אויף דער ארישער זייט, פלעגט ער אים זאגן:'דאוואי
קאציע |=קאץ, ייד| בלוט!". בלום, יישפ XVIII - 1.

6. (פיג) רויטער זאפט, סאק.

1939 " די שפיץ נאז און די פינגער זיינען ביי איר
1935 פארפלעקט מיט מאלינע-בלוט". זש, שקלאווער יידן, ווילנע,
ז' 100.

~~באמ: אפשר מיינט ער בלוט ממש - מע דאַרף נאכזען דעם טעקסט ריכטער. ש. פ.~~

0 בלוטאדער - דער, =ן. אָדער דורך וועלכן עס פליסט דאס בלוט.

1916 " |...| בינדגעוועב-פעדעם, שטייפע און עלאסטישע, אין וועלכע עס ליגן בלוטאדערן, דריזן, נערוון". 2263

י. מעריסאן, היגיענע, נ"י, ה'....

בלוטאומגאנג - דער, בא. דזוו בלוט-צירקולאציע.

|1940?| " |...| זייער פארמיטלונג איז |...| דורך דעם ארייננאטעמען און ארויסאטעמען און דער בלוטאומגאנג 2270

אין דעם קערפער". |מחבר?|, |שמע"צ [illegible], נ"י,

ז' 23.

בלוטאויסגאס - דער, =ן, פפ~=אויסגוס. שטארקע בלוטונג צוליב דעם פּלאצן אדער צערייסן פון די בלוטגעפעסן; העמאָראַגיע. % אינעווייניקסטער בלוטאויסגאס. האבן/קריגן א בלוטאויסגאס. ער האט געקריגן א בלוטאויסגאס אין מוח.

1927 " דאס געשעט, ווען די בלוטונג איז א שטארקע. דער קראנקער שטארבט דאן אדער צוליב דעם וואס ער 2264

ווערט גלייך דערשטיקט פון דעם בלוטאויסגוס |...|".

מ. לענסקי, מאדערנער פאמיליע-דאקטאר, ווארשע,

ה' 86.

... " ביי שטארקע אפעקטן פון כעס |...| קען קומען א בלוטאויסגאס פון נאז, פון די לונגען". 2058

א. גאלאמב, ייבל !!!, 4 - 5.

1973 „פון דער בלוט[illegible] איז אנטשטאנען אין אינטראווענקסער בלוטאויסגוס אין [illegible] [illegible]”. יצח פשוטיק, ת"א, ז' 210.

בלוטאויסגוס - ← בלוטאויסגאס. 2265

בלוטאומלויף - דער, בא. דזוו בלוט-צירקולאציע.

1938 " די לונגען |...| ליידן שטארק פון ניט-גענוגנדיקן בלוטאומלויף אין קליינעם קרייז". פגעז, 2005

נ' 2, ווילנע.

בלוטאייגן – אדי, קרוביש, פון דער אייגענער משפחה, פון דעם אייגענעם אָפּשטאַם, שבט אַע.

בלוט-אַלבומין – דער, בא. (גאַרבעריי) "פּרעזערווירטע טרוקענע בלוט פון בהמות גענוצט צום גלאַנצן לעדער" |קטוו|.

בלוטאָפּגאַנג – דער, בא. 1. דאס פארלירן א סך בלוט.

2. (פיג) גרויסע אבידות, קרבנות אין רעזולטאט פון א מלחמה.

1926 " אלץ, וואס מיר האבן |...| מיט געליטן מיט די נעבעכדיקע מענטשנקינדער אין זייער לאנגיעריקן קרעכץ און בלוטאפגאנג, איז נישט מער ווי אן אנהייב פון די גרויסע ווייען". א. פארבא, מיין שטענדער, !! העפט, ווארשע, ז' 23.

בלוטאָפּפער – דער, =ס. |סטוטש 619, אהוו|. (אמב) קרבן פון בלוט פון א לעבעדיק באשעפעניש.

בלוטאָפּפלוס – דער, =ן. די פאזע פון דער בלוט-צירקולאציע, ווען דאס בלוט שטראמט ארויס פון הארצן צו די אברים פון קערפער.

בלוטאָרמוט – די, בא. (דטשמ) בלוט-אָרעמקייט, אַנעמיע.

1898 " דאס איז דער חילוק צווישן בלוטארמוט און בלייכזוכט |...|, ביי בלוטארמוט האט עס |דאס בלוט| 2258
וויניק |רויטע| קייקעלעך". ד. מארדפין [בארבייט], לויט לונקעוויטש, די לעהרע פון לעבען, בערלין, ז' 18.

בלוטארעם - אדי/אדוו. אַנעמיש, שוואך.

1866 " |...| דאס וואר |איז געווען| אין זייער

2290 שווער אויסצופירן, דען ער וואר בלוטארעם ~~[illegible]~~

דאך". אמד, דער גואל, ווילנע.

1928 "איך בין א בלאסער, א ציטערדיקער און א בלוטארעמער".

2297 י. ראבאן, די גאס, ווארשע, ציט אנט, ז' 612.

1947 " די קינדער, א סך פון זיי בלוטארעם, ~~[illegible]~~

2291 א סך מיט סימפטאמען פון אנדערע קראנקהייטן|...|".

יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 77.

בלוט-ארעמקייט - די, בא. אנעמיע.

1930 " לויט די מעדיצינישע פאדערונגען ווערט די

2300 בלוט-איבערגיסונג אויסגענוצט |...| ביי בלוט-

פארגיפטונג |...| און ביי בייזארטיקער בלוטארעמקייט".

זש' טאז, נ' 9, 12, ווארשע.

1937 " א באזונדער סדרה פון כראנישע קאפשמערצן

2299 בילדן בלוט-ארעמקייט |...| פון די בלוטגעפעסן אויפן

קאפ". זש' פגעז, נ' 9 - 10, ווילנע.

בלוטבאנק - די, בענק. 1. מעדיצינישע

אינסטיטוציע וואס זאמלט צונויף און קאנסערווירט

בלוט פון דאָנאָרס (בלוטגעבער) פאר צוועקן פון

טראנספוזיע.

2. דער רעזערוו פון קאנסערווירטן בלוט.

בלוטבאשטאנד - דער, =ן. 1. דער צונויפשטעל

פון די שטאָפן וואס זיינען דא אין בלוט. % דער

אנאליז פון בלוטבאשטאנד האט ארויסגעוויזן א צו

גרויסע צאל פון לייקאָציטן.

2. (פיג) אָנווייזער פון נאציאנאלער אדער וואסן=

קרובהשאפט.

1951 " דעם זעלביקן בלוטבאשטאנד געפינען מיר אויך

2311 ביי די דאגעסטאנער און בוכארער יידן". י. ברוצקוס,

זב ליטע I, נ"י, ז' 203.

באמ: ניט זיכער אין אויסטייטש - אפשר מיינט ער"בלוטגרופע?".

בלוטגעבער - דער, =ס. (וונ =ין, =קע). דער/די

וואס גיט פרייוויליק בלוט פאר צוועקן פון טראנס-

פוזיע; דאנאר.

בלוטגעוועב - דאס, =ן. (אנאט) צונויפשטעל פון

די קעמערלעך וואס שאפן די בלוטגעפעסן.

באמ: ניט זיכער אין טייטש.

בלוטגעפעס - דאס, =ן. געניצט ס'רוב אין מצ. |אנאט|

די אדערן (קאנאלן), דורך וועלכע עס צירקולירט

דאס בלוט. % מיט דער עלטער ווערן די בלוטגעפעסן

פארקאלכט און הארט.

1924 " בעת דער שוואנגערשאפט ווערן די בלוטגעפעסן

2346 שטארק פארגרעסערט און פארצווייגט |...|".

צ[מח] ש[אבאד], זש' פגעז, נ' 7, ווילנע.

1936 " פארברייטערונגען פון די בלוטגעפעסן ביים

2347 סאמע סוף פון דער גראבער קישקע |...|". זש' פגעז,

נ' 10, ווילנע.

בלוטגרופע – די, =ס. ( פיזיאלאגיע) קאטעגאריע פון
מענטשן מיט באזונדערע פיזיאלאגישע אייגנקייטן פון בלוט.
% ביי מענטשן זיינען דא פיר בלוטגרופעס . ביי א
טראנספוזיע דארף מען אכטונג געבן ניט צו געבן בלוט
פון אן אנדער בלוטגרופע.

1930 " די נייסטע פארשונגען |...| באווייזן, דאס מיר
2353 האבן געפונען דעם שליסל צו באשטימען ניט נאר די
אייגנשאפטן פון די באזונדערע בלוטגרופעס |...|".
וש' טאז, נ' 9 ז' 12, ווארשע.

1951 " די לעצטע צייט זיינען אויסגעפארשט געווארן
2351 די בלוטגרופעס פון די פארשיידענע צווייגן פון
יידישן פאלק". י. ברוצקוס, זב ליטע I,
נ"י, ז' 203.

בלוטדרוק – דער, בא. (מעד) דער דרוק וואס איז·
אין הארצן און אין די אָדערן פון בלוטסיסטעם.
% אין די עלטערע יארן איז געוויינטלעך דער בלוטדרוק
העכער.

1927 " |...| דער בלוטדרוק ביים מענטשן אין די
2381 אפעקט-צושטאנדן, ווי שרעק, אומעט, אויסברוכן פון
שמחה אדער כעס, געפינען זיך אין אן ענגן צוזאמענ-
האנג". מ. לענסקי, מאדערנער פאמיליענדאקטאר,
ווארשע, ז' 16.

1944 " רייך פיזיאלאגיש בייט זיך דער בלוטדרוק
אין צוזאמענהאנג מיטן צושטאנד פון קערפער".
אלענ, ב' V , נ"י, ז' 480.

1967 " דעם חולה |אויף אדיסאן-קראנקהייט| פעלט
2382 אדרענאלין, ער ליידט פון א נידעריקן בלוטדרוק,
פילט זיך זייער שוואך". י. גלען, צו געזונט
און צו לעבן, נ"י, ז'...

<u>בלוטדריז</u> - די, =ן. דריז וואס גיסט אריין
איר שטאף אין בלוט אריין, א דריז מיט אינעווייניג-
2383 קסטער סעקרעציע.

<u>בלוטהוסט(ן)</u> - דער/דאס [טובערקולאז?].
1909 " צו <u>בלוטהוסטן</u>. דאס ערשטע איז מנוחת הגוף
2393 |...|, אויף דער ברוסט זאל מען לייגן א קאלטן
אומשלאג". <u>י. שפערלינג</u>, <u>ליקוטים II</u>,
(<u>טעמי המנהגים</u>) לעמבערג, ז' נ"ח.

<u>בלוטהיץ</u> - די, <u>בא.</u> |<u>סטוטש</u> 254|. [פיבער?]

<u>בלוטהעמד</u> - דאס, =ער.
|1872?| " די כהנים זיי האבן אלע טאג געארבעט אין
2230 בית המקדש אין איין <u>בלוטהעמד</u>". <u>צור</u>, תדוה, [...].

<u>בלוטוואלונג</u> - די, =ען. (<u>דטשמ</u>) כוואליע פון היץ
וואס קומט און גייט אין ארגאניזם פון מענטשן.
1928 " די ענדיינונגען |ביים פארלירן די מאנאטלעכע|
2395 זיינען |...| אויפגערעגטע אדער, פארקערט, אומעטיקע,
מרה-שחורהדיקע שטימונג, |...| <u>בלוטוואלונגען</u>
אין פנים, שוויצן |...|". <u>זש' פגעז</u>, נ' 21,
ווילנע.

<u>בלוטוואסער</u> - דאס, <u>בא.</u> |<u>סטוטש</u> 241|. [לימפע?].
1824 "יקרה לפעמים שחלב האם הוא מעורב בתחלה עם
2397 מי דם (<u>בלוט וואססער</u>) |...|". <u>איבז מ. נ. ריף</u>,
ק. גירטנער, <u>לימוד תחלואי הילדים</u>, ווילנע.

<u>בלוטווארעמקייט</u> - די, <u>בא</u>. |<u>סטוטש</u> 254|.

--- <u>בלוטהיץ</u>.

<u>בלוטווּורשט</u> - דער, =ן. |<u>סטוטש</u> 258|. ווורשט

וואס אין זיין געפילעכץ איז אריינגעטאן בלוט.

{ באמ: אויסטייטש ניט זיכער. }

<u>בלוטוועג</u> - דער, =ן. (באטייט זען ציטאטע).

1927 " [illegible] [illegible] דורכגעמאכט

וועג פון לינקן פאַרהאַרץ דורכן גאַנצן גוף צום רעכטן

פארהארץ ווערט אַנגערופן דער גרויסער <u>בלוטוועג</u>".

<u>ט. בערלס</u>. <u>מענטש-מאשין</u>, קיעוו, ז' 33.

<u>בלוטטעסט</u> - דער, =ן. אנאליז, אויספארשונג פון דעם

בלוטבאשטאנד. % פאר דער אפעראציע האט מען נאך

א מאל געמאכט <u>א</u> <u>בלוטטעסט</u>.

<u>בלוט-טראנספוזיע</u> - די, =ס. (<u>מעד</u>) דאס איבערגיסן

א חולה קאנסערווירטע בלוט אדער דירעקט פון איין

מענטשן צום אנדערן. % דעם שווער פארוווּנדיקטן

האט געראטעוועט די <u>בלוט-טראנספוזיע</u>.

1950 " |...| ווי אזוי מען דארף זיך נוהג זיין ביי

יעדער <u>בלוט-טראנספוזיע</u>". <u>זש' פגעז</u>, נ' 1,

פאריז. 2432

בלוטראפן - --- בלוטסטראפן.

בלוט-כלי |קיילע| - די, =ם. --> בלוטגעפעס.

בלוטלאזונג - די, =ען. |סטוטש 427|. דאס אפציען
בלוט פון א קראנקן.

בלוטלויף - דער, בא. דזוו בלוט-צירקולאציע.

1926 " |...| איז פאראן א שייכות צווישן דער
2447 גיכקייט פון בלוטלויף און דער הויכער טעמפעראטור
פון דער הונט לייב |...|". יאכ II, קיעוו,
ה' 254.

1927 " קלייבט זיך אומיסטן פונאנדער אינעם גאנג
2446 פונעם בלוטלויף און אונדזער קערפער |...|".
ט. בערלס, מענטש-מאשין, קיעוו, ז' 33.

בלוטמאנגל - דער, בא. בלוטארעמקייט, אנעמיע.

~~|א. לעווין, ביאלאגיע, ב"א 1931.~~

בלוטמישונג - די, =ען. (פיג) ביאלאגישער
רעזולטאט פון געמישטע התונות צווישן מענטשן פון
פארשיידענע ראסעס, פעלקער.

19... " |...| א בוך וועגן יידיש-דייטשער בלוטמישונג".
2458 מוו, ייבל, XX, ז' 104.

בלוטסערום - דער, =ס. (מעד) לעבעדיקער אפזאץ פון
פארגליווערטן בלוט און לימפע, געניצט ווי היילמיטל.

1927 " זייער אפט רופן ארויס קראפיוקע |מין אויסשיט|,
2462 פארשיידענע רפואות, א שטייגער יאדאפארם |...|,
פארשיידענע בלוטסערומס (טראוואקצינעס), איינגעשפריצט
אונטערן הויט". זש' פגעז, נ' 8, ווילנע.

בלוט-סראוועטקע - די, --> בלוטסערום.

בלוט-סעדימענטאציע (מעד). 1. דאס אפפאלן פון די רויטע בלוט-קייקעלעך פון דער לימפע. % א צו גיכע בלוט-סעדימענטאציע ווייזן אן אויף א קראנקהייט אין ארגאניזם.

ספּפֿאַלן פֿון בלוט.

2. (מעד) דאס אויספארשן דעם פראצעס פון דעם ~~סעדימענטאציע~~

1929 " וואס ברייטער אנצווענדן אין די אנטיטובער- קולאזע-אמבולאטאריעס די מעטאדן פון דער בלוט- 2464
סעדימענטאציע". / זש' "טאז"-שריפטן, ווארשע.

בלוטפאספארט - דער, =ן. דאקומענט פון בלוטגעבער (דאנאר).

1930 " אין די ספעציעלע בלוטפאספארטן, ווו עס געפינט זיך אויך א פאטאגראפיש בילד פון דעם דאנאר, ווערן 2466
אויך אנגעוויזן |...| זייך געזונט-צושטאנד".
זש' טאז, נ' 9, ווארשע, ז' 12.

בלוטפארגאס - ~~דאס~~ די --> בלוט-פארגיסונג.

בלוט-פארגיפטונג - די, =ען. דאס צעשטערן די נארמאלע בלוט-צירקולאציע דורך אריינברענגען אין ארגאניזם גיפטיקע אדער אנדערע שעדלעכע שטאפן, ס'רוב דורך אומפאסיקער שפייז.

1925 " |...| עס קען דערביי גרינג ווערן א בלוט- פארגיפטונג ~~(סעפסיס)". זש' פגעז, נ' 19~~, 2486
וואס פירט צום טויט, אויב מען גיט ניט דעם קראנקן אויף גיך פרישע גרינס און פרוכטזאפטן". זש' פגעז, נ' 8, ווילנע.

1932 " די ניי געבארענע נעמען זיך באזונדערס לייכט אן מיט די באקטעריעס, וועלכע רופן ארויס אן 2488
אלגעמיינע בלוט-פארגיפטונג (סעפסיס)". זש' פגעז, נ' 19, ווילנע.

1967 " מיין פרוי איז |...| קראנק געווארן אויף
2487 בלוט-פארגיפטונג און איר לעבן איז געווען אין א
גרויס געפאר". ל. וויזענפעלד, יזב ריישא,
ת"א, ז' 464.

בלוט-פארהארטונג - די, =ען. די פארגליווערונג פון
2489 בלוט אויף א ווונד.

בלוטפארלוסט - דער, =ן. דאס פארלירן א סך בלוט.
% איידער מען האט דעם שווער פארווונדיקטן געבראכט
אין שפיטאל, איז ער געשטארבן צוליב א שטארקן
בלוטפארלוסט.

1908 " פון די אלע זאכן קאן קומען א גרויסער בלוט-
2493 פארלוסט |...|". |איבז, ווער?|, עצות פאר דעם
פרויען לעבען,ווארשע, ז' 19.

בלוט-פארמישונג - די, =ען. בנב.

1909 " צו בלוט-פארמישונג |...| צו נעמען אין דער
2494 אפטייק בלוט-רייניקונגס-טיי|?| און דאס קאכן און
פון דעם דריי מאל אין טאג טרינקען". א. י. שפערלינג,
ליקוטים !! (טעמי המנהגים), לעמבערג, ז' נ"ג.

[פֿאַרסמונג]
בלוט-פארסמונג - ← בלוט-פארגיפטונג.

בלוטפּלאזמע - די, בא. דער פליסיקער טייל פון
בלוט, באשטייט פון וואסער, ווייסלשטאף, קוילן-
הידראטן און פעטסן.

1931 " |...| רויטע און ווייסע בלוט-קייקעלעך,
2506 וואס שווימען אין א פליסיקייט, וואס ווערט
אנגערופן בלוטפלאזמע". זש' פגעז, נ' 1, ווילנע.

בלוטפלוס - דער, =ן. 1. דאס ארויסרינען פון בלוט ביי א וווּנד.

1932 " |...| ווי אפשטעלן דעם בלוטפלוס פון וווּנד איין פאל |...|". ע. מעשטשינסקי, האנטבוך פארן ארבעטער-טוריסט, מאסקווע, ז' 34. 2509

2. (עלט) מענסטרואציע ביי פרויען.

1908 " |...| למשל, א פלוציגגע |פלוצעמדיקע| שרעק אדער פרייד פארמערט דעם בלוטפלוס". איבז |ווער?|, עצות פאר דעם פרויען לעבען, ווארשע, ז' 18. 2508

בלוטפליסונג - די, =ען. 1. דזוו בלוטפלוס ב1.

|1910?| " |...| איין עלאסטישן באנדאזש צום איבערציען די אויסערסטע טיילן פון קערפער ביי א בלוטפליסונג". סור II, לאדז, ז' 15. 2510

2. (עלט) דזוו בלוטפלוס ב 2.

1941 " אוז א פרוי, אז איר בלוטפליסונג וועט פליסן פיל טעג |...|". תי, ויקרא, ט"ו - 25. 2512

3. (עלט) בלוט-צירקולאציע.

1908 " ענגע שיך פארהאלטן די רעגלמעסיקע בלוטפליסונג איין די אדערן". מ. גאטליעב, פאפולערע אלגעמיינע היגעניע, ווארשע, ז' 33. 2511

בלוט-פליסיקייט - די, דזוו בלוטסערום.

בלוטפלעק - דער, =ן. 1. אן איבערבלייב, אסימן
אז אויף דעם ארט איז געווען בלוט.

1882 " |...| פארלאנגט דער פראקוראר, מע זאל גענויער
איזסליעדעווען |אויספארשן| די בלוטפלעקן, וואס 2517
מע האט באמערקט אויף די קליידער". ייפאל,
נ' 40, ז' 616.

2. (פיג) די שולד פאר א מארד, פאר הרגענען.

1899 " אויף איר |די רומענער| וועט האבן אריינגע-
בראכט אין דער געשיכטע א גרויסן, שיינדלעכן 2516
בלוטפלעק". יה"ל, די קאלאניסטן !!, ווארשע,
ז' 5.

בלוטפעדעם - די, מצ. |בלוטפיברין?|.

1927 " די בלוטפעדעם אין די ליחות מוזן דעריבער
ביי אונדז דערוועקן א חשד, צי דער קראנקער ליידט 2518
אויף לונגען-שווינדזוכט". מ. לענסקי, מאדערנער
פאמיליענדאקטאר, ווארשע, ז' 86.

בלוטפענעצלעך - די, מצ |סטושש 241|. טראמבאציטן.

בלוטפרייז - דער/די, =ן. (פיג) דאס באצאלן
מיטן לעבן.

1948 " |...| צו טייער איז דער בלוטפרייז, וואס
זיי |די יידן פון גראדנער געטא| האבן באצאלט". 2520
זש' גאפ, נ' 2, ב"א, ז' 18.

בלוטצופלוס - דער, =ן. (פיג) דאס צוקומען פון
בלוט צו א געוויסן ארט פון קערפער.

1924 " דער פארשטארקטער <u>בלוטצופלוס</u> רופט ארויס א
דרוקגעפיל און געפיל פון שווערקייט |...|". 2543
<u>זש' פגעז</u>, נ' 5, ווילנע.

<u>בלוט-צירקולאציע</u> - די, <u>בא.</u> 1. די אומקרייז-
באוועגונג, וואס דאס בלוט מאכט דורך פון הארצן צו
אלע קערפערטיילן און צוריק.

1836 " דען דאס וויקלען |...| מאכט שווער דעם אטעם
און דאס אומגייען פון די בלוט(צירקולאציאן)". 2519
<u>מ. בערלאנט</u>, <u>די גליקליכע מוטער</u>, ווילנע, ז' 20.
|איסלייג מאדערניזירט|.

1908 " אין דער טעטיקייט פון <u>בלוט-צירקולאציע</u>
פארנעמט דאס הארץ דעם מיטלפונקט". <u>איבז</u> |ווער?|, 2551
|מחבר?|, <u>דער אוצר פון געזונד און לעבען</u>,
ווארשע, ז' 3.

1927 " וואס דארף מען טאן כדי צו העלפן דעם קראנקן,
בעת ער חלשט? |...| אפשפיליעווען שיך און קליידער 2551/א
און אלע זאכן, וואס דריקן, און שטעפן די <u>בלוט-
צירקולאציע</u>". <u>י. פייגענבערג</u>, <u>די ערשטע הילף
אין אומגליקלעכע צופאלן</u>, ווארשע, ז' 7.

2. ( <u>פיג</u>) אקטיווקייט, לעבנס-באוועגונג, וויטאליטעט.

1909 " מען ברויך |...| צו שטארקן די יידישע
<u>בלוט-צירקולאציע</u> ביי אייך". <u>נ. ל. וויינגארט</u>, 2546
<u>דער יודישער שפיעגעל</u>, ווארשע, ז' 47.

1954 " שניאור האט געוואלט זען |...|א שטילע |...|
וועלט, אן אנעמישע, מיט אן איינגעשלאפענער 2552
<u>בלוט-צירקולאציע</u>". <u>גרינ</u>, <u>גלעטלער</u> |...|,
נ"י, ז' 296.

בוגאך 13 א

?נ? בלוט-קארפוסקל - דער, =ען. |סטוטש 241|. דזוו בלוטקערפערל.

בלוטקייקעלע - דאס, =עך. דזוו בלוטקערפערל.

1929 " |...| באגרינדעט דער פארשלאג וועגן אנווענדן
2557 די רעאקציע פון די רויטע בלוטקייקעלעך". זש' "טאג-
שריפטן, ווארשע.

בלוטקערפערל - דאס, =עך. געניצט ס'רוב אין מצ.
באשטאנדטיילן פון בלוט - די עריטראָציטן (רויטע
קערפערלעך), לייקאָציטן, לימפאָציטן א"א (ווייסע
קערפערלעך).

1923 " |...| דאס זיינען די רויטע בלוטקערפערלעך,
2562 וועלכע שפילן די וויכטיקסטע ראלע אין ארגאניזם
א דאנק זייער פארבשטאף, העמאגלאבין, דעם נייטיקסטן
עלעמענט פון לעבן". צ. שאבאד, זש' פגעז,
נ' 5 - 6, ווילנע.

1949 " די אנהויבונג פון ווייסע בלוטקערפערלעך
2560 איז ניט עפעס אנדערש ווי די אזוי גערופענע
'מאטעריע' (אייטער)'. זש' פגעז, נ' 13-14,
פאריז.

בלוטקרייזונג - די, בא. דזוו בלוט-צירקולאציע.

|19..?| " הויזן דארפן זיין, ברייט, אז זיי זאלן דעם
2569 קערפער נישט דריקן, אום די בלוטקרייזונג זאל נישט
דורך זיי געשטערט ווערן". |מחבר?|, ווי דארף
א מענטש פערהיטען זיין געזונד, ווארשע,
פאמיליען-ביבליאטעק, ז' 35.

בלוטרייך – אדי, וואס האט א סך בלוט.

1928 " אויף דער אינעווייניקסטער אייבערפלאך פון

2571 פון דער הייבמוטער בילדעט זיך א דיקע, זאפטיקע

און בלוטרייכע הייטל |...|". זש' פגעז,

נ' 18, ווילנע.

בלוט-רייניקונגס-טיי – די, בא. בגב.

1909 " צו בלוט-פארמישונג. נעמען אין דער אפטייק

2573 בלוט-רייניקונגס-טיי און דאס קאכן און פון דעם

דריי מאל אין טאג טרינקען". א. י. שפערלינג,

ליקוטים !I! (טעמי המנהגים), לעמבערג, ז' נ"ג.

בלוטרינונג – די, =ען. דזוו בלוטפלוס, ב 1.

1932 " |....| א קלאפ, וואס ווערט באגלייט מיט א

2575 שטארקער בלוטרינונג |...|". ע. מעשטשינסקי,

האנט בוך פארן ארבעטער-טוריסט, מאסקווע, ז' 34.

זע צ 40

בלוטער-הייטל – דאס, =עך. איינס פון די הייטלעך

פון אויג.

1921 " דאס צווייטע אויגהייטל נאך דעם ווייסל איז

דורכגענומען פון א סך בלוטערעלעך און דעריבער

רופט מען דאס בלוטער-הייטל. דאס בלוטער-הייטל

איז שווארץ קאלירט און נעמט איין אלע ליכטשטראלן.

אותיות אופטא, צי שמואל, אנאטאמיע, פאר מיטלשולן,

ווילנע, ז' 14.

בלוטערל – דאס =עך. זייער שמאָל אָדערל; קאַפּילאַר.

1921 " איטלעכס לונגענבלעזל איז איבערגעפלאכטערט

2580 מיט א נעץ פון בלוטערלעך (האָר-בלוטערלעך). דורך די

רערלעך פליסט כסדר בלוט פון הארצן, וואס איז א

אנגעזעטיקט מיט קוילן-זייער". איבז ד"ר איטעל,

אטא שמייל, אנאטאמיע דער מענטש, ווילנע,

ז' 21.

**בלוטשטורץ** – דער, =ן. א שטארקער בלוט-ארויסגאס
פון די לונגען, דורכן מויל. טרעפט זיך ס'רוב ביי
טובערקולאז-קראנקע (ווסב (Haemoptisis).

1836 " |...| ווייל די הילץ פארשלאפט און קאן ברענגען
2594 אנמאכט (חלשות) אויך בלוטשטורץ (זיבת הדם)".
מ. בערלאנט, די גליקליכע מוטער, ווילנע, ז' 9.

1901 " ווען דער בלוטשטורץ קומט דורך דער ווירקונג
2597 פון שטראלן פון דער זון, |...| איז גוט צו גיסן
אויפן קאפ קאלטע וואסער |...|". איש יהודי
|לעאן ראבינאוויץ|, זש' בלעטער, נ' 17,
סט. פעטערבורג.

1927 " טייל מאל ווארט זי, די שווינדזוכט ... זי
2606 ווארט, ביז איר קרבן וועט דערגרייכן די מיטעלע
יארן, |...| און מיט א מאל – עפעס פארקילונג,
און דאן א בלוטשטורץ – און די שווינדזוכט הייבט
זיך אן צו אנטוויקלען". מ. לענסקי, מאדערנער
פאמיליענדאקטאר, ווארשע, ז' 110 – 111.

1953 " די בלוטשטורצן פון האלדז האט אים נישט
2599 געשטערט א סך צו רייכערן, פון צייט צו צייט צו
טרינקען |...|". י. גרודבערג, יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 516.

**בלוטשטראם** – דער, =ען. 1. דער סכום בלוט אין
אומלויף אין די אדערן.

1921 " און ווי א בלוטשטראם גייט דער טרערנשטראם
2614 גלייך פון הארץ". מ. ראוויטש, נאקעטע לידער,
ווין.

1968 " דער פליסיקער צושטאנד, אין וועלכן די אלע
2612 פראדוקטן געפינען זיך אין בלוטשטראם, דערלויבט
זיי |די שפייזשטאפן| זיך אריבערצוזאפן פון
בלוטשטראם דורך די דינע ווענטלעך |...|".
ד"ר ע. פאס, טמז, IX/3.

2. (פיג) ראסן-אייגנקייטן.

1947 " א באשלוס וועגן דעם, וואסער מיטגליד פון
דעם פרעמדן פאלק זאל דערלאזן ווערן אינעם בלוטשטראם 2613
פונעם דייטשן פאלק אריין, איז געווענדט אין דעם,
צי ער איז עלול זיך איבערצופעלקערן". מוו,
היטלערס פראפעסארן, נ"י, ז' 193.

בלוטשיסל - די, =ען. |סטוטש 259,|. כלי צום ?נב?
אפרינען פון בלוט אין א שעכטהויז, שחיטה-שטיבל.

בלוט-שילשול |שילשל| - דער, בא. (עלט?) דיזענטעריע.
1916 " בלוט-שילשול נעמט זיך פון אזא מין אנקלעפעניש,
פון א זאראזע |אנשטעקנדיקע זאך| אזוינע". 2623
|מחבר?|, דער בלוט-שלשול, פעטראגראד, ז' 3.

בלוטשלאג - דער, |מצ?|. (עלט?) פולס, דפק.
1931 " דער ריטעם פון דעם כוואליעדיקן בלוטשלאג
אין אונדזערע אדערן |...|". ש. ח. קעלמאן. 2622
באגינען, פיאטרקאוו-טריב, ז' 9.

בלוט-שפייעניש - דאס, בא. [דזוו בלוטשטורץ?].
1921 " ביי דער פעסט טרעפט א לונגען-אנצינדונג מיט
בלוט-שפייעניש |...|". איבן ל. יאכנאוויטש, 2626
ד. זאבאלאטני, אנשטעקנדע קרייען, אדעס, ז' 50. בי - 23

בלוטשפרע - די, =ס. (דטשמ) דאס פארהאלטן זיך פון
בלוט אין א פארשפארטן אדער.

1871 " ער האט געלאזט רופן איינעם גרויסן ארצט
|דאקטאר| און דיזער האט עס אנגענומען פאר איינע 2627
בלוטשפרע, דאס הייסט, דאס בלוט שפארט אין קאפ,
און האט אים אלזא בלאד אדער געלאזן". אמד,
דיא גייסטער געשיכטען, ווילנע, ז' 38.

בלוטשפרענגונג - די, =ען. (ערס) באשפריצונג מיט בלוט(אין רעליגיעזן קולט).

1885 " האבן מיר ניט קיין פאליש פון בית-המקדש און קיין דינגעווירץ, קיין בלוטשפרענגונג |טעקסט: בלוטשפריינגונג|, קיין ווידוי און קיין רינד |...| אויף יום-כיפור". מוסף ליום-כיפור, חלק שני, פ"ת, ז' 253. 2805

אומשולדיק בלוט (פארגיסן) הרגענען א מענטשן וואס איז ניט שולדיק.

1836 " און דיא הענט וואש פאר גיסן אום שולדיג בלוט |...|". לט !!, סדילקוב, דף 29-ב. 2189

1877 " דאס אומשולדיק|ע| בלוט, וואס איז פארגאסן געווארן אין ירושלים וועט ער אפשווענקען |...|". ישעיה, פרוש עברי טייטש, לעמבערג. 2047

איידל בלוט - גרויסער ייחוס, אריסטאקראטישער אפשטאם.

1873 " |...| פון דעסטוועגן איז נאך א חילוק צווישן בלוט און בלוט. איידל בלוט איז פארט עפעס אנדערש". ממוס, די קליאטשע, ווילנע, קאנף 237930

ארעם בלוט - בלוט מיט ווינציק רויטע בלוטקערפערלעך.

1918 " ארעמע בלוט מיינט, דאס די רויטע צעלן פון די בלוט זענען ניט נארמאל געגנוג אין זייער צאל |...|". י. פרימאן, וואס איז טובערקולאזיס. באסטאן, ז' 23-24. 2010

ביגער

בלוי בלוט — גרויסער ייחוס, אפשטאם פון פעאדאלער אריסטאקראטיע. % ער בארימט זיך מיט זיין בלויען בלוט, ער זאל שטאמען גאר פון פוילישע פֿירשטן.

הייס בלוט — שטארקער טעמפעראמענט, ליידנשאפטלעכע נאטור. % דער בחור האט הייס בלוט, האט ער זיך פארליבט, איז מיט לייב און לעבן.

1911 " |...| כפי דאס קאכעניש פון מיין הייס בלוט און די גרויסע התלהבות מיינע |...|". ממוס, 1703
קליאטשע, ווארשע, קאנק: 927990.

טרייפ(ענ)ע בלוט — שטארקער סעקסועלער דראנג, תאווהדיקייט.

1957 " דער פליעכעוואטער פאטימשניק פארמאגט א טאכטער פאראסקא און א שנור נאטאלקא, האבן זיי ביידע 21161/9 1870
טרייפענע בלוט, פונקט ווי א פאר בלודנע קעץ". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 117.

יונג בלוט — יוגנטלעכקייט, פרישקייט, טעמפעראמענט, יונגער מענטש.

1888 " און מיין יונגעס בלוט פלעגט קאכן/ פלעגט זיך אנציינדן און זידן". אר, מיין צוריקקער אהיים, 2233
ציט אלע ווערק, נ"י, 1930. ב' XI, ז' 186.

1940 " א פערציקיאריקער איז שוין דארט פון די זקני קובא, יונג בלוט - טראפיש איבערגעקאכט". 2132
קאר, שריפטן III!, נ"י, ז' 228.

פארשאלטן בלוט — אומגליקלעכער אפשטאם, שלעכטער גורל.

1936 " אלץ איינס... א געשמדטער ייד איז אויך א ייד - אלץ איינס. ס'איז בלוט, קינד, פארשטייסט? 2236
פארשאלטן בלוט". ל. ראשקין, די מענטשן פון גאדלבאזשיץ, ציט אנט., ז' 625.

קאלט בלוט – רויקייט, געלאסנקייט, פעיקייט זיך
ניט אויפצורעגן, צו באטראכטן אלץ מיט יישוב-הדעת.
% אים איז גוט – דער אומגליק האט אים ניט געטראפן,
קאן ער אלץ אויפנעמען מיט קאלט בלוט.

" אפמאל עפעס אין קאלט בלוט – רויק און בארעכנט
טאן עמעצן שלעכטס". ג. בערנשטיין, יישפ VIII, 2048
XXIII – 2, ז' 51.

קאכעדיק בלוט – דזוו היים בלוט.

שלעכט בלוט – דזוו היים בלוט, ס'רוב אין זינען
פון תאווה, סעקסועלער דראנג.

1957 " דורך די יסורי-הגוף |...| ווערט אפגעקילט
היץ און דער קאך פון די שלעכטע בלוטן". לדב, 2032
נ"י, ז' 178.

פפ: רויט ווי בלוט, ~~בלוט היים פפטש~~, בלוט רויט.

1873 " |...| ווי פון דער ערד אויפגעגאנגען די לבנה
רויט ווי בלוט". ממוס, קליאטשע, ווילנע,
קאנק: 39170.

1907 " און ליפן, געדענקט זי, אזוי ווי // מיט
בלוט רויטן וויין אנגעגאסן |...|". הר, 2249
געדיכטע און לידער, ליד "ברא חתן קומט"......

1972 " |...| האט זיך די שטאט אויסגעצירט מיט |...|
בלוט רויטע באהאקנקרייצטע פענער". ח. ראזענפארב, 2567
באה 77
דער בוים פון לעבן, I, ת"א, ז' 455.

ס'רינט פון אים בלוט ווי פון א חזיר – ס'רינט א
סך בלוט.

"ס'רינט פון אים בלוט ווי פון א ווייניקן עפל" –
דזוו דפור" |קטור|.

טייכן/ימען בלוט - זייער א סך בלוט, א סך געהרגעטע, א סך קרבנות.

... " ווי באהאנדלט האט איר, זאגט מיך גלייך, // ס'שעפעלע, וואס געקומען איז צו אייך, // וואס פון טייכן בלוט ארויסגעשווומען |...|". ממוס, יודל, צים אויסג, "מענדעלי". ווארשע, ז' 154.

1909 " די אנשי כנסת הגדולה, וועלכע האבן אלייך בייגעוווינט |...| דעם גאנצן טרויער פונעם חורבן, די באכן טרערן, די ימים בלוט". נ. ל. וויינגאטש, דער יודישער שפיגעל, ווארשע, ז' 13. 2042 / בו-2370

1948 " נו וואס, מיין שיינע וועלט? שוין אנגעזעטיקט? // שוין פול מיט טייכן בלוט? אויף וויפל צייט?". 2057
סעג, איצטער, נ"י, ז' 56.

ווערטערפארלעך:

זיין (פון) פלייש און בלוט - זיין פשוט א מענטש, גלייך ווי אלע מענטשן. מיט אלע אייגנקייטן (מעלות און חסרונות) פון א מענטש; זיין א בשר-ודם.

1911 " ווארעם זיי זענען אויך בשר-ודם, פלייש און בלוט, און האבן אויך דאס רעכט צו לעבן אויף גאטס וועלט". ממוס, קליאטשע, קאנק: 869490.

1966 " |...| אנטפלעק מיר נאר איין זאך: // צי איך, פון פלייש און בלוט, בין ליבער דיר א סך?". 2148
האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 60.

אייגן/איין בלוט און פלייש - קרובים, פון איין משפחה, פון אייגענעם שטאם.

1927 " |...| צי האט זיך אבער געלוינט, אז צוויי שוועסטער, איין בלוט און פלייש, זאלן זיך צעקריגן 2136
איבער א בעקן?". ה. ל. זשיטניצקי, דעם זיידנס הייזל, ווארשע, צייט אגט, ז' 330.

... " נאך אלעמען, א שוועסטער איז א שוועסטער,
אייגן בלוט און פלייש". באש, טאגבוך... 2136/א
קאנק: 72/255.

בלוט און זויערמילך - דזוו בלוט און מילך,
אבער שפאסיק אדער שפאטיש. % מישטייגס געזאגט
א מענטש - בלוט און זייערמילך.

בלוט פון בלוט און פלייש פון פלייש - זייער נאענט,
קרוביש, פון זעלבן אפשטאם.

19...? " ניט אין די געפילן |...| זענען געלעגן די
שווערקייטן, נאר אין |...| דערווירקלעכקייט, 2027
וועלכע איז דאך פלייש פון פלייש און בלוט פון
בלוט פון דער קאפיטאליסטישער ארדענונג |...|".
ק. פארנבערג, דער שטוטגארטער קאנגרעס, |ווילנע?|,
ז' 4.

פון בלוט און ביין - איינגעבוירן, עכט, דורך און
דורך.

1970 " דוד בייגעלמאן איז 'פון בלוט און ביין'
געווען א יידישער מוזיקער". י. פאטער, יידישע 2059
מוזיק |...|, ת"א, ז' 58.

מיט בלוט און שווייס (ארבעטן, הארעווען, פארדינען אא)
- זייער שווער, מיט אנשטרענג און יסורים.

1873 " |...| שלעפט נעבעך ציגל און ליים מיט פיל
מי, מיט בלוט און שווייס, וואס דערפון האט מען שוין
אויסגעבויט גאנצע שטעט |...|". ממוס, קליאטשע,
ווילנע, קאנק: 53400.

1947 " האבן מיר זיך דא באגעגנט, // מיט אייגן
בלוט און שווייס בארעגנט - מיר ברודער אייביק 2014
פארלארענע". חג, פליטים, נ"י, ז' 12. באר-2169

<u>בלוט און מילך</u> – געזונט, פריש (ס׳רוב ווען א יונגן מענטשן מיט א געזונטן אויסזען).

1869 " יעדער סאלדאט |...| וואר נאך זייער יונג, <u>בלוט און מילך</u>, און שיין". <u>אמד</u>, <u>דער טויטער גאסט</u>, ווילנע, ז׳ 11. 2026

1926 " א יונגע פויערטע, <u>בלוט און מילך</u>, האט ארויפגע-לייגט א האנט |...|". <u>אפּא</u>, <u>XI</u>, ווילנע, ז׳ 95. 2139

1940 " |...| רויטלעכע פלײשיקע לייבער – |...| <u>בלוט-מיט-מילך</u>-פּנימער, בריסטן ווי פון אמען|...|". <u>קאר</u>, <u>שריפטן III</u>, נ"י, ז׳ 108. 2131

<u>ס׳איז אזא בלוט</u> (<u>וואר</u>: <u>ס׳איז אין בלוט/ס׳ליגט אין בלוט</u>) – ס׳איז אזא נאטור, כאראקטער, ס׳איז אן איינגעבוירענע אייגנשאפט. % דאס עקשנות <u>איז ביי אים אין בלוט</u>, די גאנצע משפחה איז אזא.

<u>ס׳איז אים ארייך אין בלוט/ס׳איז געבליבן אין בלוט</u> –

1. ס׳איז געווארן זיין (צווייטע)נאטור, ער קאן זיך שוין נישט אפגעוווינען.

2. ער האט זיך שטארק איבערגענומען, דורכגעדרונגען מיט עפעס, ס׳ארט אים שטארק.

1954 " יענער רעוואלוציאנער איז שוין געווען א פריידענקער, |...| אבער די אמונה אין אינקארנאציע <u>איז</u> אים <u>געבליבן אין בלוט</u>". <u>גרינ</u>, <u>בלעטלעך</u>, |...|, נ"י, ז׳ 321. 1958 בי-189

1958 " אים <u>איז אין בלוט ארייך</u> דער יידישער עלנט, דער יידישער פּיין, דער יידישער אומקום". <u>שב</u>, <u>יידישע שרייבער אין סאוועטן-פארבאנד</u>, נ"י, ז׳ 441. 1996

איינגעטונקען/איינגעריכט, איינגעשמירט/פארפלעקט אין בלוט - שולדיק אין מארדן. % זיינע הענט זיינען איינגעטונקען אין בלוט, ער האט שוין ניט איין מענטשן אויף זיין געוויסן.

1921 " |...| פאר וואס זשע זיינען מיינע הענט מיר איינגעריכט אין בלוט, // און אויף די שטיוול 2170
מיינע - פייכטע ליים פון פרעמדער ערד?". הר, אונטער גאטס הימלען, ליד "צוריק מיט די זיגער(ס)".

1952 " ער וועט טענהן: ביז וואנען-וואס-וועט-זיינען מיר שוין איינגעשמירט אין בלוט ביז א-דאנען-א". 1975/א בי-814
הל, ציט שנ, ה. לייוויק, ז' 153.

די שטים פון בלוט (רופט, הערט זיך אע) 1. אינסטינקט, נאטירלעכער דראנג.

2. שטארק געפיל פון שטאם-צוגעהעריקייט, ענגע משפחה-פארבינדונג.

אין (א טראפן) בלוט - זייער בלאס, אנעמיש.

ביז בלוט - שלאגן זיך אזש ס'זאל רינען בלוט, צעשניידן זיך, מאכן זיך א וווּנד.

1948 " ביז בלוט זיך איינגעשניטן אויף די נאקנס האט די לאסט". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז' 45. 1974 בי-729

1950 " ביי דער לענג פון די וואגאנען שטייען |...| די דייטשע מערדער מיט שטעקנס |...| און ביים 1975 בי-764
אריינלויפן אין וואגאן קריגט יעדער|פון די יידן| געשלאגן ביז בלוט". י. גייסט, יזב בילגוריי, ת"א, ז' 261.

גיין ביז בלוט - דערפירן א מחלוקת ביזן סוף, וועלן אויספירן עפעס אפילו פאר א הויכן פרייז.
% מיר וועלן גיין ביז בלוט און אונדזער דירה נישט אפגעבן. פאר א קוצו של יוד איז ער גרייט צו גיין ביז בלוט.

... " איך בין א בעלן געווען, א מאל, אין די גוטע יארן, פאר איין אתה-הראית'לע ביי אונדז אין 1946
בית-מדרש גיין ביז בלוט אריין". שע. מאנאלאגן.

בלוט - שולדיק אין מארדן. % זיינע הענט
זיינען איינגעטונקען אין בלוט, ער האט שוין
ניט איין מענטשן אויף זיין געוויסן.

" |...| פאר וואס זשע זיינען מיינע הענט מיר 1921
איינגעריכט אין בלוט, // און אויף די שטיוול 2170
מיינע - פייכטע ליים פון פרעמדער ערד?". הר,
אונטער גאטס הימלען, ליד "צוריק מיט די זיגערס".

1952 " ער וועט טענהן: ביז וואנען-וואס-וועט-זיינען
מיר שוין איינגעשמירט אין בלוט ביז א-דאנען-א". 1975/א בי-814
הל, ציט שנ, ה. לייוויק, ז' 153.

די שטים פון בלוט (רופט, הערט זיך אע) 1. אינסטינקט,
נאטירלעכער דראנג.
2. שטארק געפיל פון שטאם-צוגעהעריקייט, ענגע משפחה-
פארבינדונג.

אן (א טראפן) בלוט - זייער בלאס, אנעמיש.

ביז בלוט - שלאגן זיך אזש ס'זאל רינען בלוט,
צעשניידן זיך, מאכן זיך א וווּנד.

1948 " ביז בלוט זיך איינגעשניטן אויף די נאקנס
האט די לאסט". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז' 45. 1974 בי-729

1950 " ביי דער לענג פון די וואגאנען שטייען |...|
די דייטשע מערדער מיט שטעקנס |...| און ביים
ארייַנלויפן אין וואגאן קריגט יעדער |פון די יידן|
געשלאגן ביז בלוט". י. גייסט, יזב בילגורייַ,
ת"א, ז' 261. 1975 בי-764

גיין ביז בלוט - דערפירן א מחלוקת ביזן סוף,
וועלן אויספירן עפעס אפילו פאר א הויכן פרייז.
% מיר וועלן גיין ביז בלוט און אונדזער דירה נישט
אפגעבן. פאר א קוצו של יוד איז ער גרייט צו גיין
ביז בלוט.

... " איך בין א בעלן געווען, א מאל, אין די גוטע
יארן, פאר איין אתה-הראית'לע ביי אונדז אין 1946
בית-מדרש גיין ביז בלוט אריין". שע, מאנאלאגן,
ז' 98.

ביזן לעצטן טראפן בלוט - (קעמפן, שלאגן זיך) -
ביזן טויט אריין, ביז ס׳ועט קלעקן כוחות.
% די געטא-קעמפער האבן געשווירן צו ראנגלען זיך
מיט די נאציס ביזן לעצטן טראפן בלוט.

" צוזאמען, סאלידאר, מיר וועלן אלע קעמפן 1946 א
אקסל ביי אקסל ביזן לעצטן טראפן בלוט". ב. י. ראזען, 2044 / ביי-1703
יישפ VI, 3 - 6, ז׳ 59.

מיט בלוט פון די אויגן - מיט גוואלדיקע מי און
מאטערניש, מיט פּײַן. % דאס ביסל פרנסה איז אים
אנגעקומען מיט בלוט פון די אויגן.

בלוט פאר בלוט - וועגן נקמה דורך הרגענען דעם וואס
האט געהרגעט.
1952 " ווי קען מען בייז אויסראטן מיט בייז, ווי
קען מען באשטראפן פאר בלוט מיט בלוט?". שג, 2038 / ביי - 2840
ה. לייוויק, נ"י, ז׳ 247.

א שונא אויפ(ן) בלוט - פארביסענער שונא, א שונא
אויף אייביק; בלוטיקער שונא.
1876 " |...| בין איך זיך מוסר-נפש אויף מיין גאנץ
לעבן, איך קויף מיר א וועלט שונאים אויפן בלוט". 2220
ייל, דער סטאטעק, העפט II, אדעס, ז׳ 68.

>

אויסזויגן דאס בלוט - ←--- זויגן דאס בלוט.

אויסנאגן דאס בלוט - ←--- זויגן דאס בלוט

אויסצאפן דאס בלוט - ←--- צאפן בלוט.

אויסשמאקצען דאס בלוט - ←--- זויגן בלוט.

אויפפרישן דאס בלוט - --- באלעבן, אקטיוויזירן
אן אינסטיטוציע/ארגאניזאציע דורך אריינפירן נייע

אדער יינגערע מענטשן. % די עטלעכע יונגע מיטגלידער האבן אויפגעפרישט דאס בלוט פון דער קולטור-געזעלשאפט, וואס האט געהאלטןביים אונטער-גיין.

אויפקאכן דאס בלוט - שטארק אויפרעגן, צערודערן, גורם זיין צארן אע.

1904 " קיין געפיל פון אומצופרידנהייט טאר זיך ניט אראפגליטשן פון קונדזערע ליפן, קיין כעס טאר ניט אויפקאכן אונדזער בלוט". איבן|ווער?|, פ. לאפארג, רעליגיאן פון קאפיטאל, זשענעוו, ז' 16. 2130 / בו-3192

1973 " |...| מיטן מויל ניט אויפקאכן אים דאס בלוט". ל. אליצקי, וואלינער יידן, ת"א, ז' 394. 1995

באמ: דערגאנצן די ציטאטע.

(איבערקאכן זיך) דאס בלוט קאכט זיך איבער - מע לעבט עפעס איבער זייער פייגלעך, מע ליידט, מ'איז אויפגערודערט.

1888 " דער אלטער טאטע |...| געזעגנט זיך מיט איר שטיל |...| - און אינעווייניק קאכט זיך אים איבער דאס ביסל בלוט". ממוס, דאס ווינטשפינגערל, ציט/אויסג "מענדעלע", ווארשע... ב' IX, ז' 227. 2115

(איינפאלן) ס'פאלן איין די בלוטן - ווען איבערלעבן א גרויסע שרעק. % די בלוטן זיינען אים איינגעפאלן, ווען דער הונט האט אויף אים א שפרונג געטאן.

איינשטילן דאס בלוט - באורויקן (זיך), באהערשן (זיך).

1839 " שטיל מיר מיין בלוט איין וואָרום מיר דוכט זיך אז איך קאן נאך לעבין". |מחבר?| טויזענד אונד איין טאג, ווארשע. 2120

(אנגיסן זיך) דאס פנים גיסט זיך אן מיט בלוט - ס'ווערט
שטארק רויט. % פון כעס גיסט זיך דאס פנים מיט
בלוט און די פויסטן ביילן זיך.

(אנטגיין) דאס בלוט אנטגייט ←-- דאס בלוט אנטרינט.

(אנטפאלן) דאס בלוט אנטפאלט ←-- דאס בלוט אנטרינט.

(אנטרינען) דאס בלוט אנטרינט (אנטגייט, אנטפאלט) -
(ס'רוב וועגן פנים { ס'איז געווארן זייער בלאס.

1848 " זיי האבן מיך אזוי גאר (מבייש) געווען דאש
מיר דאס בלוט אנטגאנגען איז". איבז |ווער?|,
תהלים, לה - טו,ווארשע.

... " דאס בלוט איז מיר אנטרונען געווארן". פרץ,
געדאנקען און אידעען, ציט אויסג, נ"י, 1947,
ב' IV, ז' 60.

באמ:דערגאנצן די ציטאטע.

אנמאכן (מאכן) בייז בלוט - גורם זיין קריגעריי, שנאה,
אויפרייצן איינעם קעגן אנדערן. % מיט אירע
רכילותן האט זי אנגעמאכט א סך בייז בלוט צווישן
די שכנים.

1946 " די בלאע ציצות האבן געמאכט בייז בלוט די
גערער חסידים". ייט, פוילן II, נ"י, ז'117. 1969

אנצינדן (זיך) דאס בלוט - ארויסרופן שטארקע געפילן,
פארלאנגען, תאוות. % די דערציילונגען וועגן
געפונענעם גאלד האבן אים אנגעצונדן דאס בלוט
און געשטויסן צו דער רייזע-אוואנטורע. דאס בלוט
צינדט זיך אים אן ווען ער זעט די פרוי.

(אנקומען) דאס בלוט קומט אן - (וועגן פנים) ס׳ווערט רויט. % זי האט זיך שטארק פארשעמט, אזש דאס בלוט איז איר אנגעקומען אין פנים אריין.

אנקומען מיט בלוט - וועגן דערגרייכן עפעס מיט גרויסע שוועריקייט, מיט יסורים. % ביי אזא יקרות וועט זיי אנקומען מיט בלוט דאס אופבויען א ניי הויז.
אנקומען מיט בלוט און מיט אייטער - דזון דפון עמפאטישער.

אנקילן זיך מיט עמעצנס בלוט - נעמען בקמה, האבן הנאה פון יענעמס צרות.

1883 " איר האט זיך שוין גענוג מיט מיין בלוט אנגעקילט".
ש. בעקערמאן, טרייער משרת, ווארשע, ז׳ 107. 2122

אנסמאקען(דיאל אנשמאקצען) זיך מיט בלוט - --- זויגן דאס בלוט, ב׳1.

אפגיין (אפלויפן, אפפלייצן, אפרינען) מיט/אין בלוט -
1. פארלירן א סך בלוט ממש (פון א וווּנד אע). 1865

1865 " |מע האט| אים זייער שטארק געשלאגן אויף די ריפן מיט א בלויזן שווערד, דאס ער איז אפגעלאפן מיט בלוט". אמד, בן פדק, ווילנע. 3204

1935 " |...| ווער ס׳וועט וועלן אפשניידן א שטיקל ערד, וועט פריער מיט בלוט אפרינען". ע. גארדאן, אינגול באיאר, מאסקווע. 2023

1938 " אלע קינדער האב איך דאך ביי איר אפגענומען, האט זי געביטערט, - |...| איך גאנצן אין בלוט איז אפגעגאנגען". ייז, חבר נחמן, נ"י, ז׳ 31. 2089

1948 " אזן גליך איז אפגעגאן דער דייטש מיט בלוט".

פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז׳ 37. 2100

2. ליידן גרויסע אבידות, האבן א סך הרוגים און

פארוואונדיקטע, באצאלן מיט א סך מענטשלעכע קרבנות.

1968 " די יידישע יישובים אין ווייסרוסלאנד און

אוקראינע זענען אפגעגאנגען מיט בלוט |בעת דער II 2283

וועלט-מלחמה|". ב. י. ראזען, יזב אטוואצק,

ת"א, ז׳ 626.

1951 " בורא-עולם, וואס לאזסטו אונדז אפגיין אין בלוט?

וואס שווייגסטו?". אפּא, יידן- לעגענדע, 2129

בו-3843

3. ווייטיקלעך איבערלעבן עפּעס, נעמען זיך שטארק צום

הארצן.

1956 " אדורכגעגאן איבער זיין הארץ איז זיך דער

גאנצער קריג, // און אפגעגאן עס איז מיט בלוט 2030

פאר יעדער אפגערויבטער לאנקע". פמ, מלחמה II,

נ"י, ז׳ 443.

אפלאזן בלוט - --> לאזן בלוט.

אפצאפן בלוט - --> צאפן בלוט.

(אפלויפן) די בלוטן לויפן אפ - (ס׳רוב וועגן פנים)

מע ווערט זייער בלאס.

1962 " פון גבריאלס פנים זענען אפגעלאפן אלע בלוטן".

ע. שעכטמאן, ערב, ציט סאוו׳ היימלאנד, נ׳2, 1980

ז׳ 41.

אפלויפן מיט בלוט - --> אפגיין מיט בלוט.

אפלעשן איך בלוט - דערשטיקן אכזריותדיק אן אויפ־
שטאנד, מאניפעסטאציע אע מיט דער הילף פון געווער.

1904 " נאך אינעם יאר 1881 |...| איז ביי אים |ביי
פלעווען| פארטיק געווארן דער גרויזאמער פלאן איך 1982
יידיש בלוט אפצולעשן דאס פייער פון דער רוסישער
רעוואלוציע". |מחבר?|, דער שרעקליכער טויט,
לעמבערג, ז' 21.

אפפלייצן מיט בלוט - ---> אפגיין מיט בלוט.

אפצאפן בלוט - 1. דזור צאפן/פארצאפן בלוט.

2. (עלט) ארויסציען פון א חולה א געוויסן סכום
קראנק בלוט מיט דער הילף פון פיאווקעס, ווי א
היילמיטל.

1873 " ביי זיי איז באלד לאזן צו דער אדער, בלוט
אפצאפן". ממוס, די קליאטשע, ווילנע,
קאנק 181980.

אפקילן (קילן) דאס בלוט - באהערשן (זיך), בארויקן(זיך).

1940 " ניט גרינג געווען צו אפקילן דאס בלוט ביי
זיינע גארגלשניידערס". אקש, מיזרעך און מיירעוו, 1932
מאסקווע, ז' 33.

אפרינען מיט בלוט - ---> אפגיין מיט בלוט.

(ארויפשלאגן, ארייננקומען, ארייננשפארן) דאס בלוט שלאגט
ארויף (קומט אריין, שפארט אריין) אין פנים אריין
- מע ווערט שטארק רויט פון בושה, כעס אע.

1893 " |...| דערביי האט אים דאס גאנצע בלוט אריינ־
געשפארט אין פנים". י. גוידא, דער נייער 1990
פראצענטניק, ווילנע, ז' 31.

1848 " מייך גאנץ בלוט איז מיר אין פנים אריינגעקומען".
מ.מ. אויזערקיס, דער פריוואטלעהרער, דראהאביטש, 1978
ז' 13.

1905 " דאס הארץ קלאפט, די הענט און פיס זיינען
אים קאלט, דאס בלוט שלאגט אים ארויף אין פנים
אריין". ס. פאלס, דער מענגער רעטעטער, ג"י ז'64.

1904 " נאך אינעם יאר 1881 |...| איז ביי אים |ביי
1982 פלעווען| פארטיק געווארן דער גרויזאמער פלאן איין
יידיש בלוט אפצולעשן דאס פייער פון דער רוסישער
רעוואלוציע". |מחבר?|, דער שרעקליכער טויט,
לעמבערג, ז' 21.

אפפלייצן מיט בלוט - ---> אפגיין מיט בלוט.

אפצאפן בלוט - 1. דזור צאפן/פארצאפן בלוט.

2. (עלט) ארויסציען פון א חולה א געוויסן סכום
קראנק בלוט מיט דער הילף פון פּיאווקעס, ווי א
היילמיטל.

1873 " ביי זיי איז באלד לאָזן צו דער אדער, בלוט
אפּצאפּן". ממוס, די קליאטשע, ווילנע,
קאנק 181980.

אפקילן (קילן) דאס בלוט - באהערשן (זיך), בארויקן(זיך).

1940 " ניט גרינג געווען צו אפקילן דאס בלוט ביי
1932 זיינע גארגלשניידערס". אקש, מיזרעך און מירעוו,
מאסקווע, ז' 33.

אפרינען מיט בלוט - ---> אפגיין מיט בלוט.

(ארויפשלאגן, אריינקומען, אריינשפארן) דאס בלוט שלאגט
ארויף (קומט אריין, שפארט אריין) אין פנים אריין
- מע ווערט שטארק רויט פון בושה, כעס אא.

1893 " |...| דערביי האט אים דאס גאנצע בלוט ארייַנ-
1990 געשפארט אין פנים". י. גוידא, דער נייער
פראצענטניק, ווילנע, ז' 31.

1848 " מיין גאנץ בלוט איז מיר אין פנים אריינגעקומען"
1978 מ.מ. אויזערקיס, דער פריוואטלעהרער, דראהאביטש,
ז' 13.

1905 " דאס הארץ קלאפט, די הענט און פיס זיינען
אים קאלט, דאס בלוט שלאגט אים ארויף אין פנים
אריין". ס. פאלק, דער מעננער רעמטער, נ"י, ז'64.

ארייננעבן ניי(פריש)בלוט - --> אויפפרישן דאס בלוט.

באגיסן זיך מיט בלוט - דזוו אפגיין מיט בלוט, ב1.

דאס הארץ באגיסט זיך (טריפט) מיט בלוט - מע פילט גרויס רחמנות, צער, פיין.

1948 " דער 'בכור'! - האט אים באגאסן זיך דאס הארץ מיט בלוט, // און פונקט ווי סם געפאלן אין דער טיף זיינען די טרערן". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז' 77. 1990/א באג-681

(גליווערן, גערונען ווען?, פארגליווערט ווערן) דאס בלוט גליווערט (ווערט פארגליווערט, גערונען) אין די אדערן - מע לעבט איבער א שטארק געפיל פון שרעק(גרויל), פיין, אנגסט.

1936 " אין אים האט זיך איינגעשרומפן דאס הארץ, דאס בלוט איז גערונען געווארן". ייז, די ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 533. 2091

באדן זיך אין בלוט - 1. גורם זיין דורך רשעות דעם טויט פון א סך מענטשן. % די דייטשע נאציס האבן זיך געבאדן אין בלוט אין די אקופירטע לענדער.

... " יעדער שונא-ישראל וועט באדן זיך אין יידיש בלוט? עד מתי?". לאטיינער, די קינד, ז' 39. 2157

2. באגיין זיך אכזריותדיק מיט עמעצן, אנטאן אים גרויסע צרות.

... " ווער ס'האט גאט אין הארצן באדט זיך אין זיין בלוט". שע, ציט אויסג אלע ווערק, נ"י,... ב' VI, ז' 24. 1990/א

בראדזשען אין בלוט - דזוו דפוו, ב 1.

(גיסן זיך) ס׳גיסט זיך בלוט - ס׳קומט פאר א געשלעג,
א מלחמה: ס׳גיסט זיך בלוט אין די גאסן - דזוו דפוו,
עמפאטיש. ס׳גיסט זיך אים(איר) בלוט פון אונטער די
נעגל - אויף עמעצן וואס איז זייער שטארק, געזונט
|סטוטש 419|.

ס׳גיסט זיך בלוט פון הארצן - מע פילט גרויס רחמנות,
צער. % בלוט גיסט זיך מיר פון הארצן צוזעענדיק
די נויט פון דער משפחה.

האבן בלוט - האבן קוראזש, זיין אן איינשטעלער.
"ער האט בלוט, ער איז ווי געבוירן צו זיין א שמוגלער"! [הוו]

זויגן (אויסזויגן), נאגן/אויסנאגן, סמאטשקען) דאס בלוט -
1. שטארק אויסניצן, עקספלאאטירן, אונטערדריקן.

1873 " |...| האט געריסן, געווארגן מענטשן, געזויגן
זייער בלוט, ארויסגענומען דעם מארך פון די ביינער".
ממוס, די קליאטשע, ווילנע, באנק: 49170.

1910 " |...| א ייד אן ׳אגענט׳ אויף אויסצוזויגן
ביים יידישן עמיגראנט דעם לעצטן טראפן בלוט פון 2152
די אדערן". פרוג, אלע שריפטן, ב׳ III, נ"י,
ז׳ 99.

2. דערגיין די יארן, אנטאן צרות, פייניקן מאראליש.

1873 " דער בעל-עגלה האט איר אונטער וועגנס איר
בלוט אויסגעזויגן און האט איר פארויס געזאגט אז 2151
אין דער היים וועט ער מיט איר א דין-תורה האבן".
אפ"ס |דיק?|, אשת חיל, איידטקוהנען, ז׳ 21.

1881 " געגוג שוין אים, ער האט זיך שוין אנגעשמאקצעט
מיט שטאטיקער |פון דער שטאט, פון קהל| בלוט". 2168
א. י. פאפיר |...|, חטאת הקהל, |...|, II, ווילנע, ז׳ 13.

" זיי נעמען צו פון די באקן די פארב, זייגן ...
אויס דאס ליכט פון די אויגן און נאגן אויס דאס 2162
בלוט פון הארץ". פרץ, ציט אויסג נ"י 1947,
ב׳ III, ז׳ 441.

(זידן) דאס בלוט זידט - ---> (קאכן) דאס בלוט קאכט.

(טריפן) בלוט טריפט פון הארצן - ---> (באגיסן זיך)
דאס הארץ באגיסט זיך מיט בלוט.

1888 " חיים-חנא איז געבליבן שטיין ווי אויסגעפאטשט
מען האט געזען, ווי עס טריפט אים דאס בלוט".
ממוס, פישקע דער קרומער, ציט אויסג נ"י,
1910.

כראקען מיט בלוט - ---> שפייען מיט בלוט.

לאזן (אפלאזן) בלוט - (עלט) אפציען א געוויסן סכום
בלוט פון א קראנקן ווי א היילמיטל, וואס איז געווען
אנגענומען אמאליקע צייטן.

1850 " דער בעש"ט האט געהייסן, אז מע זאל אים עפענען
איין אדער און לאזן בלוט". ס' שבחי בעש"ט, 2088
ציט אויסג, זאלקווא, חכ"י, ז' 21 - I.

1876 " מען זאל זיך ניט איינגעוויינען בלוט אפצולאזן,
נאר אז מען דארף נייטיק". י. ל. יאסעלאוויץ, 2036
תוכחת מוסר (רמבם), ווילנע, ז' ט"ז.

באגן דאס בלוט - ---> זויגן דאס בלוט.

סמאטשקען (סמאקען) דאס בלוט - ---> זויגן דאס בלוט.

(פאלן) דאס בלוט וועט פאלן אויף אים ( אויף זיין קאפ) -
ער איז שולדיק אין יענעמס טויט, ער וועט באצאלן
דערפאר.

פארגיסן בלוט - 1. הרגענען, גורם זיין ( אין מלחמה,
געשלעג אע) דעם טויט אדער ווונדן פון מענטשן.

1878 " זיי האבן זיך געטון אפשמועסן // צו זיין גרייט
אין איינער שעה // יידישעס בלוט צו פארגיסן, // 1933
ווייל עס איז קיין מיליטער דא!". יוסף בן אהרן
בדחן אין קאליש, איינע גרויזאמע געשיכטע |...|,
קראטאשין.

... " און איך פרעג, אויב ס איז מעגלעך אז הייליקע
בלוט // זאל ווערן פארגאסן אן א פארוואס |...|". 2080
ש. ז. רובין, ציט מינפי III!, נ"י, ז' 229.

2. גורם זיין עמעצן צער, עגמת-נפש, אנטאן צרות.

... " אך גאט זאל זיי זייער לעבן שטערן, // וואס זיי
פארגיסן מיר מיין בלוט". פל.

מיינע הענט האבן (ניט) פארגאסן דאס דאזיקע בלוט -
(אפט אויך איראניש) איך בין (ניט) שולדיק, איך
טראג (ניט) די אחריות פאר דעם.

פארגליווערן דאס בלוט (ווערט פארגליווערט, גליווערט) -
וועגן געפיל פון שרעק, גרויל.

1970 " |...| דאס ווינציקע אליין איז אויך גענוג
כדי צו פארגליווערן דאס בלוט אין די אדערן". 1994
יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 14. באג -1685

פארלאפן ווערן מיט בלוט - רויט ווערן (פון כעס,
בושה אע).

1930 " באלד איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין ארט.
דאס בלאסלעך אסקעטיש פנים זיינס איז פלוצלונג 1636
פארלאפן געווארן מיט בלוט". ייט, דער פעלדהער
יאזעפוס, ציט אנט, ז' 364.

(פארלויפן) דאס הארץ פארלויפט מיט בלוט - וועגן
געפיל פון רחמנות, צער, פיין. % מיין הארץ פארלויפט
מיט בלוט צו זען ווי דער קראנקער מאטערט זיך נעבעך.

פארפלעקט ווערן מיט בלוט - זיין שולדיק אין א מארד.

פארצאפן בלוט - --> צאפן בלוט, ב 2.

(פארקילט ווערן) דאס בלוט ווערט פארקילט - -->
(גליווערן) דאס בלוט גליווערט.

צאפן (אפצאפן, אויסצאפן, פארצאפן) בלוט - 1. אכזריותדיק
אויסניצן, עקספלאאטירן, אונטערדריקן.

... "זיי וויסן נאר צאפן בלוט, שינדן דעם ארעמאן,
1934 אראפנעמען די הויט". ש"ע, ארעמע און פריילעכע I,
ציט אויסג אלע ווערק, נ"י... ב' ..ז' 33.

1961 " איין מאל אין א יובל |...| שטעלט ער אויף
2164 |...| א נידערטרעכטיקן פארשוין |...|, אן אייבער-
הליון צו צאפן בלוט פון דער אומגליקלעכער מענטשהייט".
א. שטיינמאן, זש' היימיש, נ' אפריל - מאי,
ת"א, ז' 13 - I.

צאפט אויס דאס בלוט פון אונטער די נעגל - ספעציעל
וועגן וואכערניקעס וואס נעמען צו הויכע פראצענטן
פאר הלוואות |סטוטש 491|.

2. פארשאפן גרויס צער, עגמת-נפש, אנטאן צרות.

... (פיל) וויפל מילך כ'האב ביי מיין מאמען געזויגן, // אזוי
1936 פיל בלוט האסטו ביי מיר אפגעצאפט". פֿל.

1900 " איר איידעם-שדים |טעקסט: איידים-שידים|
2165 בינדט זיך צו די ווייב, ער פארצאפט איר די בלוט,
|...| ער וויל איר גטן". ג. ה. לעווינער, א שנאה
איבער א חתן, ווילנע.

... " ווען עס קומט אויף מיר אזא זאך, וואלט איך
ביי איר אפגעצאפט דריי אָקעס בלוט". שע, מענטשן. 2092

צעקאכן דאס בלוט - --> אויפקאכן דאס בלוט.

(צעשפּילן זיך) דאס בלוט צעשפּילט זיך - מע לעבט איבער
שטארקע געפילן, ליידנשאפטן, מען איז אויפגעברויזט,
אויפגערודערט.

1921 " און זוניק ביים פאלק האט צעשפּילט זיך דאס בלוט,
// עס פלאקערט די הויפטשטאט אין פלאמען". אל,
לידער און פאעמען !!!, ליד, יהושע בן חנן, נ"י, 1938,
ז' 79.

(קאכן) דאס בלוט קאכט - 1. דזוו דפוו.
2. מע איז אויפגערעגט, אין כעס אַע.

קאליע מאכן דאס בלוט (עמעצן) = אויפרעגן, דערקוטשען,
מאן אויף צו להכעיס. % די שטענדיקע טענות זיינע
מאכן מיר קאליע דאס בלוט.

קאליע מאכן זיך דאס בלוט - איבערנעמען זיך מיט עפּעס
צו פיל, נעמען זיך צום הארצן. % צוליב א נארישקייט
איז ניט כדאי זיך קאליע צו מאכן דאס בלוט.

קאסטן בלוט - 1. האבן גרויסע שוועריקייטן ביים דערגרייכן
עפּעס.

... " סטייטש, סע קאסט מיך בלוט, איך צאל שכר-לימוד
|...". שע, אלע ווערק, ציט אויסג.... ב' VI,
ז' 74. 2029

2. באצאלן מיטן לעבן, פאלן א קרבן פון נקמה. % די
קריגערייען ווען דער ערד האט שוין געקאסט א סך
בלוט די פויערים.

בל - 188.

(קלינגען) דאס בלוט קלינגט אים אין די אויערן" - "ער האט געוויסן-ביסן" | קשוו |.

קייקלען זיך אין בלוט - דזוו באדן זיך אין בלוט

ב' 1. |סטוטש 244|.

קריגן זיך אין בלוט אריין - פירן א שארפע מחלוקת, זיין מיט עמעצן אויף מעסערשטעך. % ביידע משפחות קריגן זיך אין בלוט אריין לאנגע יארן איבער אַ ירושה.

(שפילן) דאס בלוט שפילט אין אים/איר - 1. וועגן א יונגן געזונטן מענטשן, מיט אן איבערפלוס פון כוחות.

2. וועגן עמעצן מיט שטארק אויסגעדריקטע ליידנשאפטן.

שטילן דאס בלוט ~ דזוו איינשטילן דאס בלוט.

שפייען מיט בלוט - דערגרייכן עפעס מיט גרויס מאטערניש, יסורים, דורכלעבן שווערע צייטן. % ער האט געשפיגן מיט בלוט, ביז וואנען ער האט זיך דערשלאגן צו א שטיקל פרנסה.

1962 " צען יאר האב איך מיט בלוט |...| געשפיגן,

// און אנגעהאנגען זיך אן לעבן ווי מיט צוואנגען ". 2053

חג, דער מענטש פון פייער, נ"י, ז' 126.

............................................................

באמ: נאכזען פולן קאנטעקסט, צי די ציטאטע פאסט אהער.

~~אדער אום באשטעטיקט~~

............................................................

שטיין אויף עמעצנס בלוט - (עלט?) זוכן בלוט-נקמה, וועלן הרגענען.

|אנהייב 19י"ה| " דו ברענגשט אים אום געלט אונ גוט,

// אונ דו זאלשט ניט שטיין אויף דיינם חברות בלוט".

יענטע בת יצחק, עשרת הדברות ביכל, ציט נאָ, וואַרשטיין-בוך.

(שלאגן) דאס בלוט שלאגט אין פנים אריין – ווערט שטארק רויט.

(שטורעמען) דאס בלוט שטורעמט – וועגן א שטארקער אויפרעגונג, ליידנשאפט.

שור: יונג בלוט טוט זעלטן גוט – צוליב הייסן טעמפעראמענט באגייען יונגע מענטשן א סך פעלערן.

פארגאסן בלוט רוט ניט – 1. קרובים פון געהרגעטן זוכן נקמה צו נעמען. 2. דער מערדער האט אפט געוויסן-ביסן. 3. דער מערדער ווערט סוף-כל-סוף באשטראפט.

בלוט שווייגט ניט – דזוו דפוו.

בלוט איז ניט קיין וואסער (וואר: פון בלוט ווערט קיין וואסער ניט) – משפחה-פארבינדונג, קרובהשאפט שפילט א גרויסע ראלע.

1892 " סטיישט, |...| ווי פארגעסט מען דאס אייגענע בלוט? בלוט איז דאך ניט וואסער, |...| איך בין אויך א מאל געווען א שטיק מענטש |...| האב איך דיך ניט מקרב געווען?". י. מ. ליפשיץ, א וואלוועלער ביסין, ווילנע. 2133

בלוט איז ניט קיין קרופניק – דזוו דפוו (שפאסיק).

אז מע וואלט האקן מיינע אדערן, וואלט קיין בלוט ניט געגאנגען |פרול| – געזאגט ווען מע פילט אז דאס בלוט איז פארגליווערט/פארקילט פון גרויס פחד. ס'וועט ניט רינען קיין בלוט |פרול| – ס'איז ניט קיין געפערלעכע זאך, ס'וועט קיינעם ניט שאטן.

זאל גאט געבן מיט בלוט - שפאסיקע ווינטשעוואניע, פארביטן דאס ווארט 'גליק' מיט 'בלוט' (דיאל 'בליט') | נפ, שפעט-לשון, / יידישע פילאלאגיע, ב' 1, 1924.|

אין א גוטער שטאט מיט בלוט - (אקטיארן-לשון), פארביטן 'שעה' אויף 'שטאט', און 'גליק' אויף בלוט | עלזעט, ווונדער-אוצר פון דער אידישער שפראך,ווארשע, תר"פ, ז' 42.|

פון א ברוקווע קאנסטו ציען בלוט? - אזוי קאנסטו בא מיר אים ארויסשלעפן א קאפיקע ( פוול ) - ווען זייער א קארגן מענטשן.

קללות: לאכן זאל ער מיט בלוט און מיט אייטער! בלוט זאל זיך אים גיסן פון הארץ! " א בלוט-בליציקער יאר זאל אויף אים קומען!" | קשוו |.

ם בלוט

1.

XV י"ה | " דא זאהן זיא [די יונגע פרויען] אין [שאולן] גערן דען הילדן הוך גימוט. // ער וואש רוט אונ' ווייש אז מילך אונ' בלוט". שב, סטראפע 145.
2140

|1541| " מענכן מענשן בלוט ווּר ור גושן.// דעם ווש אב איין ביין דעם איין ארם". בב, 175, 3-6.
2991

1676 " |...| אונ' לושט בראטן | דאס פלייש | ניט צו ער דרעהן דז דאש בלוט הראב טריפט |...|". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק יז.
1976

1739 " |...| דער הונד לעקט דז **בלוט** ווידר אויף,
מיינט עס ווער פון ביין אונ' איזט זיין אייגן **בלוט**". באג-665
ס' מבחר הפנינים, הומבורג, דף מ"א - II.

## |בלוט און פלייש|

XV אי"ה| " גוט זייט איר דוך מיין ברוידר מיין **בלוט**
אונ' אויך מיין **ווליש** |...|". שב, סטראפע 1593. 2193

1610 " אלא עז מיינט אזו רבי שמעון די שפריכט אייך
מענש דער **בלוט אונ' פלייש** איז דער קאן ניט ווישין 2191
|...|". טח, רשי, בראשית ב - ב.

1676 " |...| וועז זיך איינש צו גרייט צו גין צו
אוינם גראבן מכל שכן צום מלך דער דא איז **בלוט** 2192
**אונ' פלייש** |...|". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק ח.

1713 " איך ווייז באלד ניט וואז איך פאר ליבש אפערא
זאל אן פאנגן // מיין **בלוט אונ' פלייש** איזט מיר 2061
פאזט באלד אל פתגאנגן". מכירת יוסף, פראנקפורט,
ציט אווע III, 1862, ז' 500.

## |בלוט פארגיסן|

1. ←---

1602 " |...| דער הוט ויל ריין **בלוט ור גושן** און
ישראל איך ויל ביז איין גיפירט". שעריר, טו - 3. 2196
בי' - 2790

1668 " |...| דא האט ער פיל שטריטונג גיטאן אונ'
פיל **בלוט פר גוסן** אונ' פיל אונפרידן גימאכט". 2190
יוסיפון, אמשטרדם, דף פט - 2.

1723 " אונ דיא הענד דיא דא **פאר גיסן און שולדיג**
**בלוט**, דאש מיינט איינר דער אנדרן פאר שעמט דא **פאר** 2188
**גיסט** ער אים זיין **בלוט**". לט 1. דף 31 - ב.

|דאס בלוט אנטגייט|.

1626 " |...| אונ' האבן מיך אזו גאר זיר מבייש גיוועזן
דז מיר דאש בלוט אנטגנגן איז". סהמ|, תהלים, 2180
לה - טו, לובלין, שפ"ו.

|בלוט לאזן|

1752 " |...| דעזט וועגן האבן אונזרי חכמים גמאכט
אז מן דארף קיין עבב יום טוב קיין בלוט צו לאזן". 2444
עת, פיורדא, דף ג - 3.

|בלוט ווערט צו וואסער (שור)|.

1680 " ביז אינש צעהנט דור זאל מן זיך אום זעהן,
דעם גר זייני קרובים ניט פיל טאן פר שמעהן |שעמען| 2194
|...| משל: לאז איינם אידריך זייני קרובים אום
בישוועצט, דעך דאש בלוט וואלצט, איז אים גלייך אז
שטעכשטו איך מיט שארפי מעשר|מעסער|, וויא מן
זאגט: דאש בלוט ווערט צו וואשיר".

באמ: אפשר דארף זיין:...ווערט ניט צו וואסער?

בלוטאיגעלט - דער, =ן, מין סלוויגליגעלן [529 ...].

ב ל ו ט א י ג ל - דער, מצ דז/=ען. |פפ בלוט עגל?|.
(עלט) 1. פיאווקע, ווארעם פון דער משפחה רינגלדיקע,
( ווסב Hirudo medicinalis), געניצט א מאל
אין היילונג פאר אפציען בלוט פון א קראנקן.

|אנהייב XIX י"ה?| " איז דר שמערץ זייער שטארק אונ
דו אויגן זענין שטארק רוט זאל מן שטעלן דרייא אדר 2276
פיר בלוטאיגל אויף דער שלעף |שלייף|". דער הויז
דאקטאר |לעמבערג?|.

1885 " דער <u>בלוטאיגל</u> קאן אויסציען איר |?| קערפער

2274 ביז פינף פינגער, מען געפינט זיי אין שטייענד|יק|ע

וואסערן. זיי ציען אויס די פארדארבענע בלוט".

<u>א. ג.</u> <u>דער פראצעס</u> |...|, ווארשע, ז' 63.

2. (<u>פיג</u>) אויסניצער, פייניקער, בלוטזויגער.

1901 " די גרעסטע העלפט פון דעם געלט נעמען צו געזונטע

2277 מענטשן, <u>בלוטאיגל</u>, וואס האבן זיך ארויפגעלייגט

אויף קהלס געזונטע פלייצעס". <u>יה"ל</u>, <u>די אומבאקאנטע</u>

<u>פארליבטע</u>, ווארשע, ז' 120.

ם <u>בלוט איגל/בלוהט איגיל</u>.

1. <---

1728 " זוא באלד איינר קאפף שמערצין האט אונ' ניט

2275 נאך לאזט, זוא איז גוט זיך <u>בלוט איגל</u> אויף ביידן

אהרן |אויערן| לעפליך זעצן צו לאזין". <u>סור</u>, דף י"ט-<u>ו</u>.

2273 1767 " עלק א. שם שרץ המים. <u>בלוהט איגיל</u>". <u>שווב</u>.

ב ל ו ט - א יי ג ל ע נ ע - די, =ס. (<u>זאאל</u>)

איינקעמערלדיקער בעל-חי |<u>סטוטש</u> 247|.

~~ב ל ו ט א ג א ט - דער, =ז מיך אידלשטיין |<u>סטוטש</u> 529|.~~

ב ל ו ט א כ א ט - <--- <u>בלוטאגאט</u>.

ב ל ו ט - א ר ע מ א ן - דער, <u>מצ</u> ~ -<u>ארעמעלייט</u>.

זייער אן ארעמער מענטש, א גרויסער אביון. ~~סטוטש~~

% דער ייד איז א <u>בלוט-ארעמאן</u>, ער האט, נעבעך, ניט

מיט וואס א טאג איבערצוקומען.

ב ל ו ט ב א ד - די, ~ בעדער. דאס אויסהרגענען א
סך אומבאוואָפֿנטע מענטשן, ס'רוב ווי אן אקציע קעגן א
מרידה, מאניפעסטאציע אע. % די פאליציי האט
געשאסן אויף די דעמאנסטראנטן, און די בלוטבאד האט
איבערגעלאזט אויף די גאסן צענדליקער טויטע און
פארוואונדיקטע.

1899 " |...| זאל דאס |די| ריגער בלוטבאד דינען |...|
פאר א גוטן מיטל צו אגיטירן |...| קעגן די |דער| 2302
איצטיקע|ר| ראזבאַינישער [באנדיטישער] רעגירונג".
זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 7, |זשענעווו?|,
ז' 24.

1911 " אויב די לייטער |אנפירערס| פונעם וואלאקס [?]
זיינען שולדיק אין דעם שרעקלעכן בלוטבאד, דאס זאל די באר 1931
געריכטלעכע |...| אונטערזוכונג ארויסגעפינען |...|".
Spectator, אין נאמען פון אמת, לבוב-קראקא,
ז' 24.

1948 " ביז פארנאכט האט געדויערט די בלוטבאד, און
2060 יידן פון שטשושטשינער געטא |...| האבן געפונען 2307
זייער מנוחה אין איין גרויסן ברודער-קבר". ל. לאש,
זש' גאפ, נ' 2, ב"א, ז' 27.

ם
בלוד באד

1743 " אבר צו פאריז דא וואר דיא גרעשטי בלוד באד
אונ' עש העט נאך פיל לענגר גוועדט". שאר, 2304
דף פ"ז.

ב ל ו ט - ב י ל ב ו ל |=בילבל| - דער, =ים. די
פאלשע באשולדיקונג אז יידן טוען אריין אין די
מצות בלוט פון קריסטן.

1946 " |...| דער בארימטער בלוט-בילבול, וואס קופערניק
האט פארטיידיקט די יידן און רייגעוואשן". שע, 2321
פונ'ם יאריד, !!, ציט..... ז' 245.

1967 " אויפגעטרייסלט די יידישע געזעלשאפטלעכקייט
2319 האט אינעם יאר 1882 דער <u>בלוט-בילבול</u> |...| קעגן
דעם פארפאלק ר., ווייל אין שכנות |...| האט מען גע
געפונען |...| א טויט קריסטלעך מיידל". <u>א. כאמעט</u>,
<u>יזב ריישא</u>, ת"א, ז' 393.

1971 " ווו איז די שטראף פאר די אויסטראכטער פון
2316 <u>בלוט-בילבולים</u>, פאר יענע וואס האבן געברענט יידן
און מאראנען אויף שייטערהויפנס |...|". <u>באש</u>,
<u>פאר</u>, VII /10.

ב ל ו ט ג י ר י ק – <u>אדי/אדוו</u>. וואס גארט, איז
גערן צו פארגיסן בלוט, האט הנאה פון הרגענען,
אכזריותדיק; בלוטדארשטיק.

1887 " א סך יינגלעך האבן זיך געשפילט אין 'וואלף
2330 און שעפסל', די מאטושקע |מוטער|, וועלכע האט באשיצט
אירע שעפסעלעך פאר דעם <u>בלוטגיריקן</u> וואלף |...|".
<u>י. בריאנסקי</u>, <u>די ערשטע עבירה</u>, פעטערבורג.

1968 " יידן האבן דערפילט די שווערע לאפע פון דעם
2329 <u>בלוטגיריקן</u> דיץ, וואס איז געשטאנען אין שפיץ פונעם
ארבעטסאמט". <u>ג' קוציק</u>, <u>יזב אטוואצק</u>, ת"א, ז' 877.

ב ל ו ט ג ע ל ט – דאס, <u>בא</u>. קאמפענסאציע, פארגיטי-
קונג מיט געלט פאר פארגאסענעם בלוט, פאר רציחה.

1958 " עס ווערט טרויעריק אויפן הארצן |...|, ווען
2344 מען גיט א טראכט, אז יידישע שרייבער דערשטיקן די
שטים פון זייער געוויסן און נעמען אן דאס דייטשע
<u>בלוטגעלט</u>". <u>שעדלעצקי</u>, <u>זש' פאש</u>, IV /1.

<u>באמ</u>: ביי סטוטשקאוון (604) איז עס דא, דאך האב איך
א ספק צי דאס איז א שטענדיק ווארט.

ב ל ו ט ד א ר ש ט י ק - אדי/אדוו. פּפּ (דטשמ)

בלוטדורשטיק. 1. (וועגן בעלי-חיים) וואס
פארצקן אנדערע בעלי-חיים און זעטיקן זיך מיט זייער
פלייש און בלוט. % א בלוטדארשטיקער טיגער.
בלוטדארשטיקע וועלף זיינען באפאלן די סטאדע.שעפּעלעך.

1936 " ווי ס׳וואלט זיך א ווילדע חיה צערוועט
2367 |...| בלוטדורשיק און שווער". רק, ערד,
ציט אנט, ז, 577.

1947 " פלוצלינג כאפט זיך אויף א שפארבער - און עס
2363 אייגלט // בלוטדורשטיק אין דעמערונג אזוי
דער פויגל". חג, פלישים, ב"א, ז׳ 20.

2. (וועגן מענטשן) וואס גארט צו פארגיסן בלוט,
האט הנאה פון הרגענען, שלאגן אכזריותדיק.

1940 " |...| די אוראייניקלעך פון קאמאנדאר, // ווי
2355 ער אזעלכע בלוטדארשטיקע הענקער". אקש, מיזרעכ
און מיירעוו, מאסקווע, ז׳ 157.

1970 "ווי אזוי עס איז דערצו געקומען, איך זאל זיין
2372 אין ׳שטראפקאמאנדא׳, ווייס איך ביז היינט ניט,
נאר ביי די בלוטדורשטיקע נאצישע חיות איז ניסט
שייך צו זוכן א סיבה". א. ראזענטאל, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז׳ 355.

3. (פיג, וועגן דערשיינונגען) וואס דריקט אויס (ווייזט
אן אויף) דעם דראנג צו בלוטפארגיסונג אכזריות.

1920 " עס העלפן ניט די בלוטדורשטיקע שפּרוכן פון
2361 אנטיסעמיטן, וואס ווילן אין אונדז מיטלאלטערלעכע
שרעק ארויסרופן". דא, שווארץ-רויט, ווארשע,
ז׳ 93.

1952 " |...| לעבעדיקע, בלוטדורשטיקע ציפערן, זיי
2364 זיינען שוין מער ניט קיין |...| אבסטראקציע |...|".
שנ, ה. לייוויק, נ"י, ז' 428.

1968 " אנסקי האט זיך געפילט מאכטלאז |...| קעגן
2366 די אפענע און געהיימע בלוטדורשטיקע פאראָרדענונגען
מצד דעם צארישן בלוטהונט ניקאלאַי ניקאלאַיעוויטש
|...|". ב. י. באזען, יזב אטוואצק, ת"א,
ז' 625.

||=(ק)ייט - די, בא. די אייגנקייט פון זיין
בלוטדארשטיק.

1921 " מע דארף אויף אים גוט אכטונג געבן. ער האט
2360 א מאניע פון בלוטדארשטיקייט.|...| א תאווה |...|
צו בלוט, למשל". א. ראובני, קויכעס, קיעוו,
ז' 109.

1965 " זיי |א טייל ליטווישע יידן| האבן זיך באצייטנס
2359 ארויסגעריסן פונעם לאנד, ווו די נאצישע חיות-רעות
|...| האבן מיט אזוי פיל קאניבאלישער בלוטדארשטיקייט
אומגעבראכט |...|". רעד' ח. לייקאוויטש,
זב ליטע II, ת"א, ז' 813.

ב ל ו ט ד ו ר ש ט י ק - ---> בלוטדארשטיק.

ב ל ו ט ה ו נ ט - דער, ~ הינט. 1. מין געיעגהונט
אדער שפירהונט.

" |...| ווי ברילן וואלט א הונגעריקער בלוטהונט 1972
2385 אויף א קייט". מ. אשעראוויטש, גק, נ' 77, ז' 17.

2. (<u>פיג</u>) בלוטדארשטיקער, אכזריותדיקער מענטש.

1951 " דא |אין קאנצלאגער| האט דער דייטש געשולטע
<u>בלוטהינט</u> |...|, וואס וועלן פאר א סיגארעט און 2388
א גלעזל בראנפן טאן אלץ, וואס ער וועט הייסן".
<u>א. פערציקעוויטש</u>, <u>זב ליטע I</u>, נ"י, ז' 1727.

1954 " |...| פאר טאג איז כעלם געווארן ארומגערינגלט
דורך אלע <u>בלוטהינט</u>: ס=ס=מיליטער, סתם דייטשן און 2389
אוקראינער". <u>י. זילבער</u>, <u>יזב כעלם</u>, יאהאנעסבורג,
ז' 550.

ב ל ו ט ו ו א ר צ ל - דער, =ן. (<u>באט</u>) "געוויקס"
|<u>קטור</u>|.

רעד: ביי <u>סטוטש</u> ניטא.

ב ל ו ט ו נ ג - די, =ען. 1. דאס אפגיין /אפרינען
פון בלוט פון א ווונד <u>אע</u>; העמאראגיע.

1924 " דער רוסישער צאר אלעקסאנדער דער דריטער |...|
האט געליטן אויף <u>בלוטונגען</u> פון נאז". <u>זש' פגעז</u>, 2655
נ' 1, ווילנע.

1962 " אפט מאל קענען עקס-רעיס |...| נישט פעסטשטעלן,
פון וועלכן ארט אין די קישקעס א <u>בלוטונג</u> איז 2659
געקומען". <u>ע. פֿאט</u>, <u>טמז</u>, <u>IV</u>/18.

2. (<u>ספעצ</u>) מענסטרואציע ביי פרויען.

1908 " דער נאמען 'מאנאטלעכע' שטאמט פון דעם, ווייל
יעדע געזונטע פרוי קריגט די <u>בלוטונג</u> אין צייט 2656
פון א מאנאט". <u>איבז |ווער, פון וועמען?|</u>,
<u>עצות פאר דעם פרויען לעבען</u>, ווארשע, ז' 19.

1951 " ביי פיל פרויען זיינען |בעת דער מלחמה|
פארשוואונדן געווארן די מאנאטלעכע <u>בלוטונגען</u> |...|". 2657
<u>ל. גארפונקל</u>, <u>זב ליטע I</u>, נ"י, ז' 1694.

בלוטזויגער - דער, =ס. 1. (זאאָל) מין פלעדערמויז (וואסנ Megaderma lyra), זי איז זיך נוהג אויסצוזויגן דאס בלוט פון דעם געכאפטן בעל-חי, איידער זי עסט אים אויף.

2. (פיג) א מענטש א גרויסער אויסניצער, אן אכזריותדיקער עקספּלאָאַטאַטאָר.

1873 " |...| דאס גאנצע פעקל ליידיקגייער, בלוטזויגער פארשלאגן מיר דעם קאפ |...|". ממוס, די קליאטשע, ווילנע, קאנק 378130.

באַמ: דערגאנצן די ציטאטע.

1908 " |משה| וואס האט דער ערשטער |...| אריינגעהאקט אן עגיפּטישן פּארמאן און געלערנט די בלוטזויגער
2403 דרך-ארץ פארן שלאגן א יידישן טאגלוינער". מר, שריפטן III, נ"י, ז' 219.

1931 " א כפרה זאל איינעמען די גאנצע כאליאסטרע
2404 בלוטזויגערס |...|". ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע, אדעס, ז' 36.

||ײַ= - די/דאס. אכזריותדיקע אויסניצעריי, עקספּלאָאטאציע.

1906 " עס איז געקומען א סוף צו דער בלוטזויגעריי
2417 פונעם קייזער מיט זיינע פעאדאלע פריינד". איבז ב-ן, |מחבר?|, די רעוואלוציע און דער קלאסן קאמפף אין פראנקרייך, ווארשע, ז' 3.

בלוט - חתונה |=כאַסענע| - די, =ות|=כאסענעס|. א בלוטיק געשלעג, א הריגה, שחיטה.

|190...| " אויף דער בלוט-חתונה א ווילדן טאנץ געשפּילט".
2424 שע, אין שטורם.

באַמ: נייטיק? - אויב יא געפינען דעם קאנטעקסט, דערגאנצן ביבליאגראפיע).

200- — הל

?נ? ב ל ו ט - ח ת ן |=כאָסן| - דער, ~ חתנים |כאַסאַנים|.

(תנ) דאס קינד וואס ווערט געמלט.

1941 " פאַרוואָס, א בלוט-חתן ביסטו מיר". תי, שמות,

2423 ד - 25.

ב ל ו ט י ו ג נ ט - די, בא. (שש) זייער יונגער

און געזונטער מענטש.

1895 " אונ אונטער |הינטער?| איר א פרוי, |א|

2434 בלוטיוגנט |טעקסט: בליטש-יוגענד|, שיין ווי דער

מארגן-שטערן, מיט הימל בלויע אויגן |...|".

ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 25.

ב ל ו ט י ק - אדי/אדוו. 1. וואס איז מיט בלוט,

וואס בלוטיקט. % בלוטיקע צייכנס. פון מויל איז

גערונען א בלוטיקע שוים. ס'איז געווען אן עפידעמיע

פון בלוטיקער דיזענטעריע.

1866 " די ארץ-ישראל-יידן פלעגן דערציילן, דאס דער

2663 כותל-מערבי שוויצט ארויס בלוטיקע טרערן אום תשעה-באב".

|אמד|, דער שנארער, ווילנע, ז' 21.

... " |...| מע האט מיך ארומגעקרייצט אין בלוטיקע

2737 / בי 1285 וווּנדן, // געקאוועט געבונדן". פרץ, לידער און

פאעמען, ציט אויסג, נ"י, 1947, ב' I, ז'339.

1929 "|...| ס'צווענגל זיצט שוין אויפן צאן, און

2746 / באג 258 איידער עלע באווייזט א קוויטש צו טאן, |...|

ווייזט אים | דער דאקטאר| דעם צאן מיטן בלוטיקן

ווארצל". מ. ווינער, עלע פאלעקס אונטערגאנג,

קארקאוו, ז' 6.

2. באדעקט, פארפלעקט מיט בלוט.

1926 " ביז צו דערשטיקט ווערן שניידט אייך זיך אין 
איר מויל // דאס בלוטיק צימעלע פון פריען שווינדזוכט". 2704
פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 249.

1928 " איך בין געווען |...| פון קאפ ביז די פיס 
איינגעהילט אין א בלוטיקן רויטן פאנצער פון פאר- 2017/באר 972
פרוירן בארדא רויט בלוט". י. ראבאן, די גאס,
ציט אנט ז' 617.

3. וואס איז פארבונדן מיט בלוט-פארגיסונג. % א
בלוטיק געשלעג, בלוטיקע קאמפן, ס'גייט א בלוטיקער
געראנגל צווישןביידע מחנות.

1870 " |...| אויך האט נאך די פראנצויזישע רעגירונג
געהאט די אומפארשעמטקייט צו מאכן פון דיזן | אט דעם| 2682
בלוטיקן טאג א יערלעכן פעסט(יום-טוב)". אמד,
די בלוט האכצייט פון פאריז, ווילנע.

1905 " פאר איר ליגן ריזן-דאמבעס, // פון דעם שטורעם
אומגעבראכט, // ווי די קעמפער אויף דעם קריגס- 2708
פעלד // נאך א בלוטיק שווערער שלאכט".
הר, ליד די יונגע ווערבע, געדיכטע און לידער, נ"י.

1968 " דאס ווארשעווער געטא איז אין פלאמען, עס קומען
פאר קאמפן, די גאנצע זשאנדארמעריע פון קרייז איז 2776
באשעפטיקט ביי א בלוטיקער ליקווידאציע פון
ווארשעווער געטא". ב. ארנשטיין, יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 847.

4. (פיג) פארפלעקט מיט בלוט, שולדיק אין בלוט-פאר -
גיסונג, מערדעריש, רוצחיש. % די בלוטיקע הענט
פון די נאציס.

1941 " |...| און אט ביסטו אין דיין אומגליק, ווייל
א בלוטיקער, מענטש ביסטו". תי, שמואל ב׳, טז -8. 2707

1967 " די רויטע סטאלין-פאן, א בלוטיקע,// וואס אימהט
אויף אן אמת". |...|". י. רובינשטיין, זש׳ איק. 2712
IV/2.

1948 " ווער וועט דיר גלייבן, צווייפיטיקע חיה?//
א, ווער וועט עס גלייבן א בלוטיקן שד?". סעג, 2755
איצטער, נ"י, ז׳ 187.

5. (פיג) אכזריותדיק, רשעותדיק.

1878 " ערשט דאן אלס דיזער |אט דער| בלוטיקער
מיידכע/=יעגער |פרויען-יעגער| וואר שוין איבער 2706
אלע בערגען (דאס הייסט, גאנץ ווייט)". אמד,
איין הלבד אלס שדכן, ווילנע.

1902 " טראגט ער אין זיך א בלוטיקע שינאה צום מארק-
סיזם |...|". זש׳ דער אידישער ארבייטער, נ׳14, 2664
לאנדאן, ז׳ 118.

1968 " ליפשער |דער שעף פון דער זשאנדארמעריע|, דער
בלוטיקער הונט, האט דאן דערקלערט |...|". 2745 באצאלונג
ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז׳ 822.

6. (פיג) פײַנלעך, ווייטיקלעך.

1957 " דער פאטער און מוטער |...| גוואלדעווען מיט
בלוטיקע ווייגעשרייען פון זייערע ביטערע הערצער". 2743 בי-1446
לדב, נ"י, ז׳148.

1962 " |...| האט ער |ש. מיכאלעלס| פאר מיר ארויס-
געקרעכצט, וואס אים איז בלוטיק ~~[illegible]~~ טייער |...|". 2680
חג, דער מענטש פון פייער, נ"י, ז׳ 105.

באמ: דערגאנצן די ציטאטע.

7. (פיג) רויט, ווי דער קאליר פון בלוט.

... " בלוטיק איז אונטערגעגאנגען די זון,

2709 וילבערן בלאס איז ארויסגעשווומען די לבנה".

פרץ,.... ציט אויסג, אלע ווערק, נ"י, 1947,

ב' III, ז' 142.

1928 " עס האט זיך פון די נעפלען ארויסגעשיילט א

2719 שטארקער, בלוטיקער הארבסט". מק, מוניע דער

פויגל-הענדלער, ציט אנט, ז' 598.

...190 " ווארט אויס, פאר נאכט, ווען פייערדיק און

2710 בלוטיק וועט אונטערגיין אין מערב-זייט די

זון". שע, אין שטורם, .... ז' 97.

|| =(ק)ייט - די, בא. (עלט) בלוטיקע קאמפן, בלוט-

פארגיסונג.

1908 " איר |די חנוכה-ליכטלעך| דערציילט פון בלוטיקייט,

2730 // ברישאפט און מוטיקייט |...|". מר, שריפטן I,

נ"י, ז' 132.

1941 " זיי מיך מציל פון בלוטיקייט, גאט, צו גאט

2729 פון מיין הילף". תי, תהלים, נא - 16.

0 בלויבלוטיק - אדי. אריסטאָקראטיש, ייחוסדיק.

הייסבלוטיק - אדי/אדוו. מיט א הייסן טעמפעראמענט,

היציק.

פולבלוטיק - אדי/אדוו. 1. (וועגן א מענטשן) געזונט,

שטארק, בליִענדיק.

2. (וועגן א קינסטלערישער שאפונג) עכט, רייך אין געשעענישן,

בילדער אע.

קאלטבלוטיק - אדי/אדוו. געלאסן; רויק; באַדאכט,

מיושבדיק.

ריינבלוטיק - אדי/אדוו. פון ריינער ראסע, אן א פרעמדן

צומיש.

**בלוטיקער ארעמאן** - זייער ארעמער מענטש, גרויסער קבצן.

1931 "|...| א זאלעשטשיקער ייד, לא עלינו א יורד, א בלוטיקער ארעמאן. אפט מאל ניטא אין שטוב אפילו אויף מזון סעודה אחת". ד. י. זילבערבוש, מענטשן און געשעהענישן, וויען, ז' 86. 2767

1972 "דאס געלט, וואס זי האט באקומען פאר דעם הויז, האבן אויפגעפרעסן די געריכטן און די אדוואקאטן, אזוי איז זי געבליבן א בלוטיקער ארעמאן". ב. בריקס. די וואס זיינען ניט געבליבן, |...|, ז' 47. 2778

1965 "ר' נחומטשע, דער גרינדער פון דער טשערנאבלער דינאסטיע, איז געווען א בלוטיקער ארעמאן, וואס האט נישט געהאט קיין גראשן ביי דער נשמה צו קויפן אפילו די נייטיקסטע רפואות". צ. כהן, פאר, VIII/27. 2693

**בלוטיקע אינטערעסן** - לעבנס־וויכטיקע ענינים.

1905 "|...| וועגן אזא רעוואלוציע מוזן וויסן אלע מענטשן |...| ווייל דאס רירט אן זיי זעלבסט, זייער בלוטיקסטע אינטערעסן". בן חופש, א פאליטישע אדער סאציאלע רעוואלוציע, |...|. 2662

**בלוטיק פאראינטערעסירט** - זייער שטארק פאראינטערעסירט, ס'גייט אין לעבן.

**בלוטיק געלט** - געלט פארדינסט וואס קומט אן מיט גרויסער מי, מיט שווערער הארעוואניע, מיט מאטערניש.

1867 "מסתמא וועלן אונדזערע גבירים ניט דערלאזן מע זאל אוועקגעבן אזא בלוטיק געלט, וואס מען זאמלט דערפון וואס ארעמע־לייט עסן ניט קיין שטיקל פלייש" קמ, נ' 36, ז' 281 - I. 2339

1899 " עס קומען אהין |קיין ירושלים| יידן, וואס ניט
בלויז זיי וועלן ניט נעמען פון דעם בלוטיקן געלט, 2342
פון די חלוקה, נאר זיי וועלן נאך אין זיי האבן
מענטשן, וואס וועלן זיי געבן". יה"ל, די
קאלאניסטן II,ווארשע, ז' 28.

1914 " עס שאדט ניט, - האט בערמע זיך ניט אונטערגע-
געבן, - דאס איז בלוטיק געלט". אר, ציט אלע 271
ווערק, נ"י, 1930, ב' IX , ז' 249.

ווינען
מיט

בלוטיקע טרערן (באגיסן זיך, פארגיסן) -
וועגן א ביטערן, הארצרייסנדיקן געוויין צוליב א
טרויעריקער, פיינלעכער איבערלעבונג, אן עוולה אע.

... " |...| און א פאל אנידער אן כוח // גיט נעבעך
איצט אונדזער נח, // ער וויינט מיט בלוטיקע טרערן, 2695
// גאט זאל זיין געבעט דערהערן". עט, לידער,
ציט אויסג, ווילנע, 1925, ז' 84.

1873 " איך האב געזיפצט, געוויינט און באגאסן מיט
בלוטיקע טרערן מיין בידנע קליאטשע". ממוס, 2733
467
די קליאטשע, ווילנע, קינק 55320.

1957 " מיט א מאל ווערט געריסט דאס פיינטעלע הארץ
און באגיסט זיך מיט בלוטיקע טרערן". לדב, 2748
נ"י, ז' קצ"ו.

פּפ

בלוטיקער יקרות - בלוט-יקרות. [illegible]

1881 " עס איז טאקע |...| ניטא פון וואנען |צו נעמען|
און דערצו דער בלוטיקער יקרות". מ. זעליקאוויטש, 2779
|מ. א. שאצקעס|, דער יודישער פאר פסח, ווארשע,
ז' 33.

בלוטיקער מאנטיק (דינסטיק אאז"וו) - (שגל) "אזוי האט מען באצייכנט די טעג פון די 'אקציעס' אדער גרויסע אומגליקן אין באזונדערע שטעט. בלוטיקער מאנטיק - אין טשענסטאכאוו, דעם 4טן סעפטעמבער 1939, בלוטיקער מיטוואך - אין ראדעם, דער 27סטן אפריל 1942 |...|". בלום, יישפ XVIII - 1.

1970 " 'דורכגעלאזט דעם בלוטיקן פרייטיק!? - און ער שרייבט גלייך צו |...| אין די געטאס זיינען די נעמען פון די טעג, וואס אין זיי זיינען פארגעקומען די גרויסע אקציעס אנגערופן געווארן 'בלוטיקע'". י. קאפלאן, געשליידער, ת"א, ז' 255. 2782

בלוטיקער עושר - |גרויסער גביר?|.

1869 " דא געפינט זיך נאך א ייד, אן עטיק-מאכער, א בלוטיקער עושר, ווי ר' חיים, כאפט ער אפט אוועק צו זיך אורחים". קמ, נ' 20, ז' 232 - III. 2781

.........................................................................

באמ: כ'האב א מאל געהערט דעם אויסדרוק, אבער אין איראנישן באטייט, ד"ה, וועגן א גרויסן ארעמאן. אין דער ציטאטע אבער קאן אויסקומען אז מען מיינט דווקא א פארמעגלעכן מענטשן - ער נעמט דאך צו אורחים.

.........................................................................

בלוטיקער פיינד/שונא - פארביסענער, אייביקער שונא; דם-שונא.

1887 " זיינע ווערטער האבן אויף מיר אזא איינדרוק געמאכט, אז איך האב מיין בלוטיקן שונא אפגעלאזן". י. בריאנסקי, די ערשטע עבירה, פעטערבורג. 2783

1894 " מה נשתנה, פאר וואס די שרייבער פון אלע שפראכן זיינען זיך די בעסטע גוטע פריינד, און די יידישע פארפאסער זיינען איינע די אנדערע בלוטיקע-פיינד?". זש' דער לאנד-חכם, נ"י. 2699

בלוטיקער שפאס - א געשעעניש וואס הייבט זיך אן שפאסיק, פריילעך, אבער לאזט זיך אויס טראגיש.

מיטן בלוטיקן שווייס ארבעטן/הארעווען - ארבעטן זייער שווער, מיט גרויסע מאטערנישן.

1896 " ווי אזוי ער ארבעט מיט דעם בלוטיקן שווייס; ווי אזוי ער קריכט אין בלאטע איבער די קני, 2676
שטעלט אלע מאל אונטער זיינע פלייצעס אונטערצוהאלטן דעם שווערן וואגן". י. לעבינשטאק, ביי ר' שלמה בערלינער, לוואוו, ז' 5.

פארקאכן א בלוטיקע קאשע - גורם זיין א געשלעג, א מלחמה.

אפטאן א בלוטיק שטיקל ארבעט - הרגענען.

ם בלוטיג.

---> 1.

1718 " |...| דש וואשיר מוז איבר דעם פלייש אריבר גין, אונ וואו בלוטיג איז, למשל, אז וויא דיא 2692
שחיטה אודר זונשט פער גליווארט ווער מיט בלוט זאל מן וואול מיט איין מעסיר אויז שניידין |...| אונ דש בלוט אב וועשין". |מחבר?|, ברית מלח, אמשטרדם, תע"ח.

---> 3.

|סוף XVI י"ה| " אביר עש האט ניט לאנג גיווארט |גע/דויערט| דאז דיזיר שטרייט איזט צום בלוטיגין קריג אויז 2705
גישלאגין". גה, ז' 173.

ב ל ו ט י ק ן - אוטוו, פפ̄ (עלט) בלוטן,

(פאר געבלוט(עט)). 1. פארלירן בלוט פון א ווונד

אויף דער הויט אדער פון אן אינעווייניקסטן ארגאן.

% דער פארווונדיקטער בלוטיקט שטארק, זעט אויס אן

אדער האט געפלאצט.

1824 " ווען אויף דעם נאפעל שוואמיגע פלייש אויס וואקסט,

זוא וויא עס געשיהט אפט, וועלכע בייא דער גרינגסטער 2798

בעריהרונג בלוטעט". איבז י. |...| ריף,

ק. גירטנער, לימוד תחלאי הילדים, ווילנע.

|?|1910 " א סגולה אויב א קינד בלוטיקט נאכן מל

זיין |...| קויפן אין אפטייק אייזן-טראפן |...|". 2754

סור, I, לאדז, ז' 22.

1934 " |...| נאר די ווונדן מיינע בלוטן, ווי וואלקנס

ארום דער זון, וועט זי פארגייט". 2069

מלה, לידער I, נ"י, ז' 92.

1938 " אין גרויסן געפילדער האט עמעצער |...| מיט

עמעצן |...| זיך פאר עפעס צעבוצקעט |...| און 2769/א

אין דער מיט זיינען שוין געפאלן קלעפ, און נעזער

האבן געבלוטיקט". נח לוריא, עליע יארש,

בערדיטשעוו.

2. (ספעצ) ווען פרויען מענסטרוירן, האבן די

מאנאטלעכע.

3. אפצאפן בלוט פון די אדערן צוליב היילצוועקן.

% דער זיידע פלעגט זיך לאזן בלוטן יעדן פרייטיק

אין מרחץ.

4. (פיג) האבן א סך קרבנות פון בלוט-פארגיסונג.

" צווישן אט די קעמפנדיקע פעלקער צאפלט זיין 1916

און בלוטעט דאס יידישע פאלק". א. ליטווין, 2784

יידישע נשמות I, נ"י, ז' III.

1945 " עס גייט, עס קומט א העלדיש בלוטנדיקער דור

|...|". האל, ערדישע וועגן, מאסקווע, ז' 136. 2791

1961 " אונטער ערשטע שנייען, ווייס פארהוילן, //

בלוטיקט אלץ די ערד אין אפווארט פון פארטאג". 2749

י. רובינשטיין, זש' איק, פסח-נומער, ז' 5.

5. (פיג) פילן שטארקן צער, פיין, ווייטיקן פאר

עמעצן/עפעס, מיטליידן. % מיר בלוטיקן נאך אלץ

אויפן אומקום פון מזרח־אייראפעישן יידנטום.

1921 " אז די נשמה בלוטיקט, איז די זון קאלט".

מ. ראוויטש, נאקעטע לידער, ווין. 2753

1946. " |...| טראכט ער מיט א בלוטנדיק הארץ |...|".

אש, דער ברענענדיקער דארן, נ"י, ז' 197. 2793

6. (פיג) זיין רויט, טונקל רויט ווי בלוט.

1924 " און איבער דעם מענטש אין זיין איינזאמקייט

// גייט אויף די זון און זי פארגייט, // אזוי 2790

אייביק בלוטנדיק און רויט". מלה,

די גילדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 206.

1947 " |...| איצט בלוטיקט אין זיין בלויען שפיגל

// שוין אונדזער זונפארגאנג". חג, פארוואקסענע 2766

וועגן, ליד "דער נארעוו", פאריז.

7. ( פיג, לאקל, וולאצלאוועק, פוילן) " האבן שאדן,

היזק, טייער באצאלן".

1939 " כ'וועל שוין דערביי בליטן [=בלוטן] - כ'וועל

שוין נישט ארויס מיט גלייכע ביינער, כ'וועל שוין

דערביי אנווערן געלט". זש ייפא, נ' 2,

ווארשע.

8. טרוו. (פיג) פייניקן, מאטערן.

1919 " אך, קום צוריק אין ברוסט אין מיין אונמוטיקער,

2756 // און ווידערשפעניק מיך אויף סניי; און בלוטיק

מיך, // אוי, ארעמעס הארץ |...|". סעג,

לירישע לידער, קיעוו.

9. (פיג) "רודפן, מבייש זיין, אויספרעסן געלט דורך

שאנטאזש" |קטוו|. % דער מסור בלוטיקט מיך און

דער פריץ וויל אויך אין דער יד אריין" |קטוו|.

בלוטיקן זיך – רעפל. (עלט?) שטארק אנשטרענגען זיך.

אוועקגעבן פון זיך דאס לעצטע.

1878 " א באלעבאס פון געמיינעם שטאנד בלוטיקט זיך

2660 צו געבן זיין קינד צו דעם זעלביקן מלמד, ווו

עס לערנט דעם נגידס יינגל". אמד, קארטוכע,

ווילנע, ז' 7.

1928 " הקיצור, איך האב זיך געבלוטיקט און אויפגע-

2765 עפנט א רעסטאראן |...|". נאד, גוו, זעקס ביכער,

נ"י.

1930 " |...| אויסגעשטארצט אירע אויגן אזוי שארף,

2768 אז ס'האט זיך געדוכט, זיי בלוטיקן זיך אין זייער

קוק". אש, ווארשע, צים אויסג, נ"י, 1949, ז' 171.

בלוטיקונג – די, =ען. פפ בלוטונג . אקט אדער

רעזולטאט פון בלוטיקן, ב' 1.

1938 " אונטער מעלענע פארשטייען מיר די קראנקייט,

2797 וואס איר עיקר-סימן איז בלוטונגען פון מאגן |...|".

איבז מ. מארק, ב. הערצפעלד, מוטער און קינד,

ריגע, ז' 158.

1963 " |...| א פאררוונדיקונג פונעם גאנצן גוף,
א שארפע בלוטיקונג". הל, עסייען און רעדעס, 2798
נ"י, ז' 71.

|| **בלוטנדיק** – אדי/אדוו וואס בלוטיקט.
1922 " עס איז נאך נישט פארהיילט די בלוטנדיקע
ווונד". בראד, באגייסטערונג, לאדזש, ז' 38. 2795
1972 " א טויטער הירש מיט בלוטנדיקע אויגן //
אין דרויסן פאר דער יאטקע הענגט". מ. שולשטיין, 2794
זש' גק נ' 76, ז' 178.

**בלוטנדיקערהייט** – אדוו. אין דעם מצב פון בלוטן
(בלוטיקן), ווען מע בלוטיקט.
1956 " צווישן די בראכשטיינער פון שטאט ער ליגט אין
שלאכט, // און בלוטנדיקערהייט ער טאפט דארט אן די 2992
ווענט". פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 320.

**בלוטעוודיקייט** – די, בא. די נטיה צו בלוטיקן.
1938 " ביי מעלנע |מאגן-קראנקייט ביי קינדער|
האט מען געפונען געשווירן |...| אויך א באזונדערע 2797
בלוטעוודיקייט פון די געפעסן". איבז מ. מארק.
ב. הערצפעלד, מוטער און קינד, ביגע, ז' 159.

**בלוטעניש** – דאס, =ן. דאס אפטע פארלירן בלוט.
1953 " |...| דאס בלוטעניש פון זיינע ווונדן".
הל, אין די טעג פון איוב, נ"י, ז' 144. 2799

דאס הארץ בלוטיקט - מע פילט שטארקן צער, מיטלייד, רחמנות.

1865 " גלייבט אונדז, דאס הארץ בלוטעט אונדז דאס אויף פאפיר צו ברענגען". קמ, נ' 28, ז' 306. 2789

1929 " עס בלוטיקט דאס הארץ דאך אויף יעדער זיין אומזין...// אוי, קינדער, אוי קינדער - איר וועט זיך ארומזען". האל, ווייַ און מוט, מאסקווע, ז' 15. 2763

1945 " שוין הונדערט מאל איז הארץ אין מיראופס- געגאנגען, // און ווידער בלוטיקט עס און וואכט". סעג, א בוים פון פוילן, ב"א, ז' 174. 2762

ם בלוטן.

---- 1.

|XV| י"ה| " ווער זיא וויל אן רוירן [די דערנער] דער שטיכט זיך דש עש בלוט". שב, סטראפע 1747. 2785

1728 " ווען איינר צו שטאריק בלוט אויז דער נאז |...| נעם דש מיטלשטי אויז דיא וועלשי נוס |...|". 2780
סור, שער אפרים II, פיורדא, תפ"ח, דף כה -ב-II.

בלוטן זיך.

|?| 1474 " ווער צו דער נאזן זיך בלויט, שרייב אים אן די שטירן מיט זיינן דם |...|". כ"י, ספר 2764
הרפואות, ציט זש'דווקא, נ' 17.

ב ל ו ט - י ק ר ו ת |=יאַקרעס| - דער, בא. זייער א גרויסער יקרות, שרעקלעכע פארטייערונג פון סחורות.
% אז די פויערים פירן גארנישט אריין אויפן מארק, ווערט א בלוט-יקרות אויף פרוכטן, גרינסן און מילכווארג.

1881 " די ווייבער זענען געבעך שטארק צערודערט,

עס איז טאקע ממש ניטא וואס צו קאכן, פיש איז 2435

בלוט-יקרות, פלייש - קדחת מיינע שונאים, שמאלץ

- נומער ערגער". שאצקעס, דער יודישער פאר פסח,

ווארשע, ז' 105.

ב ל ו ט ל א ז - אדי/אדוו. (דטשמ) 1. בלוטארעם,

אנעמיש.

2. (פיג) אן טעמפעראמענט, אן אויסדרוק.

1949 " די ארטיקלען ווערן עפעס בלוטלאזע, שטילע

און עפעס אויך אבלדיקע". מוק, מיינע באגעגענישן, 2441

ב"א, ז' 57.

ב ל ו ט ל ו י ג - ז א ל ץ - די, בא. (כעמיע)

בנב. |טערמינאלאגיע (כעמיע, ווילנע, 1921]. 2445

ב ל ו ט מ א ן - דער, |= ~ מענער/=לייט?|. (עלט) ?נ?

מערדער, רוצח.

1863 " דו ביסט דאס דער מערדער, |...| דו בלוטמאן,

שלעפ ניט מיט זיך אזא שווערע זינד אויף יענער וועלט, 2450

זיי זיך מודה". אמד, סיפורי ארץ הקודשה,

ווילנע.

ב ל ו ט מ א נ ע ר - דער, =ס. (תנ) נקמה-נעמער

פאר א מארד.

1941 " |...| און די שטעט זאלן אייך זיין פאר אנטרינונג
2452 פון דעם בלוטמאנער". תי, במדבר, לב – 12.

... " און אז דער בלוטמאנער וועט אים נאכיאגן,
2455 זאלן זיי ניט איבערענטפערן דעם טויטשלעגער |...|".
רצון, יהושע, כ – 5.

בלוטמאַראַנץ – דער, =ן. מין מאַראַנצן|סטוטש258|.

באַם: וואסער מין?

בלוט-נקמה |=נעקאָמע| – די, בא. |סטוטש 571|.
דאס נוקם זיין זיך אין א מערדער דורך הרגענען אים.
% אין סיציליע איז נאך היינט גילטיק דער מנהג פון
בלוט-נקמה, די ווענדעטא.

בלוטסטראָפּ(ן) – דער, =ס. 1. אַ טראָפּן בלוט.
1920 " קוקט זי אים אן און דערזעט זיין בלייך פנימל:
2637 קאַ |קיין| בלוטסטראָפּ אי דער|איז דאך| נישטא אין
זיין פנים". ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס,
ציט אנט, ז' 239.
1938 " איז דאס געווען א חיה – א פלאם:אויערן ווי
2654 באלמעסערס, אייגעלעך – בלוטסטראָפּנס". ז. סקאלאוו,
צייטן בייטן זיך, ווילנע, ז' 133.

2. דער אנהייב פון אן עמבריאן אין אן איי( לויטן
יידישן דין איז אזא מין איי טריי(ף.
1800 " אויך מוז דער שומר |אין דער בעקעריי| אויף
2636 פאסטין דש קיין בלוטש טראפפן דא |ניט| זיין".
רעגלעמענט פר דיא שומרים אצל האופים, אמשטרדם,
תק"ס.

1925 " אויב איך אן איי איז פאראן א בלוטסטראפן,
2645 איז דאס א סימן, אז די איי איז שוין באפרוכפערט,
ד"ה, ס'האט זיך שוין אנגעהויבן צו בילדן אן עמבריאן
(וואלד), א הינדל". זש' פגעז, נ' 6, ווילנע.

1936 " ארעמע ווייבער |זענען| ארייננעקומען פרעגן
2646 א שאלה אויף א בלוטסטראפן איך אן איי". ייז,
ברידער אשכנזי, ווארשע, ה' 84.

ם בלוטס טראפפן/בלוטש טראפפן.

--- 2.

1676 " אונ' ווען מן אייער וויל ברויכין |...| זול
2648 מן זיא פון אננדר ברעכין אונ' זול זיא שיטן פון
אוינר שאל אין דיא אנדר אונ' זול זיהן דז קיין
בלוטס טראפפן דרינן איז". ברנט שפיגל, פפד"מ,
פרק י"ז.

1796 " ווען אייך בלוטש טראפפן אין אייך אייא איז אזו
2644 איז די גאנצי איי אסור צו עשן". י. מ. עפשטיין,
דרך הישר לעולם הבא, שקלאוו, פרק ל"ח.

בלוטפארגאס - דער, =ן. דזוו בלוט-פארגיסונג.

1930 " איך בין אויף דעם צו זיך - דורך קריג, דורך
2467 בלוטפארגאס, דורך צעשטערונג און פארניכטונג".
דפּ, אלעקסאנדער און דיאגענעס, ווילנע, ה' 44.

בלוט-פארגיסונג - די, =ען. אקט אדער
רעזולטאט פון פארגיסן בלוט; הריגה, שחיטה.

1952 " איז דאס ווארט |...| געווארן א צודעק-מאנטל,
וואס פארדעקט בלוט-פארגיסונג |...| טעאריעס פון 2471
ראסן-שאוויניזם". שנ, ה. לייוויק, נ"י, ז' 318.

1968 " אונדזערע חברים האבן איינגעזען, אז עס קען
קומען צו א בלוט-פארגיסונג |...|". נ. געלבארד, 2470
יזב אטוואצק, ת"א, ז' 309.

||ע=ניש - דאס, =ן. דזוו דפוו |סטוטש 567|.

ם בלוט פר גיסונג.

1743 " גייארט ער איז קינג איבר אייך גוואריין מיט
דז שווערט אונ' מיט שטרייטן, אונ' מיט פיל בלוט פר 2468
גיסונג פון דש הייליג פאלק". מ. מן, יוסיפון,
אמשטרדם, דף פ"ב.

בלוט-פארגיסער - דער, =ס. דער וואס
הרגעט מענטשן, א מערדער, א רוצח, אויך דער וואס
איז גורם מלחמות.

1875 " האט נבוזראדן געזאגט צו ירמיה, |...|
ענטוועדער דו ביסט א פאלשער נביא |...| אדער דו 2484
ביסט א בלוט-פארגיסער". איבז נ. ש. פייגענזאהן,
מדרש איכה |...|, ווילנע, ז' 46.

1930 " ווער וועט אפשווענקען די זינד פון די בלוט-
פארגיסערס. א. שומיאטשער, אין שעהן פן ליבשאפט, 2482
ווילנע, ז' 112.

ם בלוט פארגיסר/בלוט פר גיסר/ בלוט פור גישר.

|XV| י"ה| " |...| וליכשטו נון מיט שאנדן דוא בלוט
בורגישר. // דוא ברוכשט אן דיינם הערן דוא ואלשר
מוירדר". שב, סטראפע 1476.

1696 " |...| מאגן בלוט פאר גיסר און׳ לישטיקייט

ער פר אונוועררדיגט גאט". |סידור| תפלה למשה |...|, 2481

דעסוי, דף שכ"ו - 2.

1743 " |...| און׳ זאלשט דיך היטן פֿר הורדוס, דען

ער איז איין בלוט פֿר גיסר". מ. מן, יוסיפון, 2477

אמשטרדם, דף ק"ה.

ב ל ו ט פֿ ו ל - אדי/אדוו.

1. געזונט, שטארק. % ס׳באגעגנט אים א ברייטפליי-

ציקער בלוטפֿולער יונגערמאן.

2. (פיג) פול מיט לעבן, מיט הייסן טעמפעראמענט.

1968 " דאן האט ער |ראַזען| עס געשריבן זיינע קערנדיקע,

ברוטאלע און בלוטפולע דערציילונגען |...|". 2497

י. גרודבערג, יזב אטוואצק, ת"א, ז׳ 518.

ב ל ו ט פֿ יי נ ד - דער, מצ דז. פארביסענער,

רשעותדיקער פֿיינד, א שונא אויף אייביק. % דער

געוועזענער שותף איז איצט א בלוטפיינד און טוט

אַן צרות ווו נאר ער קען.

1886 " פון דעם טאג אן איז ר... געווארן ר-ען א

בלוטפיינד". א. צווייפל, גליקליכער מפטיר, 2501

ווארשע, ז׳ 21.

ב ל ו ט פֿ ר יי נ ד - דער, מצ דז. |סטוטש 552|.

גאר נאענטער פריינד.

2. נקמה-נעמער.

1743 " |...| איך ווייש דש איך נאך גלאזן |נאכן טויט|

האב איין בלוט פריינד, דר זיך וועט ראכניך מיינט
וועגן". מ. מן, יוסיפון, אמשטרדם, דף ק"א.

בלוטפֿרעמד – אדי/אדוו. וואס איז ניט פון
דעם אייגענעם שטאם/משפחה, ניט קיין קרוב.

1882 " דאס איז אויך א פיינער מינהג – בלוטפרעמדע
לאדעט מען איין אויף א חופה-וועטשערע". א. זאלאטאראוו, 2525
ייפאל, נ' 46, ז' 708.

1951 " אפילו מחותנים, בלוטפרעמדע האבן צווישן זיך
ניט געטארט זיך משדך זיין". מ. אוריאל, זב ליטע !, 2524
נ"י, ז' 206.

בלוט-צאַפּעניש – דאס, =ן. 1. (Lit,...)
דאס אָפּציען בלוט פון א קראנקן (דורך אויפשניידן
אן אדער, אדער מיט דער הילף פון פּיאַווקעס) ווי א הייל-
מיטל אמאליקע יארן. % דער חולה זאגט אז דאס
בלוטצאפעניש האט אים ניט געהאלפן.

2. (פיג) דאס פארשאפן עגמת-נפש, צער, פארדראס, דאס
אנטאן צרות.

1887 " |...| מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז מען ברענט
מיך מיט פייער, אזא חרפה! אזא בלוט-צאפעניש! 2532
פאר וואס?. י. בריאנסקי, די ערשטע עבירה,
פעטערבורג.

1971 " א רוח אין זיין טאטנס טאטן אריין! |...| מיין
בלוטצאפעניש וועט אים ניט געשענקט ווערן!". 2530
אי. קיפניס, מיין שטעטעלע סלאָוועשנע, !!, ת"א,
ז' ....

אויסזעצער,

ב ל ו ט צ אַ פּ ע ר - דער, =ס. אכזריותדיקער אויס-
פּרעסער, ס׳רוב וועגן אומארנטלעכע קהל-פירערס אדער
פּראצענטניקעס-הויטשינדער; דזוו בלוטזויגער ב 2.

1868 "|...| אזוינע ר׳ זרחס, אזוינע בלוטצאפּערס
2536 זענען געוועזן אין יעדער שטאט |...| טוצנווייז".
קמ, נ׳ 46, ז׳ 339-340.

1891 " ער איז אליין אויך געוועזן אין דער גאנצער
2539 כנופיא שטאט-בעלי-טובות, בלוטצאפּערס |...|".
צ. ה. הארנשטיין, זלידנעפּקער לעבענדע פּאטאגראפיע,
בערדיטשעוו, ז׳ 32.

1909 " ס׳האט זיך געפילט, וואס פאר א מחיה בגויה עס
2539/א איז צו זיצן דא קעגן אט דעם בלוטצאפּער, און צו רעדן
איז אזוי שווער געוועזן...". בערג, ארום וואקזאל,
קאנק: 58/517 - II.

ב ל ו ט צ יִ ע ר ק ע - די, =ס. (זאאל) דזוו
פּיאווקע (ווסב) (Hirudo officinalis).

1924 " די בלוטציערקע געפינט זיך אויפן גרונט פון
2544 זיסע וואסערן |...|, ווי באקענט, באניצט מען אין
דער מעדיצין די פעיקייט פון דער בלוטציערקע זיך
אנצוזייגן מיט בלוט |...|". איבן ד"ר אז סעל,
א. שמייל, זאאלאגיע, ווילנע, ז׳ 168.

ב ל ו ט - ק א נ ט י נ ג ע נ ט - דער, =ן. (שגל)
"די צאל יידן וואס די דייטשן האבן געפאדערט פון
2553 א יודנראט אויף ׳אויסזידלען׳ - טארנאפּאל, ביאלע-פּאדל׳
א"א. | בלומ, יישפ XVIII - 1, נ"י, 1958|.

ב ל ו ט - ק ר ו ב |=קארעוו| - דער, =ים |קרויווים|.
זייער נאענטער קרוב, לייבלעכער
קרוב. %ביידע זיינען מיינע בלוט-קרובים, מיר
זיינען לייבלעכע שוועסטערקינדער.

|| בלוט-קרובישאפט |=קרויווישאפט| - די/דאס, בא.
נאענטע, לייבלעכע קרובישאפט. % די ברידער
זיינען פון געבורין געווען צעשיידט און ערשט
שפעטער זיך דערוווסט וועגן דער בלוט-קרובישאפט
צווישן זיי.

ב ל ו ט ש א נ ד - די, בא. 1. געשלעכטלעכע באציונגען
צווישן נאענטסטע משפחה-מיטגלידער (ברודער מיט א
שוועסטער אע); אינצעסט.

2. געמישטע חתונות אדער סתם געשלעכטלעכע באציונגען
צווישן מענטשן פון פארשיידענע ראסעס, לויט די
טעאריעס פון די דייטשע נאצים א"א ראסיסטן.

1966 " פארפירן מיט אים א ליבע וואלט געווען עפעס
אזוינס ווי בלוטשאנד". באש, פאר, X/1. 2582

ב ל ו ט ש ו ל ד - די, בא. (עלט) די שולד פאר
א מארד אדער פאר גורם זיין עמצענס טויט.

" פון וואנען ווייס מען, אז מען טאר ניט האלטן ....
איך זייך הויז א בייזן הונט און ניט לאזן שטיין 2618
א צעבראכענעם לייטער? עס שטייט: דו זאלסט ניט
ארויפלייגן בלוטשולד אויף דייך הויז".
בבא-קמא, טו/ב.

רעפ׳: ווער איבערזעצט??

|| =יק - אדי/אדוו. (עלט) וואס איז שולדיק אין א
מארד אדער וואס איז גורם עמעצנס טויט.

= יקייט - די, בא. 1. בלוט-פארגיסונג, מארד.

1948 " ווארן דער וואס פארשט אויס בלוט-שולדיקייטן,
האט זיי געטאן געדענקען". נגא, ט' - יג, 2588
ב"י, ז' 46.

=יקער — 1. דער וואס איז שולדיק אין א מארד.

□ בלוט שולדיגר.

1.

1626 " די בלוט שולדיגן מנן |מענער, לייט| האבן
פיינד איין גנצן פרומן מן |...|". סהמ, 2585
משלי, כט - י, לובלין, שפ"ו.

1764 " אונ' בייא דעם דאזיגן וואר ער אך איין בלוט
שולדיגר מן אין זיין נטואר |=נאטור|, אונ' ער 2590
וואר איילינדיג בלוט צו פר גיסן". יוסיפון,
פיורדא, דף קי"ג - ז.

2. דזוו בלוט=חתן, דאס געמלטע קינד.

1737 " חתן דמים (שמות ד) איין בלוט שולדיגער פון
מיין חתן". מש, 36 - 2. | תי: א בלוט=חתן|. 2589

ב ל ו ט - ש ו נ א |=סוינע| - דער, =ים |=סאָנים|.
דזוו בלוטפיינד; דם=שונא. % פון זינט זיי
האבן זיך צעקריגט צוליב דער ירושה, זיינען זיי
זיך בלוט-שונאים.

1932 " אונדז, דריי קינדער, האט זי פון קינדווייז
אן געצייצט אויף אייך |...| און אזוי |...| 2591
זענען מיר אויפגעוואקסן אייערע בלוט-שונאים".
י. ל. שפירא, דער אידישער גייסט-תקיעת שופר,
מונקאטש.

ב ל ו ט ש ט יי ן - דער, =ער. |סטוטש 529|. (מינ)
סארט איידלשטיין; העמאטיט. % פרוי טראגט א רינג
מיט אן איינגעפאסטן בלוטשטיין.

ב ל ו ט ש ק ע - די, בא. פפ (דיאל) בליטשקע. ?נ?
(פסמ) דזוו וולוטשקע - דיקע וואלפעדעם, געניצט
צום שטריקן אע. % די באבע שטריקט ווארעמע זאקן
פון בלוטשקע.

רעד: אפשיקן בכלל צו וולוטשקע?

1896 " |...| גייען שוין די |...| יונגעלייטלעך
|...| מיט ניי-זאנענע טלית-און-תפילין-זעקלעך, 3934
אויף איטלעכן אויסגעניים מיט בלוטשקע דער פרט
פונעם שנת החתונה מיט זיין נאמען". ייל,
ניט טויט ניט לעבעדיג, ווילנע, ז' 20.

1907 " א שיינער ייד, א הויכער |...| שטעקשיך אויף
די פיס |...| פון סאמעט מיט בליטשקע אויסגענייט". 3930
שע, מאטל|...|I, ז' 76. (63 אויג נ"י 1937,)

1956 " |...| פריש געוואשענע העמדער, וואס שמעקן מיט
זייף און בלוטשקע". ש. סיימאן, ווארצלען, 3928
ב"א, ז' 111.

ב ל ו ט ש ק ע ן [=ע, ער] - אדי. פון בלוטשקע.

1868 " באלד ווי ער באקומט דעם קורצן ראק |...|,
א העמד מיט קנייטשן, בלוטשקענע שיך |...|, ווערט 2802
ער שוין א געבילדעטער דייטש". |מחבר?|, דער
אקציזניק, זשיטאמיר, ז' 15

1869 " איך האב תחילת געמיינט, אז דאס מוז זיין
פעקלעך ציצות אדער קינדערשע בלוטשקענע יארמלקעלעך". 2802
ממוס, די טאקסע....

1929 " |...| האט זי ארויפגעכאפט דאס בליטשקענע איבערשטס אויף זיך און איז אוועק אויף דער פאבריק". 3936

א. אבטשוק, הערשל מאמאי, זש' אלמאנאך וואוספּפּ, כארקאוו, ז' 33.

ב ל ו י - --> בלאָ.

ב ל ו י א י ק - --> בלאָיק.

ב ל ו י אָ ר ד נ ב א נ ד - פ ל א ט ע ר ל - דאָס, =עך. [סטוטש 247]. אינסעקט.

ב ל ו י ג אַ ז - דער, =ן. דזוו בלויזייערס.

ב ל ו י ג ל ע ק ל - דאס, =עך. (באָט) בנב. גראָזוועקס, (ביי סטוטש ניטא).

ב ל ו י ג ר אַ ג ע ר ל - דאס, =עך. אינסעקט, פון דער ריי גראַדפליגלדיקע. [247 סטוטש] (Blesis)

ב ל ו י ה אָ ל ץ - דאָס, בא. (באָט) טראָפּיש געוויקס, אנדערש גערופן אינדיגאָ, אינדיקאן, אינדיק (ווסנאַ Indigofera tinctoria), פון די בלעטער באקומט מען ארויס די בלויע פארב אינדיגאָ.

2. די פארב פון אינדיגא.

1900 " צו די נאטירלעכע |פארבשטאפן| געהערן אלע

פארבן |...|, וואס געפינען זיך פארטיק אין דער / 2926

נאטור, אין בלומען, בלעטער, אין האלץ |...| דאס

זיינען אינדיגאָ (הינדאק) בלויהאלץ, געלבהאלץ

|...| און נאך אנדערע". ש. שפירא, קליידער

פארבעריי, ווארשע, ז׳ 43.

0 בלויהאלץ-עקסטראקט - דער, =ן.

1900 " אויב |...| די פלעקן זענען שוין אלטע, העלפט

זיי ניט דער אמאָניאק |...| מען צעלאזט א ביסל 2929

בלויהאלץ-עקסטראקט |...|, באשמירט דערמיט פון אויבן,

ביז דער פלעק פארדעקט זיך אין גאנצן מיט די |דער|

פארב". דצוו, ז׳ 31

ב ל ו י וו אָ ל - די, בא. [illegible]. פעדעם

פון וואל געפארבטע אין קאליר פון תכלת, ס׳רוב

געמיינט די ציצית-פעדעם פון טלית אדער ארבע-כנפות;

תכלת.

ב ל וי וו י נ ע ר ק י נ י ג ל - דאס, =עך.

|[illegible] מין קיניגל, בעל-חי פון דער רייי

נאָגערס (ווסב *Oryctolagus cuniculus*).

ב ל ו י ז I - דער, =ן, פּפּ בלייז. 1. אויסלאָז,

איבערהיפּערונג, ניט אויסגעפילט ארט, ליידיקייט.

% אין דער וואלד-געדיכטעניש זיינען דא געציילטע

בלויזן, ווו ס׳שיינט ארייך די זון.

1882 " זאלסט לאזן אויפזעצן דעם הייראטס-קאנטראקט,
זאלסט לאזן איין בלייז אויף דעם נאמען פון חתן". 3172
|אנאנים, פרינצעסין עדינא, ווארשע, ז' 22.

1938 " אָן די דאזיקע לידערביכער איז פאראן א בלויז
אין יעדער אנשטענדיקער יידישער ביבליאטעק". 3093
מאנ, נאענטע געשטאלטן, ווארשע, ז' 381.

1949 " אן אנדערער קוקט ארום דעם וואגן און געפינט
אז |...| צווישן איין שייטל האלץ און דעם אנדערן 3235
זענען דא גרויסע בלויזן". מוק, מיינע באגעגענישן,
ב"א, ז' 23.

2. ( פיג ) אומגאנצקייט, אומשלמותדיקייט, חיסרון.
% דאס שוואכע באארבעטן די געטא-טעמע איז א גרויסער
בלויז אין דער יידישער דערציונג.

|1944?| " עס וועט שוין פארבלייבן א סוד ניט צום
לייזן, // פון וואנען דער פיינט האט דערוווסט 3174
זיך די ערטער // אַוווּ אונדזער היים איז. די
דאזיקע בלייזן // עס וועלן ניט קענען פארפילן
קיין ווערטער". סוצ, ציט פון I, ת"א, ז' 500.

1966 " אזוי פיל בלויזן, גאט מיינער, געלאזן אהינטער
זיך". האל, מיין אויצער, מאסקווע, ז' 54. 3161

1969 " זיי |די נעאלאגיזמען| פארפולן בפירושע
בלויזן". מ. שעכטער, זש' גק, נ' 66, ז' 243. 3159
ביי 4694

ב ל ו י ז II – פארט/אדוו. שטימט אין באטייט מיטן
פאַרט/אדוו נאָר, גיט צו דעם שייכותדיקן זאצגליד
געוויסע ניואנסן, ווי: 1. באגרענעצונג ( ניט
מער ווי, נאר אזוי פיל, סך=הכל אָט ). % אין
דער דיסקוסיע האבן זיך באטייליקט בלויז דריי
דעפוטאטן.

1911 " די פרויען ווערן אראפגעווירדיקט און באהאנדלט
ווי בלויז א מיטל, ניט מער אלס מענטשן". איבז 3201
ב. פייגענבוים, א.בעבעל, די פרוי און דער
סאציאליזמוס, נ"י, ז' 264.

1935 " ר' איטשע מאטעס עסט בלויז איין כזית ברויט,
שלינגט אים ארונטער |...|". באש, דער שטן אין 3201/א
גאריי, ווארשע, ציט קאנק: 65/483 - II.

1947 " די לאקאלן האבן געקענט אריינעמען בלויז
|...| פון 10 ביז 100 שילער". יזב טשענסטאכאווער 3078
יידן, נ"י, ז' 79.

2. אויסטיילונג, אויסשליסונג, אונטערשטרייכונג,
(נאר דאס, נאר אזוי, אויסשליסלעך, איינציק/אליין
אע).

1875 " זאגט אים דער בעש"ט: אם כן, אז דו ביסט
געקומען בלויז זאלסט מיך קענען, קוק מיך גוט אָן 3111
און הער מיך אויס". קהל חסידים, לעמבערג,
דף ל"ז- א.

1915 " |...| נאך דער צארטער שיינער נאמען, נאך
דער מילדער קלאנג 'לענאר' - // בלויז נאך דאס און 3112
קיין זאך מער". הר, ליד "די ראב", געדיכטע און
לידער, נ"י.

1930/31 " וואס פאר א גליק שוין בלויז דער אריינקום
איז געווען". ווייס, גוו II, ציט אויסג 3260
"קולטור-ליגע". ווארשע, ז' 65.

227 בל-

" איך האב זיך איינגערעדט, אז דאס איז נישט 1947
אמת, אז דאס איז בלויז א משוגענער קלאנג". 3151
סעג, מיינע זיבן יאר אין תל-אביב, ב"א, ז' 60.

" איך האט גאר ניט געטראכט וועגן הייראטן די 1962
פרוי? איר האט זי בלויז אנגעדרייט, אז אייער 3115
שונא זאל איר מיאוס ווערן?". הרב העפטערמאן,
פאר, XI/28.

3. ניט בלויז – קעגנשטעלונג, אין קעגנשטעליק סיכוב
קאארדינירטע זאצן מיטן בינדווארט נאר.

" ווייל פרץ האט שוין נישט בלויז דעם שטייגער- 1930
לעבן באשריבן, נאר ער האט ארייננעטראגן גרויסע 3263
אלגעמיין מענטשלעכע געדאנקען". דא, פון בערלין,
|...|, ווארשע, ז' 230.

" ער האט אים הערנדיק געזען, און ניט בלויז 1956
דא, // נאר אומעטום |...| אין יעדן דערפעלע, אין 383
יעדער שטאט |...|". פם, מלחמה, נ"י, ז' 157. בו - 4661

" נישט בלויז דער דאך איבער דעם פאראגראטן 1972
קאפ, // אויך זיין הארץ פון צער געווארן איז 3123
צעלעכערט". רק, נש' גק נ' 77, ז' 29.

בלויז !!! – אדי/אדוו, 1. איינציק, אויסשלי-
סלעך, נאר די זאך.

1863 " |...| און א בלויזן פלעק מעג מען אויך
|אום שבת| אפפוצן". חא, ווילנע, דף נח/א. 3218

1888 " געשטאַ פון מיר גארנישט, נאר די בלויזע
נאקעטע נשמה". ממוס, די קליאטשע, קאנק: 438710.

1926 " זיינע טאטע-מאמע, ארעמע לייט |...|, וואס
האבן אים, אייבין, צו צוועלף יאר שוין אנגעדונגען 3087
פארן בלויזן עסן |...|". אפא, גוו XI, ווילנע,
ז' 190.

1971 " |...| אז דאס נייע מוז בלייבן א בלויזער
עפיזאד, אויך עס וועט זיך נישט פאראנקערן אין 3257
יידישער ירושה". צייט, טמז, X/2.

2. (ספעצ וועגן הלבשה) נאר א געוויסער טייל,
אומקאָמפלעט.

1893 " |...| א דיקער מאן |...| מיט די בלויזע
גאטיעס |...| און באַרפיסיק". י. ארענשטיין, 3182 באר 2481
רעיונות ישראל, יאס, ז' 221.

1935 " רעכעלע קריכט אראפ פון בעט אין בלויזן
העמד". באש, דער שטן פון גאריי, קאנק 73/683-II. 3182/א

1968 " מיר גייען צו דער ארבעט |...| בארוועס, אן
היטלען, אין די בלויזע הויזן און העמדער מארשירן 3270
מיר איבער די שטעכיקע שטיינער". מ. בראף,
יזב אטוואצק, ת"א, ז' 937.

3. ניט צוגעדעקט, ניט אנגעטאן, הויל, נאקעט.

1920 " א פריץ האט געפרעגט ר' זלמן פויזנער, פאר
וואס ער טראגט אזא טייער סויבל-הישל, האט אים ר' 3221
זלמן געענטפערט: ביי אייך איז דער קאפ גארנישט,
לאזט איר אים בלויז". עלזעט, וואונדער
אוצר פון דער אידישער שפראך, ווארשע, ז' 7.

1932 " |...| אפילו א מאל עפעס געגעסן אויך, און
מיט א בלויזן קאפ, און אפילו ניט גאנץ כשר". 3224
ייז, יאשע קאלב, ווארשע, ציט אויסג נ"י,
1956, ז' 39.

1964 " קיין איינער פון דער קאמאנדע טראכט נאך ניט
וועגן ארויפציען וואס אויף דעם בלויזן קערפער". 3074
קאפלאן, שליאך און אומוועג, ת"א, ז' 246. באר 1921

בלויזערהייט - אדוו. נאר דאס אליין, אן אן אנדער
זאך." א פיפיקל צו פארזוכן, בלויזערהייט, אן 1938
ברויט". י. לערער, מיין היים,.. 3281

בלויזקייט - די, בא. נאקעטקייט, ניט-אנגעטאנקייט
|ל 2|.

1956 " |...| ווי לאנג ווילט איר נאך אייער טרויעריקע
בלויזקייט אויספוצן מיט אזעלכע בונטע פוסט געווארענע 3283
הבטחות". זש' פאריזער צייטשריפט, נ' 12,
פאריז, ז' 100.

0 בלויזקעפּיק - אדי/אדוו. אָן א היטל/יארמלקע,
בגילוי־ראש.

1870 " איך טעמפל בעטן פרויען און מענער בלויזקעפּיק
|אדוו| איך איינעם". קמ, נ' 17, 126 - !!!. 3284

1910 " די פאר קאמפאזיציאנען |...| פארלירן אלעס
אין טעאטער, אין געמישטן קריסטלעכן און בלויזקעפּיקן 3274
יידישן פובליקום |...|". פ. מינקאווסקי,
מאדערנע ליטורגיע |...|". אדעס, ז' 78.

1972 " איך סקול נעמען אלע ייִנגעלעך ארונטער די
היטלעך און בלייבן זיצן בלויזקעפּיק". 3273
ש. דייטש ממונקאטש, הן גאלתי, נ"י, ז' 17.

27 בלויזע שווערד - בלאנקע שווערד, ארויסגעצויגן
פון דער שייד.

1865 " |...| אים זייער שטארק געשלאגן אויף די ריפּן
מיט א בלויזן שווערד, דאס ער איז אפּגעלאפן מיט 3204
בלוט". אמד, בן פדק, ווילנע.

1879 " ער האט ארויסגענומען זיין בלויזן שווערד
|...| און האט זיך אנגעמאסטן, דאס דער בלאנק פון 1436
שווערד האט געשיינט אין זייערע בלאסע געזיכטער".
נטה גליק, מעשה ר' מנחם אלטארוער, ווילנע,
ז' 12.

1911 " מלאכים אבער, וואס שטייען אויף דער וואך מיט
בלויזע פלאמענדיקע שווערדן |...|". ממוס,
די קליאטשע, ווארשע, קאנק 1250730.

נאקעט און בלויז/בלויז און נאקעט - אפט געניצט ווערטער-
-פּארל, מיט באטייט : 1. נאקעט, אן הלבשה.

|אבהייב XIX י"ה| " כאפּט אים א גזלן ווי א ריז, //
און ציט אים אפּ פון קאפּ ביז די פיס, // די קעלט 3243
איז געווען זייער גרויס, // און דא איז ער
נאקעט און בלויז". ש. עטינגער, לידער,
ציט אויסג ווילנע, 1925, ז' 84.

2. זייער שלעכט/ קנאַפּ אנגעטאן.

1872 " ער וועט זיי פירן נאקעט און בלויז, אויפגע-
דעקט זייער שאנד". צור, תרל"ב, פרשה נח. 3085

... " נאקעט און בלויז האט ער זי מיר אפּגעשטעלט,
נאר מיט א לונגפעלער". פרץ, דראמאטישע שריפטן, 3234
ציט אלע ווערק VI, נ"י, 1947, ז' 332.

1970 " אין ליפּיע געפינען זיך ארום זעקס הונדערט

יידישע צוואנגס-ארבעטער, זיי זענען אלע נאַקעט און 3152

בלויז". יזב סאנץ, ת"א, ז' 730.

(פּויג)

3. אָרעם (מאטעריעל אדער גייסטיק).

... " דרייען מיר זיך ארום צווישן פרעמדע קולטורן,

...| פרעמדע , פארגעסענע, נאקעט און בלויזע ". 3232

באש, פאר, X /14.

לידיק און בלייז - דזוו דפוו, 2 , 2.

1888 " די גוטע שטילע טויב איז ארויס פון דער נעסט

לידיק און בלייז". ממוס, ווינטשפינגערל, 3233

ציט אויסג ... וואַרשע,...ז'13.
1913,

בלויזע חתימה - |סטוטש 498|. (שלש) אָרעמאַן, קבצן.

פון בלויז וואסער קאן מען קיין קרופּניק ניט קאכן (שוו) -

א) וועגן אן אומפּעיקן מענטשן אדער שלימזל, וואס

קיין תכלית קאן פון אים שוין ניט זיין;

ב) אן געלט קען מען קיין געשעפט נישט מאכן.

ג) צו מאכן עפּעס מוז מען האבן די נייטיקע (גוטע)

מאטעריאלן.

בלויז ווערן - (עלט?) ארעם/פאראַרעמט ווערן, בלייבן אָן גאָרניט.

1895 " האט ער פונעם לעצטן פארמעגן זיינעם פארשוועדעט פיל געלט |...| און אין א קליינער צייט איז ער ארעם און בלויז געווארן". איבז י. טרובניק, דר. פהיליפזאהן, רבי יהודה הלוי, ווילנע, ז'46.

ם בלוש/בלוס/בלאס.

---> 2.

|. ?..| " אזו נאקיט אין בלופין העמד קומט זיא פאר איר פאטירש הויז". ספר מעשה נסים, נ"י, ציט אווע, III, 1862, ז' 475. 3210

---> 3.

1610 " אונ' דער דא |...| גיבט דען הונגריקן צו עשן אונ' דען בלושן קליידר". טח, הפטורה, ישעיה 3280
נח - ז.

1676 " אונ' ווען איין פרויא אליין איז אין איינם |...| דא טאר זיא וואל ניט נקיט גין אודר מיט בלאסן קאפפ. דיא הייליג שכינה איז איבר אל". ברנט שפיגל, 3186
פפד"מ, פרק יד.

1723 " |...| האבן זיא וואשיר שטיין אלז זיא גלייך וועשין קענין ווען זיא זיך זעלטן קראצן אודר אן בלוסין לייב אן רירן". שמחת הנפש, I, אמשטרדם, 3103
מז/ד.

4. ליידיק, אָן גאָרניט.

1676 " דען קומט ער |דער מענטש| בלאס אויף יעני וועלט אונ' הט ניקש אויף דער וועלט". ברנט שפיגל, 3187
פפד"מ, פרק ד.

בלוסי שווערטיר.

XV י"ה "|...| צווישן זיך אונ' מיכל ליגט ער
3164 מולט איין בלוש שווערט". שב, סטראפע - 657 - 658.

1661 " דא שפראנגן זיא איבר איין אורפלוצלינג אונ'
3146 אירי שווערטר ווארן בלוס אין אירן הענדן אונ'
זיא שלוגן איין אונ' זיא טיטטן איין". יוסיפון,
אמשטרדם, ז' ט/ב.

1716 " |...| פיר מאל הונדרט טויזינט מאן פוס גיאר
3219 מיט אויז גיצאגיני בלוסי שווערטיר". סהמ|||,
שופטים, ווילהרמרשדארף, דף לה - II.

באקיט אונ' בלוס/נאקינט אונ' בלוס/נאקנדיג אונ' בלוס -

1661 " |...| זיא זאסן |זיינען געזעסן| נאקנדיג אונ'
3189 בלוס אונ' |אן| קליידר |...|". יוסיפון,
אמשטרדם, דף נב - 2.

1696 " |...| אונ' דייך האר ווער גשפרושט אונ' דוא
3165 ווארשט נאקיט אונ' בלוס". |סידור| תפלה למשה |...|,
דעסוי, דף רד - 1.

1723 " דען מיר האבן קיין ברוט אין אונזר הויז,
3215 דערבייא זיין מיר גאנץ נאקינט אונ' בלויס".
ברכת המזון (זמירות למוצאי שבת), אמשטרדם, דף כג/א.

ב ל ו י ז ו כ ט - די, בא. (מעד) הארצקראנקייט?
פוך הארצפעלער (דאט בלויע אויסזעך פון פנים)? סומפטאם

1938 " איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פון א מיט-
3267 געבוירענעם הארצפעלער איז בלויזוכט מיט א פארשווערטן
אטעם". איבז מ. מארק, ב. הערצפעלד, מוטער
און קינד, ריגע, ז' 146.

~~ב ל ו י ז י ר ע ר ס - דאס, בא. (פעמיע) איינער פון~~

בלױזיִערס - דאס, **בא.** (**כעמיע**) איינער פון די גיפטיקסטע גאזן אין דער נאטור, **ווען** ציאַן-וואסערשטאף, באקומט זיך פון ציאַן-קאַלי, ווי אויך ביים דעסטילירן ביינדלעך פון קארשן, פערשקעס און ביטערע מאנדלען.

(עסט? בייגל?)

בלױזן זיך - **אוטוו.** א סך אויסגעבן אויף עפעס, אוועקגעבן אלץ פון זיך.

... " דער טאטע **בלויזט זיך** דאך צו צאלן פאר דיר שכר-לימוד |...|". **צ' טאג**, **טריבונע פארן פאלק**, |ווען?|. 3269

בלױיִק - → **בלאיק.**

בלױיִקן - **אוטוו.** (**שנש?**) ווערן/זיין בלוי.

|?..| "אט **בלויקט** שוין דער הימלשער צעשפרייט". נ. י. גאטליב,.... 2951

בלױלינג - דער, =ען. |**סטוטש** 247|. מין פלאַטערל.

בלױלען זיך - **אוטוו** |**שנש?**| ווערן/זיין בלוילעך.

1944 " עס **בלוילען זיך** שאטנס". **נאד**, **מגדה אני**, נ"י, ז' 116. 2963

בלױם - 1159 (**דיאל**) **בלום.**

ב ל ו י מ יי ז ע - די, =ס. |סטוטש 247|.

--> בלויערל.

?נ? ב ל ו י נ ע I - די, =ס. |סטוטש 420| (מעד) בעלמע אויפן אויג; קאטאראקט.

............................................................

באמ: געוויס מיינט עס בלאנע.

............................................................

(?נ?) ב ל ו י נ ע II - (גנ) נאמען פון א שטעטל אין פוילן.

/7 בלוינער הזירים, בלוינער ליקעס - צונעמענישן פאר די איינוווינער פון שטעטל.

ב ל ו י ע י א ג (ע) ד ע - די, =ס. |סטוטש 258|.

דזור שווארצע יאגדע (Vaccinium myrtillus joll).

E: blueberry

ב ל ו י ע כ ץ - --> בלאעכץ.

ב ל ו י ע ן (ז י ך) - --> בלאען (זיך).

ב ל ו י ע ר א ד ל ע ר - דער, =ס. מין אדלער.

1856 " דאַרטן ביי דעם העלפאַנטפּלוס געפינען זיך
צווייערליי אָדלערס |טעקסט: אַדלעריך|, |...| איינעם 2814
רופט מען דעם בערגאָדלער און דעם אַנדערן |...|
דעם בלויען אָדלער, ווייל ער איז זייער בלוי".
אמד, איי הים, ווילנע, ז' 17.

בלויער וואַלפיש - דער, מצ דז. |סטוטש 247|.
מין וואַלפיש (ווסנ. Balaena L.), וואַסער־זויגער.

1967 " אין |...| אַרקטישן אָקעאַן געפינען זיך פיל
|...| באַשעפענישן, דערונטער די גרויסע בלויע וואַלפישן". 3028
מ. יאַקובזאָן, פֿאָר, III/19.

בלוירל - דער, =עך. זינגפויגל פון דער
שפּערלעך־משפחה, (ווסנ Sialia sialis), אויך
בלויפויגל.
R: синица
E: bluebird

1935 " צווישן די זעגל־סאָסנעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן
קרייצשנאָבלען און בלויערלעך |...| לאַנגעקיקע |...|, 3031
וועלטן שיינע". איבז נ. לוריע, מ. גאָרקי,
אַ מענטש באַ לייטן, קיעוו.

1940 " אַ פּיקהאָלץ קלאַפּט // און אַ בלויערל זינגט".
ב. אַליעווטקי, לידער, מאָסקווע, ז' 119. 3034

1960 " די בלויערלעך ( 'בלו בוירדס' ) |...|
זיינען טאַקע שיינע זינגערלעך |...|". י. וואַלאַך, 3037
טמז, X/9.

בלויער פוקס - דער, =ן. 1. מין פוקס
(Canis vulpes אלן), לעבט אין די פּאָלאַרע און ביי־פּאָלאַרע געגנט
גערופן אַזוי צוליב דעם קאָליר פון זיין פעל.
% דער יעגער האָט געכאַפּט אַ בלויען פוקס אין דער
טונדרע.

2. די פעל פון אַזאַ פוקס. % זי טראָגט אַ קאַלנער פון
בלויע פּוקסן.

בלויפויגל - דער, =~ פייגל. |סטוטש 247|.
R: синица
דזוו בלויערל.

1924 " דער שיינער גרויסער בלויפויגל נערט זיך ס'רוב מיט אינזעקטן". איבז א. איטעל, א. שמייל, זאאלאגיע, ווילנע, ז' 87. 2939

בלויפיש - דער, מצ דז' |סטוטש 247|. פיש מיט קיילעכיקע בלויע שופן (ווסב (Novacula caerulea.

בלויפליג - די, =ן |סטוטש 247|. בנב.

בלויצייג - דאס, בא. |סטוטש 524| . גרופע שטאָפן (טעקסטיל) געניוער בנב.

............................................................

989: ביי אונדז געווען א ווארט "ווייסצייג" פאר צייג אויף ליילעכער, ציכלעך, העמדער, אבער 'בלויצייג' נישט געהערט).

............................................................

ב ל ו י ק ע פ ל – דאס, =ער. |סטוטש247|. מין פלאטערל.

ב ל ו י ק ר יי ג א ז – דער, בא. גיפטיקער גאז
פאר מיליטערצוועקן, וואס די דייטשן האבן געניצט
אין ערשטן וועלטקריג. |אפשר דאס זעלבע וואס
איפריט? 2966/א

ב ל ו י ר ע ג ן – דער, בא. קלעטער פלאנץ פון
דער משפחה מאָטלבלומיקע ( ווטב *Vistaria chinensis*).
*R/p: glicynia*.

1964 " פאראן א ווונדערלעכער קלעטערפלאנץ, וואס
רופט זיך אויף ענגליש 'וויסטעריא'. יידיש הייסט
עס בלויערגן". י. וואלאך, טמז, VIII /23.

1965 " ווי שיין עס בליט די בלעטערנדיקע וויסטעריא,
בלויערגן אויף יידיש, גליציניא – אויף רוסיש". 2968
דצוו VIII /29.

ב ל ו י ש ט יי ן – דער, בא. פפ בלאָשטיין.
1. (מינ) שיינער בלויער שטיין, געניצט ס'רוב צו
באצירונג אין בויארבעטן, גערופן אויך: לאפיס(=לאזול/
לאזור), לאזורשטיין, (ל)אזוריט.

1961 " אין מאָנהעטן געפינען זיך נאענט צו 200 מינים
|...| צינ(?)שטיינער ווי |...| טאָפאַז, שמערגל און 2971
בערנשטיין, |...| אניקס, גראנוליט און בלוישטיין".
י. וואלאך, טמז, VI /4.

2. (כעמיע) קופער-סולפאט (*Cuprum sulphuricum*)
פארבינדונג פון קופער מיט שוועבל־זייערס (פארמולע
*CuSO4*) |ס. פיינסטאון, כעמיע, נ"י, ז' 255|. 2975
ווערט געניצט ווי א פארבשטאף און צו אנדערע צוועקן.

1884 " |...| למשל, אז מע פארמישט אַלעום (שוועבל-
2948 זייערע) מיט קופּער ווערט דערפון בלאַשטיין".
י. טשערני, ייפאל נ׳ 20, ז׳ 318.

3. זאלב אדער פליסיקייט פון דעם דאזיקן שטאָף פאר
דעזינפעקציע אדער היילונג. % מע דארף שמירן
די אויגן מיט בלוישטיין.

1907 " מיט וואס פאר א דעזינפעקציאָן-פליסיקייטן
2920 ס׳איז גלייכער צו באנוצן זיך |...|, אויף 100
חלקים וואסער - 5 חלקים בלוישטיין |...|".
י. ליאַקומאָוויטש, אינפעקציעזע קראנקהייטען און
חאלערא, פעטערבורג, ז׳ 39.

1907 " אוי, ווען גאט העלפט מיר און אייגענעם בלוישטיין,
2969 וואלט איך אפשר געקאנט זען מיין טאטע-מאמע".
ש"ע, מאטל פייסי I, ~~[illegible]~~
ציט אויסג.. נ״י, 1937, ז׳ 247.

בלרישפּאַט - דער, באַ. מינעראל.
(E: azurspar)

בלום |ווייכער ל| - די, =ען, פּפֿ (דיאל זן)
בלוים, בלאם, בליים, פּקפּ בלימל, זן דיאל בליימל,
בלימכל. 1. ארגאן פון פארמערונג ביי זאמען-
געוויקסן. % סימעטרישע, אַסימעטרישע בלומען.
די בין זייגט דעם נעקטאר פון דער בלום. די
בלומען פון א סאַטנע זיינען צווייגעשלעכטלעכע.

... " דאס פאלק איז אן אייביקע בלום. |...| קוים
3332 אדער קומט די פינצטערע נאכט, מאכט זי זיך צו,
קארטשעט זיך איין". פרץ, אלע ווערק, ציט אויסג,
נ"י, 1947, ב׳VIII, ז׳ 17.

בל - 240.

1920 " ווען דאס שנויצל |פעסטל| ווערט באשטויבט מיטן בלומענשטויב פון אן אנדער בלום, |...| אנטוויקלען זיך אין בלום א סך געזונטע זאמען". איבן ד. האכבערג, א. שמייל, געוויקסן, מאסקווע, ז׳ 195. 3511 באש 546

1944 " א געוויינטלעכע בלום באשטייט פון די געשלעכט-ארגאנען און פון דער הילע. די געשלעכט-ארגאנען |...| זיינען די פעסטלען (די ווייבלעכע) און די שטויבגעפעסן (מענלעכע). א. גאלאמב, אלענט, נ"י, ז׳ 483. 3511/א

2. (ס׳רוב אין מצ) דאס גאנצע געוויקס, וואס האט אזעלכע פארמערונג-ארגאנען. % א בוקעט בלומען. אין גערטל וואקסן אלערליי בלומען: רויזן, נעגעלעך, טולפאנען.

1856 " |...| זייער פיל קראנציך |קרענץ| פון בלומען". אמד, הנסיון, ווילנע, ז׳ 4. 3311

1909 " ווי א בלימל אין פעלד, // ווען עס עפנט זיך אויף נאכן רעגן |...|". סעג, שטילע טרוימען, ווארשע, ז׳ 29.

1911 " דעם מאנטל פון יונגע, פרישע תבואות, געשפרינקלט מיט בלומכעלעך ביי די קאנטן". ממוס, די קליאטשע, ווארשע, קאנק 1261900.

באמ: אפשר איז עס פתם א גרייז?

1960 " און די וואס האבן ליב בלומען, זעען ווי עס וו וואקסן רויזן און בעז |...| אסטרעס און כריזאנטעמען |...| פיאלקעס און לאנדיש, און ווו זענען די טייערע מארגאריטקעס |...|?". ד"ר וואלאך, צ׳ טאג, VII/24. 3335

3. (פיג) דאס שיינע/אויסגעקליבענע פון עפעס, דאס בעסטע. % אין דער מלחמה איז געפאלן די בלום פון דער יוגנט. צו דעם באל איז געקומען די בלום פון דער הויכער געזעלשאפט.

1872 " ווער קען אונדז ערוב זיין, א צייט אונדזער לעבן וועלן מיר נאר אויף בלומען פון גליק טרעטן?". 3468
גבי"ר מווילנע, הגמול, ווילנע.

1932 " איז ארויס א גזירה פון די שטערנדלעך, די בלימעלעך פון הימל: ווערן זאל פון פייגעלע א בלימל". 3468/א
אשט, משלים,..... קאנק 263/443 -VI.

1960 " |...| וויל איך ווייטער אריינפלעכטן א בינטל בלומען אין דעם יידיש-ווייבערישן פרנסות-קראנץ". 3442 / בי-1429
מ. וו. בערנשטיין, יישפ XX - I.

|| בלומהאפטיק - אדי/אדוו. (שנש?) ווי א בלום, מיט די אייגנשאפטן פון בלומען.

1957 " באדלער, וואס דאס שלעכטע איז פאר אים געווארן בלומהאפטיק, האט פון דעסטוועגן געוואוסט, אז שלעכטס איז שלעכטס". 3352
צייט, צ' טאג, VIII /23.

בלומיק - אדי/אדוו. 1. (וועגן געוויקסן) וואס האבן בלומען. % בלומיקע געוויקסן |סטוטש| 249|.

2. ווי א בלום, מיט די אייגנשאפטן פון א בלום.

1920 " |...| האט דער מיטל-אלטער געטאנצט דעם טויט אויף די קארנאוואלן |...| זיינע טרוקענע ביינער - פארהילט אין די בונטסטע, בלומיקסטע געוואנדער". 3357
דא, שווארץ-רויט, ווארשע, ז' 79.

1923 " דער ריח פון זיין זאנפטער גוטסקייט שימערט
אויף שוין בלומיק [illegible] ארום אונדז". י.י. סיגאל,
מיין שטוב און מיין וועלט, ווילנע, ז' 53.

3. (וועגן רייד) בילדעריש, געהויבן, מליצהדיק.
% דער רעדנער באניצט זיך מיט א בלומיקער שפראך.

אנבלומיק - אדי/אדוו. (וועגן געוויקסן) וואס האבן
ניט קיין בלומען |סטוטש 249|.

בלומיקייט - די, בא. 1. (וועגן געוויקסן) די
ספעציפישקייט פון פארמערן זיך דורך בלומען|סטוטש 249|,

2. (פיג) קאליריקייט אדער שמעקעדיקייט פון בלומען,
1973 " אין אט דעם יום-טובדיקן שפיל פון ליכט,
בלומיקייט און גרינס האבן זיך געדרייט די געסט
צום קלאנג פון ווינער וואלס". ח. ראזענפארב,
דער בוים פון לעבן, III, ב'... ז' 46.

3. (פיג וועגן שפראך) פארביקייט, געהויבנקייט,
מליצהדיקייט. % די בלומיקייט פון זיינע רייד
די פוסטקייט פון אינהאלט.

בלומענדיק - 1. דזוו בלומיק, ב 2.
1929 " כ'וועל פאלן שטום - אן אויפגעבליטער בוים,
// כ'וועל בלומענדיק [illegible] אין רויטן אונטערגאנג 3358/א
פארגיין". מק, פאעמען, ווילנע, ז' 164.
... " און פון גליק די אויגן גלאנצן // בלומענדיק
[illegible] און ריין!". בראד, גש,... ז' 97. 3561

2. דזוו בלומיק, ב 3.

1916 " א שפראך א גלאטע, א רייכע, א בלומענדיקע".

שע, פונ'ם יאריד II.... 3559

בלומענדיקייט - די, בא. |סטוטש 374|. דזוו בלומיקייט ב' 3.

בלומענווייז - אדוו. איין בלום נאך דערצווייטער, א בלום נאך א בלום.

1972 " דזשוניע האט געצופט די בלעטלעך פון אקאציע-בוקעט...דער בוקעט איז בלומענווייז, בלעטערווייז געפאלן פון אירע הענט". ח. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן II, ת"א, ז' 156. 3564

בלומעניש - דאס, בא. (שנש?) אן אנזאמל/אויסמיש פון א סך בלומען.

1956 " |...| בעת כלערליי בלומעניש, // מאך און גראזעניש ציט זיך ארויף-ארויף". ק.קליגער, פייזאזשן פון ישראל, ב"א, ז' 30. 3568

בלומערל - דאס, =עך. פקפ (? ) פון בלום; בלימעלע.

1898 " און אט אזא זים |...| ציקאווע וועלטעלע, מיט די אלע פיטערלעך און בלומערלעך האב איך |...| פארלוירן בחינם איבער מיין נארישער פלוניתטע". 3570

יל, ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנע, ז' 32.

בלומעריי - 1. דאס, בא. דאס פארנעמען זיך מיט האָדעווען בלומען |סטוטש 251|. % איך נגב פארנעמען זיך א סך מענטשן מיט בלומעריי.

2. די, =ען. א קראם פון בלומען. % פרייטיק לייזן די בלומערייען אין ירושלים א סך געלט - אלע קויפן בלומען לכבוד שבת.

**געבלום/געבלים** - דער/דאָס |סטוטש 249|. באשטאנד פון בלומען אויף איין שפּיץ פון א שטענגל. % טייל געוויקסן האבן נאר איין בלום אויפן שפּיץ פון א שטענגל, ביי אנדערע האט יעדער שפּיץ א גאנצן געבלום, א געזעמל פון בלומען. % הענגל-געבלום, קארבגעבלום, קעפּל-געבלום |סטוטש 249|.

0 **בלומען-אוירינגל** - דאס, =ען. (באַט) מין געבלום ביי געוויקסן.

1929 " פון די הוילע צווייגן הענגען זיי אראפּ, ווי לאנגע, געל גרויע קוטסעלעך. |...| יעדער קוטעסל איז א גאנצע זאמלונג פון קליינע בלימעלעך, וואס זיצן אויסגעזעצט אין איינעם, ווי ארום אן אקס. אזא בלומען-זאמלונג (געבלום) ווערט אנגערופן בלומען-אוירינגל". י. בורטיאנסקי, דאס געוויקס און זיינע נוצען, קיעוו, ז' 170. 3385

**בלומען-איינהיל** - ← בלומען-הילע.

**בלומענאקס** - די, =ן. דער שפּיץ פון שטענגל ארום וועלכן ס'זיינען אויסגעזעצט די בלומען.

1922 " יעדער שטענגל |פון ווייץ| ענדיקט זיך אין דער הייך מיט א זאַנג פון |...| ניט-קאלירטע בלומען. 3390 ווען מען רייסט אראפּ אלע בלומען, בלייבט דער בלומענאַקס". איבז א. גאלאמב, ג. באטש, געוויקסן I, ווארשע, ז' 65.

<u>בלומענבייט</u> - די, |<u>סטוטש</u> 251|. שטיקל באדן
פאר בלומען, ס'רוב אין דער פארמע פון א פארמאכטער
געאָמעטרישער פיגור ( קרייז, ראמב <u>אאע.</u>); קלומבע.
% די <u>בלומענבייט</u> האב איך געמאכט ווי א מגן-דוד.

<u>בלומענבלעטל</u> - דאס, =עך |<u>סטוטש</u> 249|. <u>דזוו</u>
קרוינבלעטל (--> <u>בלאט/בלעטל</u>).

1951 " הינטער די <u>בלומבלעטל</u>-ברעמען// פון דיינע
מיך טראגנדיקע אויגן". <u>מ. שווייד</u>, <u>אלע לידער</u>, 3345
נ"י, ז' 84.

<u>בלומענבעט</u> - דאס, =ן. 1. <u>דזוו</u> <u>בלומענבייט</u>
|<u>סטוטש</u> 251|.

2. בלומען-בעכער?.

באמ: ביי סטוטשקאָוון איז דאס ווארט דא אין צוויי גרופעס: א) 251: בייט |...|, בלומענבייט|...| בעט, בלומענבעט, קוויטנבעט. ב) 249: בלומענבעט, בלומענשויס, בלומענפייל. דער צווייטער באטייט איז מיר ניט קלאר.

<u>בלומען-בעכער</u>(?) - דער/דאס, =ס. =עך, <u>פפ</u> <u>בלומבעכער</u>.
דער אונטערשטער טייל פון דער בלומען-הילע ביי געוויסע געוויקסן, דאס ארט ווו די בלום הייבט זיך אן, באשטייט פון גרינע בלעטעלעך, פרייע אדער צונויפגעוואקסענע.

1930 " ווען מיר וועלן אראפרייסן די בלעטעלעך פון
קריינדל, וועלן מיר באמערקן העל גרינע בלעטעלעך, 3400
דאס איז דאס <u>בלומען-בעכערל</u>, וואס האלט אונטער
די קרוינבלעטלעך". <u>פגעז</u>, נ' 14, ווילנע.

1966 " |...| ווי עס צעעפנט זיך א בלומבעכער ביים

אויפגיין פון דער זון". מ. צאנין, ארטאפאנוס [...] 4 3346

ת"א, ז' 33.

בלומען-גארטן - דער, ~ =גערטנער. גארטן פאר

בלומען, להיפך צו גרינסגארטן.

1936. " איך מיטן וועג, מיט א בלומען-גארטן ארויס-

גערוקט צום שאסיי, שטייט הערמאן לובלינערס הויז".

מ. בורשטין, גורל, ז' 3.

בלומען-געוויקס - דאס, =ן. געוויקס

וואס פארמערט זיך דורך בלומען.

בלומען-גערטנער (=ין, =קע) - דער/די.

מענטש וואס פארנעמט זיך מיט קולטיווירן בלומען.

בלומען-גערטנעריי - דאס, . דאס

האדעווען בלומען, פאך פון בלומען-גערטנער.

בלומען-געשעפט - דאס ; =ן. קראָם פון בלומען.

1930 " מיר איז איין מאל אויסגעקומען |...| צו

באזוכן א יידיש בלומען-געשעפט". דא, פון 3411

בערלין |...|, ווארשע, ז' 197.

1947 " די רויזן זיינען צעשיקט געווארן אין די

בלומען-געשעפטן |...|". רעד' ר. מאהלער, 3412

יזכר פשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 67.

בלומען-דופט - דער, =ן. שמעקעדיקער ריח פון

בלומען.

1910 " די אויגן אירע זענען בליצן, // דער אטעם -
ריינער בלומענדופט". ש. פרוג, אלע שריפטן II, 3413
נ"י, ז' 282.

בלומען-האדעוואניע - די, בא. [crossed out]
דאס קולטיווירן בלומען, בלומעריי, בלומען-גערטנעריי.

בלומען-האניק - דער, בא. 1. דער נעקטאר וואס
איז פאראן אין די בלומען. % די בין זייגט דעם
בלומען-האניק.

1924 " |...| דערמאנען אן גאנצע טשאטעס מיט זומער-
פייגל, // וואס זוכן בלומען-האניק צווישן קראפּווע". 3418
מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 69.

2. האניק פון בינען, וואס מאכן אים פון בלומען-נעקטאר,
להיפך צו קינסטלעכן האניק.

1966 " די שפייזן זיינען איידל, ווי בלומען-האניק
מ. צאניך, ארטאפאנוס [...] ת"א, ז' 270. 3416

בלומענהויב - די, =ן. (עלט) געבלימטער קאפּצודעק
פון פרויען |?|.

1843 " |...| געשטאנען פארפוצט אין א וועלאן מיט א
בלומענהויב". אד"ם, דער שפיגעל פאר אללע, 3419
ווארשע, ז' 16.

בלומען-הילע - די, פּם דער ~איינהילע, =ס [crossed out]
דער אויסנווייניקסטער טייל פון דער בלום.

1944 " די בלומען=הילע באשטייט פון א גרינ בעכערל
און פון א קאלירט קריינדל, וואס פון אים קומט די
גאנצע פּראַכט פון דער בלום". א. גאלאמב, אלע V,
נ"י, ז' 483.

בלומען-הענגל - דאס, =עך. דזוו געבלום.

1936 " און גאט דער דערציער האט געהאלפן די הייליקע
ישראל, וואס זיינען געגליכן צו [ע] בלומען-הענגל". 3423
מחזור ע"ס, בית ישראל |...|, פסח II, ווילנע,
ז' 167.

בלומען-וואזאן(ע) - די, =ען /=ס. דזוו בלומענטאפ.

1927 " |...| די כלי איז אויך נישט קיין בלומען-
וואזאנע, // אזא ווי מע זעט ביי א פריצישער טיר". 3424
מלה, אין ניו-יארק, ווארשע, ז' 48.

בלומען-וואזע - די, =ס. [illegible]. שיינע כלי
פון גלאז, קרישטאל אע צו האלטן אין שטוב בלומען
אין וואסער. % דעם געבראכטן בוקעט רויזן האט
מען אריינגעשטעלט אין א קרישטאלענער בלומען-וואזע.

בלומענזאפט - דער, =ן, פּפּ בלומזאפט. דער
נעקטאר וואס געפינט זיך אינעווייניק אין בלומ[illegible]

1951 " בלומענזאפט איז געווען לרוב, און די בינען
|...| האבן ניט געטארט אוועקגעטראגן ווערן פון 3429
שטראם". א. קאצענעלנבאגען, זב ליטע I, נ"י,
ז' 336.

בלומענטאפ - דער, =~ טעפּ, פּקפּ~טעפּל. כלי
(ס'רוב פון ליים) אנגעשיט מיט ערד, צו האדעווען
שטוביקע געוויקסן; וואזאן(ע)..

1860 " אויך טאר מען נישט אום שבת אויף בלומענטעפּ
גיסן וואסער אדער שטעלן אויף דעם רעגן". איבן 3447
|ווער?|, דרך אדם |...| ווארשע, דף יט - ב.

1884 " די שענסטע בליענדע ראזע, ווען מען זאל ארויס-
נעמען פון איר גארטן און איבערזעצן אין אן אויס-
געפוצטן בלומענטאפּ, ווערט זי צו גארנישט".

י. ד. טאיב, דער קדיש |...|, ווילנע, ז' 61.

1926 " שיט אן איין צוויי בלומענטעפלעך |...| מיט
גרויסקערנדיקן זאמד |...|". יאכ I, קיעוו, 3451
ז' 154.

**בלומענטוי** - דער, בא |סטוטש 223|. |באטייט? עקטאר?|.

באמ: ביי סטוטש איז דאס ווארט דא אין דער גרופע
'נאסקייט, וואסער' אין דער ריי: אוונטטוי,
פראסטטוי, בלומענטוי, האניקטוי.

**בלומענטוך** - דער/די, =שנבער, פפ (עלט) בלומטוך.

1. געבלומטער שטאף אויף בליידלעך.

2. געבלימטע שאל, קאפצודעק פאר פרויען.

**בלומענטיי** - די, =ען. טיי ניט פון אייגנטלעכן
טייפלאנץ, נאר געמאכט פון געוויסע געטריקנטע בלומען/
בלעטער (אשטייגער פון ליפע אע), ס'רוב געניצט ווי
א היילמיטל.

1865 " פון שווארצן, גרינעם |...| און בלומענטיי
|...| זאל מען נעמען 15 קאר|יקעס| צאל פאר א פונט".
קמ, נ' 25, ז' 277.

**בלומען-טרייבל** - דאס, =עך |סטוטש 249|. ~~[illegible]~~ קנאב.

**בלומען-טרעגער** - דער, =ס. מין שטענגל ביי געוויסע
בלומיקע געוויקסן.

1922 " די בלומען פון לופטל זיינען צונויפגעקליבן
אין געדיכטע געבלימען, וואס רופן זיך קערבעלעך. 3453
די קערבעלעך האלטן זיך אויף אן אויסגעהוילטן
שטענגל, אן בלעטער - דעם בלומען-טרעגער, וואס גייט
ארויס פון מיטן בלעטער-ראזעט". איבן, א. גאלאמב,

ג. באטש, געוויקסן I, ווילנע , ז' 42.

בלומען-כוס |קאָס| - דער, =ות |קויסעס|. דזוו בלומען-בעכער.

1932.. " פאר מיינע פיינד טרינק איך זאפט פון יעדן בלומען-כוס". אשם, משלים, קאנק 169/251 -V. 3453/א

בלומען-מאכער(=ין, =קע) - דער/די, =ס. דער וואס מאכט קינסטלעכע בלומען (ביי הוטן-פּוצערייַ אע).
|סטאטיסטישע טאבעלע פון יודישע מייסטערס און געזעלן, צוגעדרוקט אין צעדערבוימס "המליץ" פון בערדיטשעוו". ווארשע, 1870|.

1870 " די |...| האט געלעבט איינציקע צייט אין ווילנע אלס בלומען=מאכערין". קמ, ג' 22, ז' 162 -I. 3457

בלומען-מיידל - דאס, =עך. פארקויפערין פון בלומען אין רעסטאראנען אע.

1961 " אויב עס זיינען דא קליינע בלומען-מיידלעך, איז ווינטשנסווערט, אז זיי זאלן טראגן דעם זעלבן קאליר קליידער |...|". מ. ראוז, פאר, VI/2. 3459

בלומען-מלכה |מאַלקע| - די, בא. (פיג) די בלום רויז. |מארק ווב 340|. ?נ?

בלומען-עסענץ - די, =ן. 1. פערפום, געמאכט פון געוויסע בלומען.

1960 " די געשיכטע פון פערפומען, שמעקנדיקע זייפן, בלומען-עסענצן איז א גאנץ אלטע". י. וואלאך, טמז, XI/27. 3463

2. דזוו בלומענטיי | פון עסענץ/פענץ - פטמ טיי|.

בלומען-פודינג - דער, =ען. מין טאָרט, קוכן.

1930 " בלומען-פודינג - מען קלאפט |...| זעקס געלעכער

מיט |...| צוקער-פודער, מען גיט צו |...| מעל, 3465

און אַנגעריבענע ציטרינשאַל |...|, מאנדלען |...|".

ב. שאפראן, יידישע קוך, ווארשע, ז' 71.

בלומענפלאנטן |ווייכער ל| - די, מצ. אלעען ארומגענומען

מיט בלומענבייטן; בלומען-גארטן. P: planty

1912 " ער זוכט זיך אויס אן איינזאמען פלאץ צווישן

די בלומענפלאנטן |...|. פאר זיין אויג קייטלט זיך

א קראנץ גרויסע בלוט רויטע וואסעררויזן |...|,

אין דער זייט |...| ציען זיך לאנגע בייטן פון

פארשיידנפארביקע בלאוואטקעס". רעד' ג. באדער,

יודישער פאלקסקאלענדאר, תרע"ב, לעמבערג, ז' 115. לב

בלומענפלאנץ - די, =ן. געוויקס וואס האט בלומען.

1916 " ווי ווייט דאס אנקעגנקומען צווישן די

בלומענפלאנצן און אינזעקטן גייט, ווייזן אונדז 3294

די פארשיידענע ארכידעען |...|". א. ש. זאקס,

דאס לעבן פון פלאנצן, נ"י.

1947 " די גערטנער-פערמע האט אנגעהויבן סך-הכל מיט

צען שילער און האט זיך צום ערשט באגנוגנט מיט 3472

בלומענפלאנצן". רעד' ר. מאהלער, יזב טשענסטאכאווער

יידן, נ"י, ז' 66.

בלומענפייל - די, =ן |סטוטש 249|. [illegible] קנ"ב.

בלומענפיסל - דאס, =עך. [illegible] דאס שטענגעלע

אויף וועלכן ס'האלט זיך די בלום.

<u>בלומענפעלד</u> - דאס, =~ ער. גרעסערער שטח וווּ ס'וואַקסן בלומען.

1914|1917 " איז געווען א פרייע לאנקע, // א געבענטשטעס <u>בלומענפעלד</u>, // זענען מענטשן דאָרט געקומען // און א צוים אוועקגעשטעלט". <u>סעג</u>, <u>ווען די זון פארגייט</u>, ווארשע, ז' 40. 3474

<u>בלומענצוכט</u> - די, <u>בא</u>. (<u>דטשמ</u>) דאס קולטיווירן בלומען; בלומעריי.

<u>בלומענקיישל</u> - דאס, =ער. מין געבלום, אין פארעם פון א קיישל.

1926 " תחילת דוכט זיך איך, אז דאס איז איין בלום, אין דער אמתן איז דאס א קעפל אדער א קיישל בלומען. |...| באטראכט די בלעטעלעך, וואס גארטלען ארום דאס <u>בלומענקיישל</u>". <u>יאכ I</u>, קיעוו, ז' 161. 3481

<u>בלומען-קולטור</u> - די, <u>בא</u>. ~~[illegible]~~ דאס האדעווען בלומען; בלומעריי, בלומען-גערטנעריי.

<u>בלומענקוסט</u> - דער, =עס/=ן. נידעריק צעצווייגטביימל מיט בלומען.

1934 " זי שענקט אויך ליכט דעם בלאס - // פענצטער - צום <u>בלומענקוסט</u> דעם העלן |...|". <u>מלה</u>, <u>לידער ב' II</u>, נ"י, ז' 124. 3484

<u>בלומענקנויל</u> - דער, =ן קנאספ, פרוכטקניפל.

<u>בלומענקראנץ</u> - א בינטל בלומען און בלעטער, צונויפגעפלאכטן אין דער פארעם פון א רינג.

193... " |...| און מיר זינגען, שפרינגען, טאנצן,
// און די קאָפּ מיט בלומענקראנצן |...|". בראד, 3502
גש,...

1970 " דעם לוויה-צוג האבן געעפנט בלומענקרענץ
פון אינסטיטוציעס |...|". פ. לייב, יזב זלאטשעוו,
ז' 124.

בלומענשוואל - דער, =ן. (דטשמ) א גרויסע כוואליע,
מאַסע פון בלומען.

1936 " און וואס האט ער דען ערגער נאך געהאסט, //
ווי 'סטרונעס גאלדענע', דעם פיינעם בלומענשוואל, 3502
// דעם גאנצן פאלשן |טעקסט:פאלטשן| דיכטערישן
טראסק". נאד, טינט און פעדער, נ"י, ז' 8.

בלומענשוויס - דער/די, בא? |סטוטש 249|. [illegible] בנק.

בלומענשטאנד - דער, בא. |סטוטש 249|. [illegible] בנק.

בלומענשטאק - דער, =ן. (דטשמ?) [illegible]

1910 " די גאנצע גרויסע וועלט האט געבליט און
בעדופעסט, ווי א פרישער בלומענשטאק". פּרוג, 3506
אלע שריפטן !!!, נ"י, ז' 3.

בלומענשטויב - דער, בא. דער שטויב, וואס געפינט
זיך אויף די שטויבפעדעם. און דינט צו באפרוכפערן די
פעסטל פון דער בלום; פּאָלען..

1926 " נעמט אראפ מיטן פענדזל פון די שטויב-פעדעם
|...| א ביסל בלומענשטויב און טוט דאס אריין אין 3509
דעם טראפן צוקער-צעלולאז וואס אויפן דעקגלעזל".
יאכ I, קיעוו, ז' 178.

1930 " איך מיטן פון בלומענקריינדל געפינען זיך די
שטויבפעדעם, אויף וועלכע עס האלט זיך דער בלומענשטויב". 3513
פגעז, נ' 14, ווילנע.

בלומען-שטענגל - דאס =עך. דאס שטענגל אויף וועלכן ס'איז אויסגעזעצט די בלום.

1963 " דיינע פינגער |...| שארן אפ דעם שטויב פון
בלומען-שטענגלעך". מ. שטיקער, טמז, 24/XI. 3515

בלומענשטרויך - דער, =ן. (דטשמ) קוסט (נידעריק ביימל) פון א בלומיק געוויקס.

1960 " די בלומענשטרויכן פאר די פענצטער און אין
גערטל זיינען נאך געשמאנען אפגעשיילטע". ב. רעסלער, 3518
טמז, 31/XII.

בלומענשטרויס - דער, =ן. (דטשמ) בוקעט, בינטל בלומען.

1913 " ביי יעדן שריט, אך, וואס ער דאן איר מאכט,
// ברענגט ער פיר זייך ליובען איין בלומענשטרויס". 3520
פל, ציט נ. פרילוצקי, יודישע פאלקס-לידער II,
ווארשע, ז' 113.

בלומענשייד(ל) - די/דאס, =ן/=עך. א לענגלעכע בלאט וואס נעמט ארום אונטן דאס בלומען-שטענגעלע ביי געוויסע געוויקסן, איידער די בלום אנטוויקלט זיך.

בלומען=שירעם - דער, =ס. [illegible] א געבלום אין דער פארעם פון א שירעם ביי געוויסע געוויקסן.

וואלדבלום/=בלימל - בלום וואס וואקסט געוויינטלעך אין א וואלד.

1910 " איך רייס דיר אויס א בלויע וואלדבלימל".
יהואש, נייע שריפטן, [2], ז' 97. 3299

פעלד בלום/בלימל – בלום וואס וואקסט געוויינטלעך אין א פעלד. % די קארן־שוועסטערלעך זיינען פעלדבלימעלעך.

פּעסטלבלום – ווייבלעכע איינגעשלעכטלעכע בלום, האט נאר א פעסטל.

שטויבבלום – מענלעכע איינגעשלעכטלעכע בלום, האט נאר שטויבפעדעם.

(?נ?)

משפחות פון געוויקסן: מאטלבלומיקע (Papilionaceae)

קארבבלומיקע (Compositae),

קרייצבלומיקע (Crusaceae)

רויזנבלומיקע (Rosaceae)

ליפנבלומיקע (Labiateae).

פפ: שיין ווי א בלום, בלוי ווי א בלימל צווישן קארן. בליען ווי א בלום.

זיין וועג איז ניט (געווען) אויסגעשאטן מיט בלומען – ער האט ניט(געהאט) קיין גרינג לעבן.

... "דער וועג פון שלמהלעס לעבן ביז אהער, ווען אפילו ער איז ניט אויסגעשאטן געווען מיט בלומען, דאך שלעכט האט מען אים ניט געקענט אנרופן". ממוס, שלמה ר' חיימס, .... ז' 99. 3334

אין בלום – אין סאמע בלי, אין דעם שענסטן עלטער.

1915 " פארשאטענע הייזלעך, |...| // דאך ווערן אויך דארט צייטיק הערצער, // אויך דארט שטייט די יונג־ 3297
.. ווארג אין בלום". י. ראלביק, לידער, נ"י, ז' 20.

אויף א מיסטקאסטן וואקסן נישט קיין בלומען (שוו) - פון א שלעכטער, פארדארבענער סביבה קען מען זיך ניט ריכטן אויף שיינע מעשים, פיינע מענטשן.

ם בלום, מצ בלומין/בלומן. מהד:

---- 1.

|1508?| " ופרחיה - אונ׳ אזא בלומן". רייכלין 8, שמות, כה - לד. 3361

1610 " אונ׳ דיא בלומן אונ׳ דיא צוואנגן גולדן אונ׳ דיא בעקן אונ׳ שישלן |...| אלש גולדן". טח, שמות (פקודי הפטורה, מלכים א׳, ז - מט + נ.) 3324

1728 " נעם |...| איטליכש איין הנט פול, אונ׳ פייאלין בלומין |...|". סור, כב - ב - I. 3375 / בו 3867

|| בלימל/בלומל/בלמלין. - מהד.

|1508?| " אורות - הייטר בלימלין". רייכלין 8, מלכים ב׳, ד - לט.

... " איין קרענצליין מכט ער אויז ווידן, // מיט וינן בלומליך אין דער מיטן". בבא, בור. קאנק 120/375 - II. 3361/א

1686 " און קום מיט מיר גאר באלד // אין דען גרינן וואלד // דורך דיא בלימליך אונ׳ רוזן גארטן |...|" ס׳ משלים, פפד"מ, דף ל׳ו, - I. 3539

בלומין וואשיר - [בלומענוואסער?.]

1728 " ווען איר דיא ברישט ה"ו שווירין, נעם איין פויל איי אונ׳ עסיק אונ׳ אלס בלומין וואשיר אונ׳ קנעט עז צוריק אנגדר ליג איר דרייא מאל אין טאג אויף". סור, מפ"ח, דף כז - I.

בלום ווערק - בלומען געמאלט אדער געהאפטן אויף
שטאף.

1668 " אונ׳ מיט בלואר זייד האט ער גיצירט דיא פור
3349 הענג אל צו מאל אונ׳ ער גאב אויף איינן איטליכן
פור האנג איין גאלדדני קרון גימאכט בלום ווערק".
יוסיפון, אמשטרדם, דף קפד.

1724 " ... | איז נאך איין פרוכת גוועזן פון געלי
3348 זייד | ... | אונ נאך גיצווערינטי ווייסי זייד מיט
טייטל | ... | און בלום ווערק גאר קונשטליך גיווערקט".
בית ישראל ובית הבחירה, אמשטרדם, תפ"ד.

|בלומעכט| בלומחטא - מהד: *bluom eht*
מיט בלומען, געבלימלט.

|1508?| " ופטורי ציצים - אונ׳ גוונדן |געוויקלט|
3566 שטריקא בלומחטא". רייכלין 8, מלכים א, ו - יח.
|תי: גועפנטע קווייטן|.

ב ל ו מ י נ ג | ווייכער ל | - דער, =ען. (טעכט) מאשין
צו באארבעטן מעטאלן (שטאל א"א). % דער בלומינג
פרעסט איין דיקע מעטאלשטיקער אויף דינערע פלאכע
שיכטן, בלעטער.

1962 " אינעם צעך, ווו עס ווערן באארבעט מעכטיקע
3353 קנופטיילן צו וואלץ געשטעלן און בלומינגען,
שטייט, צווישן אנדערע אן אוניקאלער אגרעגאט -
א שניצער פון ציינער פאר א טרייבראד". י. קערלער,
זש׳ סאוו היימלאנד, נ׳ 2, ז׳ 99.

1963 " סטעפאן אלעקסאנדראוויטש האט מיר אנגעוויזן
3847 אויף מיין ארט, איך זיץ א צונויפגעפרעסטער צווישן
בלומינג |טעקסט: בלוימינג| און רעלסנצעך".
ט. גען, אין דער היימשטאט, זש׳ סאוו׳ היימלאנד,
נ׳ 6, ז׳ 39.

ב ל ו מ ע ן - אוטוו. 1. באדעקן זיך מיט בלומען,

קריגן בליטן, בליען, צעבליען זיך.

... " געזעץ ווי די פעלדער גייען שיין אויף, זיי

בלומען שוין אָן עין"הרע". אש..... 3382

באַם: געפינען דעם מקור.

1930 " לאַטאַס בליט ווייס און ראָז, // בלומט אין

שטייק וואַסער // אונטער תמוז=זון". א. שומיאַטשער, 3366

אין שעהן פון ליבשאַפט, ווילנע, ז' 97.

2. (פיג) אַנטוויקלען זיך, צעוואַקסן זיך.

1910 " אין גאַליציע האַט דעמאַלט |טעקסט: דאַמאַלסט|

דאָס יידישע טעאַטער געבליט און געבלומט". 3370

י. גאַרדין, בילדער פון גאַליציען, נ"י, ז' 222.

|| געבלומט - פאַדי פון בלומען, וואָס איז מיט בלומען, באַבלומט.

1910 " און פערזן שפּראָצן אין געבלומטע רייען".

יהואש, נייע שריפטן, ז' 149. 3372

ב ל ו מ ע נ א י י ל - דער, =ן. (עלט) אייל (בוימל)

געמאַכט פון די קערעלעך("סעמעטשקעס") פון זונרויזן.

1864 " |...| די הידור-מצווה |פון ליכט צינדן| איז

צו צינדן (שמן זית) אויף קלאָרן בלומענאייל". 3387

הרב א. ברוידא, הליכות עולם, אונגוואַר, דף לח-ו.

ב ל ו מ ע נ ב ל ו ט - דאָס, באַ. "אימבער".

|א. לעווין, כ"י רוב, ב"א 1913|.

?נ? בלומענטאַנץ – דער, = ~ |סטוטש 515|.
[טאַנץ מיט בלומען?]

?נ? בלומען-יום-טובֿ |=יאָנטעוו| – דער, =ים.
|=יאַנטויווים|. [סטוטש]. יום-טוב לכבוד די בלומען?
פרילינג-יום-טוב?

בלומענסטיל – דזוו בלומענשפּראַך.

1964 " דא און דארט האט זיך אויפגעוועקט א רמז
אויף א טיפערן געדאנק, אבער אפילו דער אנווונק 3462
איז געווען איינגעוויקלט אין א בלומענסטיל".
נ. סווערדלין, טמז, 17/21.

בלומען-פֿויגל – דער = ~ פייגל |סטוטש 247|.
~~קאָליברי; [illegible]~~ |ווסנ| [Cynnyris osea]
~~געפינט זיך [illegible] ישראל [illegible]~~.
[טערמינאָלאָגיע פֿון ד. רויזנס איבערזעצונג פֿון י. שמואלס "זאָאָלאָגיע II", ווילנע 1921].

בלומענפֿליג – די, =ן. |סטוטש 247|. בנב.

?נ? בלומענקאַל – ---> בלומענקרויט.

בלומענקויל – ---> בלומענקרויט.

בלומענקער – דער, =ן. (דיאַל) קערן/קערעלע
("סעמעטשקע") פון א זונרויז.

1937 " די קינדער רייסן זיך ארום צוליב א פארטריקנטן
בלומענקער" מ. בורשטין, ביי די טייכן פון מאזאוויע,
ווארשע, ז' 108. 3490

ב ל ו מ ע נ ק ר ו י ט - דאס'די, בא. (באט)געוויקס (ווסב) Brassica botrytis) מיט א געדיכטן בלומענשטאנד, געניצט ווי א שפייזגרינס, גערופן אויך קאַלאַפיאָר (P: kalafior) עלטערער (דטשמ?) נאמען בלומענקאָל/בלומענקויל.

1901 " |...| נידעריקער מאכט מען דעם פּאַרניק, אויב מען וויל איך אים לאזן וואקסן פריִיִקע גרינס, למשל, בלומענקרויט, קארטאָפל אאז"וו". דער לאנדארבייטער, לוח פאר קאלאניסטען, ערשטער יאהרגאנג, ווילנע, ז' 99. 3493

1922 " איך בלומענקרויט האבן זיך די בלומען-פיסלעך מיט די אייבערשטע בלעטער פארוואנדלט צו א ווייכער פליישיקער מאסע". איבז א. גאלאמב, ג. באטש, געוויקסן II, ווארשע, ז' 25. 3492

1926 " 1 גלאז קאליפלאָור (בלומענקרויט) צעהאקטע |...|, דעמאלט מיט די ציבעלע און מערן, מישט אריין די אויפגעשלאגענע איי, פוטער |...| מאכט קאטלעטן|...|". מעשולאוו, וועגעטאריאנער קאך-בוך, נ"י, ז'121. 3498

ב ל ו מ ע נ ר ע ד ל - דאס, =עך |סטוטש 527|. (שוסטעריי) פוץ-מכשיר ביים אויספארטיקן א שוך.

ב ל ו מ ע נ ש פ ר אַ ך - די, בא. (פיג) שיינע, רעטארישע רייד, פול מיט פארגלייכן, מעטאַפאָרעס אַע; מליצה.

1927 " זי האט אבער געהאט א ראמאנטישע נייגונג צו דער בלומענשפראך פון 'שיר השירים' |...|". ח. קראסנאסעלסקי, דאס איבערגעלעבטע, ווילנע, ז' 79. 3526

[1945 ?] " |...| מיט א גאלאנטפולער בלומענשפראך |...|".
זש, קיסר און רבי [?I], נ"י, ז׳ 131. 3527

באמ: דערגאנצן די ציטאטע!

(?נ?) בלומערס - די, מצ. (אמ)קורצע הייזלעך פון פרויען |סטוטש 522|.

(?נ?) בלונקיען - אוטוו. (לאקל, הארדאק, וויטעבסקער קרייז) בלאנקען. "א גאנצן טאג האט ער געבלונקייעט איך וואלד" |קטוו|.

באמ: דאס ווארט אליין איז אויך פון "קטוו". דארף מען עס ארויסרעדן ווי ס׳איז געשריבן (blu....) אדער ס׳איז א פארהעבגרעשטער "בלאָ"?

ם |בלוסט| בלוּשט - [דער?] MHD: BLUOST. . בלייעכץ.
|1508?| " מלוח - בלהשט, כמ פרחי אילנות, "א׳ ל׳ עשב".
רייכלין 8, איוב, ל - ד. |תי: מלוח - זאלצקרייטעכץ.
אבן-שושן טייטשט: "מלוח - שיח-בר ממשפחת הסלקיים" ["ATRIPLEX"

(?נ?) בלופּרינט - דער, =ן. (אמ) " דער ציאנאָטיפּ, פלאן, די סכעמע" |אווו|.

(?נ?) סבלוצלינג - אדוו.פלוצעם.

|XVI| "כחתף - אזא איין אוגן בליק, י"א בלצלינגן,
ל' פתאום". רייכלין 8, משלי, כג - כח. 5555

(?נ?) בלוקייען = אוטוו. (סל, נא) בלאָנקען,
בלאָנדזשען, ארומדרייען זיך.
Ик: блукати
В: блукаць

(?נ?) בלוקען - אוטוו. (סל, נא) בלאָנקען,וואנדרעווען.
% "אין די ווינטערנעכט ___
בלוקען וועלף דא סטייעסווייז". |קטוו|. 3580
Ик: блукати.
В: блукаць.

(פ(א))
בלוקעבייען זיך - אוטוו.בלוקענאיען זיך.
(דיאל, ליטע?) ארומבלאָנקען, וואַגלען, ארומדרייען
זיך, ארומשלעפן זיך.

1887 " אז עס איז שלעכט |...| אין דער פרעמד, איז
דאס בעסטע דאך צו גיין צום טאטן, אפילו אז ער איז 3585
אן ארעמער, א קארגער טאטע, ווי צו בלוקענאיען זיך
צווישן גאר פרעמדע בעלי-בתים". יפאל, נ' 17,
ז' 250.

1910 " בלאנדזשעט דארט דאס פארקלעמטע הארץ פון די
אבלים, בלוקענייעט זיך דער ווילקאַלאַק, דער יאמער 3584
איבער די טרויערשטעגן". גמר, שריפטן IV, ~~ווילנע~~,
פאעזיע, נ"י, ז' 293.

1957 " די קינדער |...| בלוקענאיען זיך ארום איבערן
שטוב ווי אפגעשלאגענע שעפסן פון דער סטאדע". 3587
מ.י. שעליובסקי, אין דער וועלט אריין, ~~ווילנע?~~| ב"א,
ז' 155.

ב ל/ש ט ש - ←-- בלישטש.

(?ג?) ב ל ח י ש ה |בילכישע| - אדוו. (לל) דזוו בלחש.

1957 " צווישן די |מעשיות| |...| איז פאראן א
גרויסער טייל |...|, וועלכע זענען איבערגעגעבן 3591/ו
געווארן בלחישה |...|, ניט מגלה צו זיין".
לדב, נ"י, ז' צ"ח.

ב ל ח ש |בעלאַכאַש| - אדוו. (לל) ניט אויפן קול,
פאר זיך, שעפטשעניק, שטילערהייט. % זאגן תפילה
בלחש. דאוונען בלחש.

1832 " דער בעל-תשובה |זאל| זאגן דעם ווידוי פון
על-חטא דווקא בלחש |...|". פוקח עורים, 3592/ד
שקלאוו, אות ה'.

............................................................
באמ: אויסלייג מאדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?)
............................................................

1883 " נאך קריאת-שמע |...| דארף מען ווידער צו
דאוונען שמונה-עשרה בלחש און מען זאל האבן גרויס, 3592/א
יראה". נופת צופים, מגלת אסתר, ווילנע,
ז' 86 - II.

1936 " |...| די מוטער האט דערויף געענטפערט מיט
א פרומען קללה-שעפטש, ווי א תפילה בלחש". 3593
ש. האראנטשיק, שטארקע מענטשן, ציט אנט, ז' 187.

1971 " |...| ביז אנגעהויבן זינגען כ'האב א ליד //
בלחש, אז דער טאטע זאל ניט הערן". ב. העלער, 3597
א בוים איך אוונט, ת"א, ז' 96.

|| =דיק |בעלאַכאַשדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו.

1959 " די שעה איז אזוי הארב // אין בלחשדיקן וויי".
י. צ. שארגעל, פון וויי און גלויבן, ת"א, 3602
ז' 142.

1968 " מיט בלחשדיקע טריט בין איך אראפגעגאנגען
פון די טרעפ, ניט אויפצווועקן די שמונה־עשרהדיקע 3601
שטילקייט |...|". חג, דער מאמעס שבתים,
טמז, 26/VII.

ב ל י I - דער, בא. 1. בליִעכץ, בליטן, צעעפנטע
בלומען.

1959 " ווידער און ווידער פרילינגט דער פרילינג,//
א לויב זיין בלי, וואס דערקוויקט אונדז". 3603
ש. שנהוד, זש' איק, פסח-נומער, ז' 74.

1966 " און מער ווי דו אנטפלעקסט, דו האלטסט אין
זיך פארבארגן,// ווי פרילינגבלי, וואס דארף
ארויסשפראצן ערשט מארגן". האל, מיין אוצר,
מאסקווע, ז' 127.

2. (פיג) אויפלעבונג, ווקס, אויפשטייג.

1968 " אויף די בערג און אויף די פלאכן // כ'זע
דעם בלי פון מיין געמיט |...|". האפ. גרו, 3608
מאסקווע, ז'...

אין בלי/אין פולן בלי - 1. אין דער צייט/מצב
פון בליִען/צעבליִען זיך. % דער קארשנבוים איז
שוין אין בלי.

1931 " אויפן מיטן וועג האט זיך געעלטערט אין בלי
און אין בליאק א הויכער דעמב". ה. ארלאנד, 3603/ג
הרעבליעס, כארקאוו.

2. (פיג) אין די שענסטע יארן, יונגערהייט, אין דער פולער אנטוויקלונג. % דער קינסטלער איז אומגעקומען אין בלי פון לעבן. דער שרייבער איז איצט אין פולן בלי פון זיין שאפן.

0 בלי-פעריאד/בליצייט/בלי-תקופה - 1. די צייט/ סעזאן פון בליען ביי געוויקסן. % די בליצייט ביי די וויינשלביימער איז זייער א קורצע.

302

2. (פיג) פעריאד פון הויכער/העכסטער אנטוויקלונג פון א באוועגונג, קונסטצווייג אע. די בלי-תקופה אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן.

1958 " אפילו אין אזעלכע ליטעראטורן |...| רעכענען זיך ניט פעריאדן פון נאכמאנונג פאַר בלי-פעריאדן". 3603/ח
שנ, יידישע שרייבער אין סאוועטן-פארבאנד, נ"י, ז' 1958.

בלישטאנד - דער, בא. |סטוטש 249|. די פאַזע ווען דאס געוויקס בליט.

II
בלי = | בעלי/ בלי | ... - אַן, ערשטער קאמפאנענט פון א סך אדוו פר, ס'רוב אין (לל).

(?נ?) 2 בליאַגאַזש - --2 בליאַגער.

ב ל י אַ ג י ר ן - ---> בליאגעווען.

ב ל י אַ ג ע - די. באַ. באַרימערישע פּלוידעריי, אויסטראַכטעניש, בלאָפעריי. % אלץ, וואס ער דערציילט וועגן זיינע אויפטוען און עשירות, איז בליאגע, פּוסטע באַרימעריי.
< P: blaga < Fr: blague.

ב ל י אַ ג ע ו ו ע ן - אומו. ליגנערן, בלאָפן, דערציילן אויסגעטראַכטע זאַכן צוליב באַרימעריי. % הער אויף צו בליאַגעווען, אַלע ווייסן שוין, אַז ס'איז אויס-געטראַכט.
P: blagować.

|| בליאַגער - דער, =ס. פּפּ. בליאַגאַזש, פּוסטער באַרימער, ליגנער, בלאַפער, טשאַקער. P: blagarz.

1910 " איצט וועט זי דאך האבן צו מיר אן אמתע טענה, אז איך בין א בליאגער, א ליגנער, א פלוידערער". 3706
רדב"ז, א סוף פון די וועלט, ווארשע, ז' 5.

1961 " די ביסט א שעלמע, א בליאַגער, אלץ אין דער קארט.מ'האט מיר צוגעטראגן, אז דו האסט דיינע 3709
אייגענע יידן אריינגענארט אין זאק". באש, פאר, I/8.

ב ל י אַ ד |ווייכער ד| - די, =עס/=ן. (ווולג,רוס, נאַ) אויסגעלאסענע, הפקר-מויד, זונה.

1894 " דער שווארץ-יאר ווייס איר דארט וואס פאר א מין בליאד דאס איז, וואס גייט מיט א בחור אין 3715
וועלדער". א. מרגליות, דיא געפינענע עלטערין, ווארשע, ז' 28.

1972 " מיר זענען נמאס געווארן די אלע בליאדן, כ'וויל אן ארנטלעך קינד, זי זאל האבן אייך גאט און 3716
איין מאן". באש, פּאר, VI/16.

ב ל י אַ ד אַ ט ש ק ע - די, באַ. (פטמ)קראנקהייט, וואס באשטייט אין דער פארמינערונג פון די רויטע
3718 קייקעלעך אין בלוט; בלייכזוכט. (ווסב (Chlorosis
P: bladaczka.

ב ל י אַ ווּ ט ק ע ן - אוטוו. (שש) 1. פלאַפלען,
3721 פלוידערן, רעדן נארישקייטן. % הער שוין אויף צו בליאַווּסקען, ס'איז אלץ פוסטע רייד, שטות.
Ик: бляузкати

2. "זידלען, רעדן שמוציקע רייד" |קטוו|.

|| בליאווּטניק - דער, =עס, ווב בליאוו|סניצע. (שש) פלאפלער, פלוידערער. % יענער איז א בארימטער בליאוווסניק, ער קלאפט מיט דער צונג און ס'איז נישטא וואס צו הערן.

ב ל י אַ ו ז ש ע - דער, =ס. (לאקל, פילווישעק, ליטע). "א פלאפלער, פון ליטוויש". |ד. טאמבאך, ישפ XII - 2|.

ב ל י א ו נ ג ← בליונג.

ב ל י אַ ט - ← בלאַט בב 6 - 7.

ב ל י אַ ט ע ו ע ן I - 1. פארפעסטיקן |ל 1 - 2|.
2. מעלדן, אָנזאָגן | ל 2 |.

ב ל י אַ ט ע ו ע ן II - אוטוו. צושטימען, איינשטימען |סטוטש, 331.

(?נ?) בלי = א י ח ו ר |...איכער| - אדוו פר. (לל) אָן פארשפעטיקונג, אומגעזאמט. % צו דער אסיפה וועל איך קומען אי"ה אין צייט, בלי איחור.

ב ל י אַ [illegible] ..., באַ. (פּטמ) קראַנקהייט,

וואס באשטייט אין דער פארמינערונג פון די רויטע

3718 קייקעלעך אין בלוט; בלייכזוכט. (ווסנ (Chlorosis

P: bladaczka.

ב ל י אַ וו.ס ק ע ן - אומוו. (שש) 1. פלאַפּלען,

3721 פלוידערן, רעדן נארישקייטן. % הער שוין אויף

צו בליאַוו.סקען, ס'איז אלץ פוסטע רייד, שטות.

Ик: бляґузкати

2. "זידלען, רעדן שמוציקע רייד" |קמוו|.

|| בליאווהסניק - דער, =עס, ווב בליאוו|יסניצע.

(שש) פלאפלער, פלוידערער. % יענער איז א בארימטער

בליאַווסניק, ער קלאפט מיט דער צונג און ס'איז

נישטא וואס צו הערן.

ב ל י אַ ז ש ע - דער, =ס. (לאקל, פילווישעק,

ליטע). "א פלאפלער, פון ליטוויש". |ד. טאמבאק,

יישפ XII - 2|.

ב ל י א ו נ ג → → בליונג.

ב ל י אַ ט - → בלאט בב 6 - 7.

ב ל י אַ́ ט ע וו ע ן I - 1. פארפעסטיקן |ל 1 - 2|.

2. מעלדן, אָנזאָגן | ל 2 |.

ב ל י אַ ט ע וו ע ן II - אומוו. צושטימען, איינשטימען

|סטוטש, 331.

(?נ?) ב ל י = א י ח ו ר |...איכער| - אדוו פר. (לל)

אָן פארשפעטיקונג, אומגעזאמט. % צו דער אסיפה

וועל איך קומען אי"ה אין צייט, בלי איחור.

ב ל י א ן - → בלייך.

ב ל י אַ כ אָ ו נ י ע - די, =ס. (פּאַרגרײַזטער פֿון פּויל), וואַרשטאַט/פֿאַבריק פֿון בלעכזאַכן; בלעכערײַ.

..........................................................

באַמ: (פּויליש - ניטאָ אַזאַ פֿאָרמע ווי „blachownia").

..........................................................

1947 " אַפֿט פֿלעגט מען זי שיקן אין דער בליאַכאָווניע |...| מיט אַ קײשעלע שפּײַז, צוריק פֿלעגט זי פֿירן אין קײשעלע זאַכן, וואָס זײַנען געווען פֿאַר איר אַ סוד". 3731
א. כראַבאַלאָווסקי, יזכּור טשענסטאָכאָווער ייִדן, נ"י, ז' 372.

ב ל י אַ כ אַ ז ש - דער, =עס. (פּויל, נאָ) דזוו בלעכער.
P: blacharz.

ב ל י אַ כ ע - די, =ס. פּקפּ בליאַשקע, (סל, נאָ)
Uk: бляха
P: blacha.

1. בלעך, אַ שטיק(ל) בלעך.

1940 " |...| האָט אַ נעם געטאָן דעם זייגער, אים צוגעלייגט צום אויער און זיך צעלאַכט - ס'איז אַ זייגער? ס'איז אַ פֿייגער, ס'איז אַ שטיק בליאַכע". 3733
אי. דרוקער, קלעזמער, קיעוו, ז' 70.

2. (עלט) מעטאַלענער שנאַל פֿון אַ פּאַסיק (רימען).
% דער פֿריש געבאַקענער גימנאַזיסט שטאַלצירט מיט דעם 'ג' אויף דער בליאַכע פֿון זײַן פּאַסיק.

3. די בלעך אונטער אַן אַקס פֿון אַ וואָגן |ל!!|.

4. (שש) אַמאָליקער אָפּצייכן (זשעטאָן) פֿון מעטאַל בײַ פּאָליציאַנטן אאַע. % די פּויערים האָבן באַטראַכט מיט אָפּשײַ די בליאַכע אויף דעם לאַץ פֿון סטראַזשניק.

5. (שלש) מעדאל.

1944 " מעדאלן, ווי באמבעס, ווי הייפטלעך קרויט,

3741 // און אונטער די בליאכעס – פוטער מיט ברויט".

נאד, מודה אני, נ"י, ז' 144.

בליאכעווען – טרוו. באדעקן מיט בלעך

% דער דאך רינט, מע דארף אים ווידער בליאכעווען.

Ук: бляхувати.

בליאַנד – --- בלאנד !!.

בליאַסק – דער, |באַ?|, 1. שטארק העלע, שארפע

שיין, גלאַנץ. דער בליאַסק פון דעם בריליאנטל

אין פינגערל.

P: blask; Ук: блиск.

1867 " ביי איין בליאַסק פון א שווערד |...| וואלט

3762 איר באלד געכאפט די הויזן און אנטלאפן אין א לאך".

איבז |...| ניי בעארבעט מאב"ן |משה אליעזר בעלינסאן|,

מ. ח. לוצאטו, לישרים תהלה, אדעס, ז' 57.

1927 " א בליאַסק, ווי פון א שאס, דאס פייער אין

3776 דער נאכט.// דערנאך האט ער דאס מויל משוגע אויפ-

געמאכט". מלה, אין ניו"יארק, ווארשע, ז' 42.

1965 " א ווייסלעכער הארטער בליאַסק אין זיי |אין

3779 די אויגן| האט אנגעזאגט דעם טאטנס פארצווייפלטן

כעס". ~~אש~~ א. קארפינאוויטש, אל. קאָטאָנאָווסקי, די טונקעלע דירה,

ת"א, ז' 28.

2. (פיג) קלאָרער, בולטער אויסדרוק/פון אן אייגנשאפט,

דערשיינונג אע. % א בליאַסק פון שארפזיניקייט.

שוין יונגערהייט האט זיך באוויזן א בליאַסק פון

טאלאנט.

1911 " |...| עס זעט זיך אין זיי גארניט קיין שום
ליכטיקער בליאסק פון יידישקייט". ש.ג. הרכבי, 3761
[illegible] די געליהענע האק, באסטאן,
ז' 61.

1946 " לויט יואל ענטינען זעט מען אין דעם דאזיקן |...|
ווערקל |...| פעיקייט, שפירט מען אפילו א בליאסק 3773
פון מאלעריי, א טרערל פון רחמנות". שנ, דערציילערס
און ראמאניסטן I, נ"י, ז' 137.

3. (פיג) פראכט, שיינקייט. % די חתונה האט מען
געמאכט מיטן גאנצן בליאסק.

1964 " דיך האט פארמאניעט דער בליאסק פינעם גאלדענעם
טעמפל". י. מאניק, אין טריט פון דיין וואנדער, 3753
ת"א, ז' 44.

[7] א בליאסק אויף טאג - אדוו פר. פרי פאר טאג,
באגינען. % אויפשטיין פלעגט ער אלע מאל
א בליאסק אויף טאג.

ב ל י א ס ק י ק - ---> בליאסקע(נ)דיק. (?)

ב ל י א ס ק ע ן - אוטוו, פפ (לד) בליאשקען.
גלאנצן, פינקלען, העל שיינען. % די שויבן
בליאסקען אויף דער זון. אין שטוב איז ריין,
ס'בליאסקעט אין אלע ווינקעלעך.

1896 " |...| ווי ער איז אריין אין שול, האט א
בליאסק געטאן זיין הייליקער פנים, מען האט פשוט 3774
געזען, אז די שכינה רוט אויף אים". יב"ץ בערק[?],
רבי קאשמאן דער נעלם, ווילנע, ז' 26.

1938 " טוט דער ראמאנס אין זכרון מיר בליאשקען

3831 |...|". אל, לידער און פאעמען I, נ"י,

ז' 172.

1956 " וויינטרויבן, גרין גרויע און שווארצע, //

3796 בליאסקען ווי יידישע אויגן". א. שומיאטשער,

לידער, [illegible] [illegible], ז' 116.

|| בליאסקע(נ)דיק - גאדי/גאדוו. גלאנצנדיק,

פינקלענדיק, שיינענדיק.

1928.. " |...| מען האט געבראכט א בליאסקעדיקן

3765 סאמאוואר און אוועקגעשטעלט אויף דעם גרויסן טיש".

א. ראבאי, אייגענע ערד, [illegible] [illegible],

1947 " באלד האט די בליאסק(ע)נדיקע מתנה גענומען

3782 איבערגיין פון האנט צו האנט". זש, קיסר און

רבי III, נ"י, ז' 133.

1965 " די סטעליע שפיגלט זיך |...| אין דעם געוועקסטן

3795 בליאסקענדיקן פארקעט". ע. שעכטמאן, ערעוו,

מאסקווע, ז' 46.

(6,12)

ב ל י אָ ק אָ ט ע - די, בא. [illegible] גיפטיק געוויקס.

188... " אונדזער חדר האט געהאט א הייפל, באוואקסן -

3800 מיט קראָפּעווע, בליאקאטע און מיט נאך אזוינע מינים

גראָז". ש. פרוג, ייפאל, ביילאגע, ז' 74.

........................................

באמ: אין אוקראיניש איז דא:

א) a) Блéкіт – Cicuta

ב) b) " – Conium maculatum →

ג) c) Блéкот – Hyosciamus niger (E: henbane R: белена́

ד) d) Блекотé – Conium maculatum

ה) e) " – Hyosciamus niger E

אין פויליש איז דא: a) Blekot – Aetusa cynepium

........................................

ב ל י א ק י ר ט - פאדי פון בליאקירן. אפגעקראכן (דער קאליר).

1929 " קיין שטויבעלע אויפן סאמעטענעם קאפעליוש אדער
1799 אויף דער לוסטרינענער, פון צו פיל אויסבארשטן
בליאקירטער |טעקסט:בלאקירטער| קאפאטע".
מ. ווינער, עלע פאלעקס אונטערגאנג, כארקאוו,
ז' 6.

ב ל י א ק י ר ן - ---> בליאקעווען.

ב ל י א ק ע ו ו ע ן - אטוו, פפ זן בליאקירן,
בליאקען. 1. פארלירן דעם קאליר, אפקריכן.
% דער מוסטער אויף דעם שטאף איז ניט קיין פעסטער,
ער בליאקעוועט זייער גיך.

1868 " די שיל וואלט |...| שענער אויסגעזען |...|,
3812 ניט אגעפליאסקעט מיט פארשידענע פארבן, וואס קאסט
פיל און מיט דער צייט בליאקעווען זיי און זעען שלעכט
אויס". קמ, נ' 46, ז' 237 - !!.

190... " זומער דארף מען איבערשלאגן דאס ווייכע
3814 מעבל אלע טאג און די פענצטער האלטן צו |...|
און די לאדן אויך, ס'זאל אזוי נישט זעצן די זון
און נישט בליאקעווען". שע, זומער-לעבן,
מאריענבאד, ז' 183.

2. (פיג) שוואך ווערן, פארגיין, פארוועלקט ווערן.

1891 " אזוי פליען מיינע יארן, // ענלעך צו די כוואליעס
3801 שנעל, // אזוי בליאקעוועט מיין יוגנט |...|".
ישראל חסר-כח |גארנשטיין|, כנור הצבי, בערדיטשעוו,
ז' 67.

1896 " און די אלע דעות מיינע האבן עפעס אנגעהויבן
3810 בליאקעווען ביי מיר אין די אויגן". ייל, ניט
טויט, ניט לעבעדיק, ווילנע, ז' 79.

1963 " די בענקשאפט בליאקעט נישט אין מיר". ממש,
3819 איך קום אהיים, מאנטרעאל, ז' 58.

(бел2)

ב ל י אָ ק ע ט - דער, בא. גיפטיק געוויקס.
" פון בליאָקעט עסן קאן מען זיך פארסמען. רוסיש -
3817 קטוו, ל. ווילענקין, הארדאק, белена
וויטעבסקער קרייז.
Ukr: блёкот. R: белена = E: Henbane

........................................................

באמ: זען אויך בליאָקאטע - איז דאס אוריגינעל?

........................................................

ב ל י אַ ש ט ש ע ן - אומוו, דזוו בלישטשען. (?נ?)
1961 " שאבן = שויבן = שענקלעך זילבער האבן געבליאשטשעט
3821 אין די אויגן". בעריש וויינשטיין, יזב
קהילת ריישע, ת"א, ז' 486.

........................................................

באמ: ס'איז זייער מיגלעך, אז דער 'א' איז א טעות פון
"בחור הזעצער", און ס'איז פשוט "געבלישטשעט"; ניטא
אין די סלאווישע שפראכן אזא וואָרט/שורש.

........................................................

ב ל י אַ ש ק ע - די, =ס. 1. פקפ פון בליאכע.
א קליין שטיקל בלעך.

1910 " געפונען האבן מיר נאך: א צעפוילטן זאָטל מיט
3825 קופערנע בליאשקעס". ש. פרוג, אלע שריפטן !!!,
נ"י, ז' 108.

בל - 274.

2. אן אפצייכן פון מעטאל, א זשעטאן. % דער וועכטער טראגט א בליאשקע מיט אן אדלערל אין לאץ.

3. (עלט) דינע מעטאלענע פעדעם (פון זילבער/גאלד) געניצט צו באפוצונג אין שמוקלעריי-ארבעטן |ל 2|.

4. (שוסטערײַ) " בליאשקעס-מעטאלענע שטיקלעך וואס מע קלאַפּט ארויף אויפן קנאפל אדער אויפן שפיץ פאדעשווע, אז עס זאל זיך ניט אפרייבן גיך" |קטוו|.

274a – בל

?נ? ב ל י = ב ח י נ ה |...בכינע| - אדוו פר. (לל)
אָן אַ פארהער, אָן עקזאמען.

1867 " |...| אז זיי |די רבנים וואלטן געגעבן
3610 |סמיכות| בלי בחינה, וואלט איך כ'לעבן אויך
געגאנגען צו עטלעכע רבנים פארדרייען זיי די
קעפלעך". קמ, נ' 9, 68 - III.

?נ? ב ל י = ג ב ו ל |...גוועל| - אדוו פר. (לל)
אן א גרענעץ, אן א שיער.

1962 " מען טאנצט מיט א ספר-תורה (אין שמחת-תורה)
3612 |...| מען ווייס נאך ניט וואס איך איר שטייט,
מען ווייס נאר , אז עס איז א טייערע זאך, און
דערפאר איז מען זיך משמח מיט איר בלי גבול".
לקוטי שיחות [איב?], נ"י, ז' 434.

ב ל י = ג ו ז מ א |... גוזמע| - אדוו פר. אָן
איבערצוטרייבן, נישט צו זאגן צו פיל. % איך
בין ביי איך געווען בלי גוזמא א צען מאל און
אייך ניט געטראפן אין דער היים.

1868 " אין חאַסידאַרניוועקע געפינט זיך בלי גוזמא
3613 ביי א 4 מנינים יידן |...|". קמ, נ' 43,
317 - I.

... " זייער נייטיקע פאפירן! טרעפן אָן בלי גוזמא
3614 אפשר א האלבן מיליאן!". שע, מנחם-מענדל,
קבצ מיליאנען, ציט אויסג... ז' 110.

ב ל י - ה ב ד ל |...העוודעל| - אדוו פר. (לל)
אָן אונטערשייד.

1888 " אלע בלי הבדל האבן פארויסגעזען אין אונדזער
3616/א אָרשאנסקין א גלענצנדן שטערן". ייפאל, נ' 9,
ז' 259.

3617 ?נ? ם ב ל י-ה פ ר ש - אן אונטערשייד |קאל ווב|.

277 בל־

ב ל י ו ד ע  –  די, =ס. (רוסיש, נא) 1. טעלער. (?נ)

R: блюдо.

2. געריכט, מאכל.

|| בליודקע – פֿקפֿ ב 1. ?

" |...| גיסט אריין איר טיי אין בליודקע און 1919

3842 בלאזט אויף אים". דפ !!!, ז' 55.

ב ל י ו נ ג  –  די/דאס, בא, 1. פראצעס אדער מצב פון בליען, דאס צעעפענען זיך פון די בלומען ביי געוויקסן. % דער סאד איז שוין אין דער צייט פון בליונג . די בליונג פון עפלבוים געדויערט ניט לאנג.

... " ס'איז געווען א פריירי־בליונג,// וואס דעם

3864 גאנצן זומער האסטו // טרוימענדיק באקוקט מיט בענקשאפט". יהואש, הייאוואטהא, די פיר ווינטן.

" |...| נאר פון מיר – ווייכט דער יום־טוב פון 1950

3863 בליונג, // פאר מיין קווייט – קיין צעבלי נישט געבראכט". ב. לאפין, דער פולער קרוג, (באלאדע פונעם ריטל).

1948 " ווי גיסט מען צוזאמען די יידישע נויטן//
מיט <u>בליונג</u> פון פרילינג? ווי ברעכט מען די פלויטן?". 3861
<u>סעג</u>, <u>איצטער</u>, נ"י, ז' 73.

2. בלומען, בליענדיקע געוויקסן/די סקווערן און
פארקן זיינען פול מיט <u>בליונג</u>. עס שמעקט מיט
<u>בליונג</u> - ס'איז שוין פרילינג.

1876 " וואס מאך איך מיט די טויבע (פוסטע) <u>בליונג</u>,
וואס טראגט קיינע פרוכט?". <u>אמד</u>, <u>אלטע ליעבע</u> 3852
|...|, ווילנע, ז' 21.

1907 " מענטשן האבן געפליקט ווייסע <u>בליונג</u>-בלעטלעך
און זיך געשאכן צו דעם לאץ |...|". <u>יהואש</u>, שריפטן, 3855
<u>פראגא</u>, <u>דער עפלבוים</u>.

1941 " ער וועט אפשאקלען ווי א וויינשטאק זיין
אומצייטיקס און אראפווארפן ווי אן אייבערטבוים 3856
זיין <u>בליונג</u>". <u>תי</u>, איוב, טו - 33.

3. (<u>פיג</u>) שענסטע/בעסטע צייט, יונגע יארן, פולע
אנטוויקלונג, וווקס. % אנהייב 20סטן יארהונדערט
איז די יידישע ליטעראטור געווען אין סאמע <u>בליונג</u>.

1877 " אין זייער <u>בליונג</u>, כלומר זייער גדולה, וועט
ווערן אפגעטאן אזוי ווי שטויב ווערט אפגעטאן פאר 3856
איין ווינט". <u>ישעיה</u>, <u>פרוש עברי טייטש</u>,
לעמבערג.

1927 " זי איז יעמאלט געווען אין דער רעכטער <u>בליונג</u>
פון איר יוגנט |...|, זי איז געווען א יפת-תואר 3870
|...|". <u>א. י. גאלדשמידט</u>, <u>איבז</u>, <u>לעבנס-געשיכטע</u>
<u>פון מיימון</u>, ווילנע, ז' 84.

1960 " קיינער |...| וואלט נישט ארויסגעשוידערט פון
3854 דער טעמע אזוי פיל בילדער פון וועלק און ארויס-
געכישופט אזוי פיל צוזאג אויף <u>בליונג</u>". <u>יג</u>,
<u>אין תוך גענומען</u>, ב"א, ז' 158.

4. (<u>פיג</u>) דאס שענסטע/בעסטע, דאס געקליבענע (פון
א גרופע מענטשן).

1886 " ופרח לבנין אומל, דאס <u>בליונג</u> פון בית המקדש
3860 איז פארשניטן געווארן". <u>תנחומא</u>, שמות, ווארשע,
ז' 159.

1912 " |...| און ווער ס'קומט דא, מוז ברענגען צום
3851 מזבח//זיין ערשטלינג-<u>בליונג</u> פאר א קרבן". <u>יהואש</u>,
<u>זון און נעבל</u>, ליד, "פאר גאט'ס מזבח".

ם <u>בליאונג</u>

1. ←---

1716 " איין <u>בליאונג</u> ווערט זיא בליהן אונ' ווערט
3859 זיך פרייאן". <u>סהמ</u>, ישעיה לה - ב, ווילהרמרשדארף,
דף ל - <u>I</u>.

?נ? ב ל י ו ס ט י ט ע ל - דער, =עס. (<u>רוסיצ, נא</u>)
אינספעקטאר, אויפזעער, משגיח. R: блюститель

1864 " ווער עס וועט מנדר זיין | פאר דער מיידל-שולע|
1630 וועט דער <u>בליוסטיטעל</u> מיט גרויסן דאנק אננעמען".
<u>קמ</u>, נ' 37, מודעות.

1910 " א ייד א משכיל, שוין א יאר פופצן <u>בליוסטיטעל</u>
1629 אין דער תלמוד-תורה". <u>פרוג</u>, <u>אלע שריפטן</u> <u>!!!</u>,
נ"י, ז' 61.

בליושטש - דער, בא. (באט) 1.געוויקס, (ווסנ *Hedera helix*), קוסט וואס צעוואקסט זיך, אנטשעפענדיק זיך מיט לופטווארצלען צו פארשידענע אייבערפלאכן. % די ווענט פון היזל זיינען באוואקסן מיט בליושטש. P: bluszcz

1908 " פאר עלטערע מענטשן איז בעסער |צו מאכן שוויצן א קראנקן| געבריטע יוזעפקע אדער בליושטש |טעקסט: בלושצש|". איבז| ווער, פון ווענען?|, דער אוצר פון געזונד און לעבן, ווארשע, ה"9. 3591

2. פפ פליושטש. |"וואסערגעוויקס"| סטוטש 250|.

1960 " אנדערע באקענען זיך מיט דעם אופן, ווי עס וואקסן פארשיידענע פלאנצן און גראזן, ווי פעדערגראז |...| אדער איִר (בלושטש, 'סוף' אויף העברעיש)". י. וואלאך, צ' טאג, XII/24. 3587

1961 " בליושטש - פליושטש, טשערעט, איִר; הויכער מין געוויקס ביים וואסער, וואס יינגלעך האבן געניצט צו מאכן פייפלעך פון דעם". י. ערליך, טשעכאנאווצער ריידעניש, יישפ XXI - 1. 3881

1974 " ס'איז שבועות |...| די שטובן באצירט מען בעיקר מיט בליושטש (פליושטש, טשערעט, איִיער) וואס וואקסט געוויינלעך ביי וואסערברעגן". וו. יוניק, פאר, V/27. 3878

3. (לאקל, ביאליסטאק) מין גראז.

1945 " בליושטש - ווייכע, טאמענטע גראז. שבועות-צייט פלעגט מען אונטערלייגן בליושטש ביים באקן לעבלעך ברויט". ר. נעוואדאווסקי, יישפ V - 2, ז' 47.

באמ: ניטא אין פויליש/רוסיש/אוקראיניש בליושטש/פליושטש
אין די באטייטן 2+3. מיט מײַן מיינונג אז ס'איז
א טעות פון די קארעספאנדענטן אין יישפ (און פון
דארטן אויך סטוטשקאוו?). אין וואליך איז טשערעס
(אײַער) ניט געווען בליושטש/פליושטש. דאס ווארט
מעג געניצט נאָר ווי אין באטייט 1.

?נ? בליזאַרד – דער, =ס. (אמ, נא) שניישטורעם.

1964 " און ס'ווילט זיך אים טאן איצט א וואנדער צום
בלענדיקן ווייסן אנטארקטיק, ווו ס'קיניגט דער
בליזארד". י. מאניק, אין טריט |...|,
ת"א, ז' 60.

?נ? בלי́זגענען – אוטוו, פאר געבליזגעט.
(רעג פומפּאן, שירווינט, טרישיק, ליטע) "בלישטשען".
און אפגעשייערטע כלי בליזגעט"א |קטוו, כ. לעמכען|.
L: blizgėti

?נ? בליז=יוו=גזיין – בלייבן ניט חתונה געהאט
|קאל ווב|. 3621

בליזני́וק – דער, =עס. (סל, נאָ)
צווילינגטאָפּ (צוויי ערדענע טעפּ פאראייניקט מיט
איין הענטל). % די קוגעלעך האט מען געבאקן אין
בליזניוקעס.
UK: близнюк

בליזנע – די, =ס. א סימן אויף דער הויט וואס
בלייבט נאך א פארהיילטן שניט, ווונד אע;
שנאַר, שראַם.
P: blizna

1908 " סימנים פון לייכטע פאקן זענען די זעלביקע
ווי ביי ריכטיקע פאקן, נאר מילדער, און נאך דעם,
ווען זיי זענען איינגעטריקנט, לאזן זיי ניט איבער

קיין בליזנעס". איבז |וועד, פון וועמען?|,
דער אוצר פון געזונד און לעבן, ווארשע, ז' 19.

?נ? בלי־חטאבון - אן זינד און פארברעכן,
3623 אומשולדיק אין גאנצן |קאל ווב|.

?נ? בלי־חסרונבוגירוע - אן מאנגל אין...
3624 פארמינערונג |קאל ווב|

בלי־חרץ־געלט |באַל-יעכרעץ-געלט| - געלט
אדער שווה־כסף וואס מע גיט עמעצן, ער זאל פאר־
שווייגן, ניט קעגנשטעלן זיך, ניט מאכן קיין
שוועריקייטן. (אויך לא־יחרץ־געלט). % מע דארף
דעם סטראזשניק אריינרוקן אין יד אריין בל־יחרץ־געלט,
זאל ער ניט מסרן.

1881 " קארג נגישות האבן זיי היינט אין קהל? קארג
3626 רייסט מען די הויט פון די געמיינע בעלי־בתים:
סוויטשנע סבאר |שטייער אויף ליכט|, היצל־געלט,
פאזשארנע געלט, בל־יחרץ־געלט |...|, עירוב־געלט,
צאפ געלט וכדומה |...|". מ. דלוגאטש,
די וועלט מסורה, ווארשע, ז' 32-33.

בלי־חשבון |... כעשבן| - אדוו פר. אן א
רעכענונג, אומגעציילט.

1915 " דאס דאזיקע שווערע לעבן |פון א קאנטאניסט|
3616 האט זיך מיר ניט גערעכנט אין דינסט |...|. איך
האב געוווסט, אז איך פלאָג זיך בלי חשבון".
ג. באגראוו, די קינדער כאפער פון רוסלאנד,
נ"י, ז' 60.

ב ל י ט - די/דער, =ן. פּפּ (דטשמ) בליטע, מצ
בליטן. 1. שפּראָץ פון א בלום (ב 1), די בלום
אין אנהייב פון צעוויקלען זיך.

1916 " ווען די בלום איז נאך ניט אויסגעוואקסן,
די בליטן, הייסט עס, האבן נאך זייערע שיינע בלעטער 3915
ניט פונאנדערגעוויקלט |...|". א. ש. זאקס,
דאס לעבן פון פלאנצן, נ"י, ז'....

1969 " עס ריזלט אויף א לעבן אין דער טריקעניש פון
דאָרן, // עס גיסן אָן זיך בליטן אויף זיין דארער 3898
קאָרע". י. בערקמאן, זשן׳ פאלקסבלאט, יוני-יולי,
ת"א, ז' 22.

2. א בלום, ב 1.

1916 " איין בליט שפּרייט אויס הונדערט טויזנט זאמען,
יעדער פון וועלכע קען אויסוואקסן אין א באזונדערע 3903
פלאנץ". א. ש. זאקס, דאס לעבן פון פלאנצן,
נ"י, ז'....

1931 " ביי די געוויקסן מוז די ווייבלעכע בליטע
באפרוכפערט ווערן, בכדי זי זאל קענען ארויסברענגען 3920
זוימען". זש׳ פגעז, ווילנע, ב' 16.

3. (נאר אין מצ) בלומען, בליִעכץ.

1930 " נידעריקע קוסטעס, און זיי בליען מיט אזא
דורשט |...| איין גרויס בערג פון פארביקע בליטן". 3911
דא, פון בערלין ביז |...|, ווארשע, ז' 232.

1948 " דערנאך, ווען די בליטן זיי נעמען שוין פאלן,
// אזוי ווי צעברעקלטע זילבערנע שטראלן". סעג, 3913
איצטער, נ"י, ז' 79.

0 בליטנבלאט - די, = ~ בלעטער. בלעטל פון
דער בלום, קרוינבלעטל.

1916 " אויסער די גרינע בלעטער ברענגט די פלאנץ
ארויס |...| נאך אנדערע בלעטער |...|, צווישן זיי 3914
זענען די וויכטיקסטע: זריעה-בלעטער און בליטנבלעטער".
א. ש. זאקס, דאס לעבן פון פלאנצן, נ"י, ז'...

בליטן-בעכער - דער, =ס. בלומענבעכער.

1916 " ווען די בלום איז נאך ניט אויסגעוואקסן |...|
איז זי אין גאנצן איינגעשלאסן אין דעם בליטן-בעכער". 3915
דצוו.

בליטן-פליטערל - דאס, =עך. קרוינבלעטל פון בלום.

1935 " דער ווינט האט פארטראגן די בליטן-פליטערלעך,
און א איצטער האט דער זאנג געקוואלן". פה, 3916
רויטע פעלדער I, נ"י, ז' 156.

בליטן-פּעריאָד - 1. צייט פון בליונג.
2. (פיג) די יוגנט-יארן.

1906 " זיי |די מיידלעך| זענען שוין אויך |...|
די בליטן-פעריאד |טעקסט: בליהטענפעריאדע| איבער- 3917
שריטן, און די שדכנים זענען געווארן זעלטענער".
מ.מ. אויזערקיס, צעזייעט און צעשפרייט |...|,
לעמבערג, ז' 41.

בליטנקלייד - דאס, =ער. (פיג) בליִעכץ.

1920 " ערגעץ ווו בליט נאך אן איינזאמער קליינער
קארשנביימל |...| און קוקט |...| אין זיין ווייסן 3918
יום-טובדיקן בליטנקלייד אויף דעם פארוויסטן גארטן".
דא, שווארץ-רויט, ווארשע, ז' 59.

ם ---- .2

1716 " |...| אין דעם חדש אייר דז דש זעלביג מאל

זייך דיא בליט אויף דען בוימר לויטר |...|". 3899

טהמ III, מלכים I, ווילהרמרשדארף, דף פז - I.

0 בליט ווערק - בלומענווארג, אלערליי בלומען.

1713 " אלי זאמן אונ' גראז אונ' בליט ווערק האט ער

גישפייזט מיט גאב דש טויא". מחזור, חלק שני 3902

שלש רגלים, אמשטרדם, דף קכה - I.

?נ? ב ל י ט ה |בליטה| - די, =ות |בליטעס|. (לל)

אויסגעפוקלט ארט אויף אן אתרוג.

1929 " צייט ער לעבט, האט ער נאך אזא אתרוג נישט

געזען, מיט אזא גידול, מיט אזעלכע בליטות, ממש 3908

א זעלטנהייט". א. בערגמאן, קאצקער מעשיות,

ווארשע, ז' 94.

196[7]. " אינעווייניק, איינגעבעט אין פלאקס, איז

געלעגן אן אתרוג פון קארפו געשטופלט און מיט בליטות". 3906

באש, זש' גק, נ' 61, ז' 53.

?נ? III ב ל י = ט פ ה = ד ם - אן א טראפן בלוט.

1669 " צוויי רעקלכר אין אננדר ווערין אויף גשנירט

גיוועזין אונ' ניט אויף גריסן בלי דפה דם". 3629

כ"י וועגן מעצער עלילת דם, ציט פש III, ז' 258.

ב ל י ט ש - דער, בא. (אמ, נא) בלייכעכץ |אויוו|.

?נ? 1965 " ווען דער פלעק איז אן איינגעשפארטער און גייט

ניט גיך ארויס, ווייקט איין די פארפלעקטע ערטער 39221/22

אין וואסער, צו וועלכן איר דארפט צוגעבן א ביסעלע

בליטש". מ. ראוז, פאר, VII + 28.

?נ? ב ל י ט ש ן - טרוו. (אמ, נא) אויסבלייכן |אויוו|.

ב ל יי – דאס/די, בא. 1. כעמישער עלעמענט,
סימבאל Pb, אטאמוואג 82; א שווערער מעטאל,
געניצט אין די אינדוסטריעס פון מעטאל, פארבן,
גלאזווארג אע. % בליי שמעלצט זיך גרינג. די
וואסערערן זיינען פון בליי. דאס פעקל איז פארחתמעט
מיט א פלאמבע פון בליי.

1920 " בליי – א בלוי ווייסער ווייכער מעטאל".
ס. פיינסטאון, כעמיע, נ"י, ז' 149. 3975

1934 " |...| ווי דאס זאל ניט זיין, פאר ביקסן
שמעלצט מען בליי". מלה, לידער II, ז' 23. 3962

1972 " האט דער גאט אויסגעריסן גראניטפעלדזן מיט
אדערן פון בליי |...|". א. רעגעלסאן, זש' גק 3959
נ' 75, ז' 84.

2. (שש) בלייער, בלייפעדער.

1948 " דערווייל |...| אריינגערוקט א בליי א פינעפ-
קאנטיקן אין כאליעווע |...| און כשר זיך גענומען 3978
אט אזוי צו סטאלעריי". פמ, מילכאמע,
מאסקווע, ז' 102.

3. (פיג) קוילן פאר ביקסן. ~~xxxxxxxxxxx~~

1937 " דער שווארצער שלונג פונעם הארמאט האט בייז
און מוראדיק געהוסט. די מענטשן האבן זיך געאיילט 3958
אים אנקארמענען מיט א נייער פארציע בליי".
איבז, מ. קולבאק, נ. אסטראווסקי, ווי שטאל האט
זיך פארהארטעוועט, מינסק.

1973 " כל-זמן עס באוועגט זיך נאך א פוס צי א האנט,
שיסט מען אריין אין דער מאסע נאך א ביסל בליי, 3952
ביז וואנען קיין גוף באוועגט זיך נישט מער".
רעד' ד. ראבין, זב גראדנע, ענציקלאפעדיע גלות-
לענדער, ב' IX, ישראל, ז' 705.

4. (<u>פיג</u>) שווערקייט, לאסט, דריקעניש.

1945 " דאס הארץ ביז צום דעק אויסגעליטן, // און
<u>בליי</u> איז אויף ווילן געלעגן". <u>סעג</u>, <u>א בוים</u> 3956
<u>פון פוילן</u>, ב"א, ז' 24.

1952 " |...| און סך-הכל האלט מען פון די שווערשרייבער
פון די וואס הענגען אן פודן <u>בליי</u> אויף זייער ווארט". 3955
<u>דער לעבעדיקער</u>, <u>זש' פאש</u>, X/12.

5. (<u>פיג</u>) גרויקייט. % דער הימל איז פארצויגן מיט
<u>בליי</u>.

0 <u>בליי-אויסגיסער</u> - דער, =ס. (<u>עלט</u>) 1.
בעל-מלאכה וואס האט אויסגעארבעט זאכן
פון בליי (למשל, חנוכה-דריידלעך).

2. (<u>עלט</u>) אפשפרעכער, זנאכער, וועמעס סגולות זיינען
געווען, צווישן אנדערע, אויסגיסן סימבאלישע
פיגורן פון בליי.

1866 " |...| די ארעמע כאליאסטרע האט זיך געלאזט
איינטיילן אין כמה קלאסן |...| די דריטע קלאסע 3988
ווארן |ז|יינען געווען |...| עין-הרע-אפשרעכער,
וואקס-און <u>בליי-אויסגיסער</u>". <u>אמד</u>, <u>דער שנארער</u>,
ווילנע.

<u>בליי־ארץ</u> - דער, =ן, פפ (<u>דטשמ</u>) ~ ערץ. דער
רוימינעראל פון וועלכן מע באקומט ארויס בליי.
% די גרעסטע רעזערוון פון <u>בלייארץ</u> זיינען דא אין
די פאראייניקטע שטאטן.

1973 " דער ׳טריאס׳ פארמאגט אין זיך אייזנערץ,
צינק- און בלייערץ". רעד׳ ש. ברוקנער, יזב 4120
ש׳ סאסנאוויץ, ת"א, ז׳ 214.

**בלייגיסער** - דער, =ס. דזוו בליי-אויסגיסער, ב׳ 1.

**בלייגעל** - דאס, בא. פארב מיט א בליי-קאמפאנענט.

**בלייגעשריפטס** - דאס, =ן. טעקסט געשריבן מיט א
בלייער.

1934 " איך הארך, ווי צו א נס, צו דיינס איעדן ריר,
// וואס מעקט, ווי גומי בלייגעשריפטס, מיין שכל 4010
אויס אין מיר". מלה, לידער II, נ"י, ז׳ 79.

**בלייהוטע** - די, =ס. פאבריק וווּ ס׳ווערט אויסגע-
ארבעט בליי.

**בלייזוים** - דער, =ען. [באטייט זען ציטאטע.]

1927 " אונטער דעם דאזיקן נאמען (בלייזוים) איז
באוווסט א שווארצלעך גרויער פאסיקל, וואס בילדעט 4045
זיך אויפן ראנד פון די יאסלעס |טעקסט: אסלעס|,
דער עיקר ביי די פאדערשטע ציינער". א. גאלדבורט,
היגיענע פון דרוקער, ווילנע, ז׳ 12.

1930 " ווי באקאנט, ווערן אלס סימפטאמען פון כראנישער
בליי-פארגיפטונג צווישן אנדערע, באטראכט דער 3968
בלאזוים אויף יאסלעס, ארום די ציינער". זש׳ טאז׳
נ׳ 9 - 12, ווארשע.

**בלייזיגל** - דער, =ען |מארק ווב 744|. פלאמבע. 4047

בליי-חתימה |כטימע| - די, =ות |כסימעס| מארק ווב 744|.
דזוו דפוו.

בליימעטאל-ערד - די, בא, בלייארץ |טערמינאלאגיע,
יאכ I - II, קיעוו 1926, ז׳ 157|.

בליי-פארסמונג |=פארסאמונג| - די, בא. קראנקייט,
וואס קומט פון איינאטעמען אויסדאמפונגען פון בליי,
פארשפרייט צווישן דרוקערס און אנדערע פאכלייט,
וואס ארבעטן מיט/ביי בליי.

בליי-פארגיפטונג - די, בא. דזוו דפוו.
1930 " ווי באקאנט, ווערן אלס סימפטאמען פון כראנישער
בליי-פארגיפטונג, צווישן אנדערע, באטראכט דער בל 4127
בלייזוים |...|". זש׳ טאז, נ׳ 9 - 12,ווארשע,

בלייפלאמבע - די, =ס. 1. א זגאל חתימה
(שטעמפל) וואס ווערט איינגעקריצט אין צעשמאלצענעם
בליי, די פלאמבע ווערט געניצט צו פארזיכערן נ
פאקעטן, פארשלאסענע טירן אע.

בליי-צינאבער - דער, בא. פארב פון צינאבער-
קאליר. |סטוטש 299|.

בלייקאליר - דער, בא. דער קאליר פון בליי
(בלוילעך גרוי).
1882 "ווען די נעגל זיינען פון בלייקאליר, ווייזט
עס אויף משוגעת און קורצן לעבן". מ. א. גאלינו, 4149
חכמת היד, ווארשע, ז׳ 16.

בלייקאלירן |=ענע, =ענער| - אדי. וואס האט דעם קאליר פון בליי.

1929 " |...| דער אומרויקער געפלאסטערטער טראקט ציט זיך מיט זיינע בלייקאלירענע שטיינער". בערג, גוו, III, ווילנע, ז' 175. 4151

1961 " די בלייקאלירענע אויגן זיינע האבן שוין עטוואס שמייכלענדיק געפרעגט |...|". בערג, אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 35. 4150

בלייקרישטאל - דער, =ן. קרישטאל מיט א צומיש פון בלייאָקסיד. % די טייערע וואזע איז פון בלייקרישטאל, דערפאר וועגט זי אזוי פיל און דער קלאנג איז אן אנדערער.

בליישוואם - דער, =ען. (פיזיק) [crossed out] בנב.
|טערמינאלאגיע פיזיק, די נייע שול, ווילנע, 1920|. 4157

בליישטויב - דער, בא. שטויב וואס צעשפרייט זיך ביי ארבעט מיט בליי.

בליישטיין - דער, =ער. גראַפיט |סטוטש 204|.

בליישפאט - דער, בא. מינעראל |סטוטש 204|.

בליישרויט - דער, בא. קליינע קייקעלעך פון בליי, גענוצט אין יעגערביקסן אע.

~~[crossed out]~~

גלאַנצבליי - דאָס = בלײַגלאַנץ.

הארטבליי, וואלפבליי, הארנבליי, כלארבליי,

פאספארבליי - מינים בליי |סטוטש 217|.

זינקבליי/זענקבליי, שווארצבליי - [באטייט?].

..........................................................................

באמ: (אויפן קארטל איז ~~דאס ארט/איך~~ [illegible] איך סטוטש 217,

אבער אין בוך איז דאס ניטא אין דעם נומער)

..........................................................................

פפ: שווער ווי בליי. — זייער שווער (און ווייך).

1934 " א טויבקייט אין לופט אויסגעגאסן, // א גרויע און שווערע ווי בליי". ב. לאפין, בייגס, ליד, "א גולם", נ"י. 3941

1935 " |זי| וויל פון דאנען אנטלויפן, אבער אירע פיס זענען שווער ווי בליי. באש, דער שטן אין גאריי, ווארשע, קאנק: 167/116 - VI.

זינקען/ פאלן ווי בליי - פאלן שווער.

1896 " |...| די קרעפטן האבן אים פארלאזן, און ער איז ווי א שטיק בליי געפאלן צו דער ערד". 3960

י. ל. אסטרינסקי, נייעס פון יענער וועלט, ווילנע,

אנגעגאסן ווי מיט בליי (דער קאפ, די אברים) - ווען עמעצן וואס פילט זיך מיד, שווער, ניט צו קאנען זיך רירן.

1893 " דער קאפ, דוכט אים, איז אנגעגאסן מיט בליי, ס'איז אים שווער אהייב צו טון, די אויגן זיינען צוגעקלעפט, קוים וואס ער רייסט זיי פונאנדער". 3965

א. לעבענזאהן, פון זאוואד אין באד, ווילנע.

1916 " אצינד זענען אלע טויט מיד, אזוי ווי מ׳זאל
3982 האבן ארייגעגאסן בליי אין זייער אברים".
ד. י. זילבערבוש, שטרעכאלער |...|, ווין,
ז׳ 41.

גיסן/שמעלצן בליי – אמאליקע אייבערגלייבערישע סגולה
צו א קראנקהייט.

בליי אדער פריי (פויל) – אהער אדער אהין, מע
דארף זיך דעצידירן, מע מוז איינשטעלן זיך,

~~[illegible]~~

ם בלייא/בליי מהד.
<--- 1.

|1474?| " כשוף צו ור טרייבן – נים בלייא אונ׳ העמר
3971 עס אן אם איין בלאט אדער איין וויניג ציקר אונ׳
נים מעשר אונ׳ גראב מיט איין דש בליי |...|".
כ"י ספר הרפואות, ציט זש׳ דוקא, נ׳ 17.

3977 |1508?| " עופרת – בליי". רייכלין 8, ירמיה
1 – כט, פראג.

1716 " דען דער סדר איז ווען מן זילבר לייטרט מוז
3985/187 מן בלייא אים זילבר טאן". סהמ||| ירמיה ו – כט,
ווילהרמרשדארף, דף נ"ז – ז.

|| בליידיג – בלייענע, פון בליי.

1724 " דען די עבודה זרה האבן זיא אינן וינג גיהייצט
4015 מיט פייאר אונ די עבודה זרה האט בליידיג;
אויגן גיהאט דא איז דאש בליי צו גנגן מכח היץ,
דא האבין די לייט גמיינט דש פסל וויינט".
ר׳ אלקסנדר סענדר עטהויזן, בית ישראל ובית
הבחירה, אמשטרדם, תפ"ד.

0 בלי וּוגן - בליישנור.

|1508?| " משקולת - דער בלי וּוגן. הוא חוט שהבונים תולין בו עופרת". רייכלין 8, מלכים ב, כא - ג.

בלייא פארב.

1728 " איין שתן דער ווייש אונ אויבן שווארצליך אז וויא בלייא פארב איז, דש ביטייט די וואשיר זוכט". סור, שער אפרים II, פיורדא, תפ"ח, דף יח - II. 4126

פר זינקן וויא בלייא.

1679 " זיא זיין פר זינקין וויא בלייא, אין דען שטארקין וואשרין". בליץ, שמות, טו - י. 3983

1743 " אונ׳ ווען עש ניט וואר איז וואש ער גזאגט האט ווערט ער פר זינקן גלייך אלש איין בלייא". 3972
מ. מן, שארית ישראל, אמשטרדם, דף עג - 2.

ב ל ייא י ק - ←--- בלייִק.

ב ל ייַ אָ ק ס י ד - דער, בא. כעמישע פארבינדונג פון בליי מיט זויערשטאף, ווערט א סך געניצט אין דער גלאז- און קרישטאָל-אינדוסטריע.

1885 " מע וויל נאך פרווון מאכן פון דעם מעטאל רערן, שטאט די בלייערנע רערן ביי וואטערלייטונגען, 3990
מע זאל דערמיט פארהיטן דאס וואסער פון בלייַאָקסיד (וואס איז סם)". ייפאל, נ׳ 13, ז׳ 206.

1920 " זויערשטאף פאראייניקט זיך מיט אלע מעטאלן.
3992 די פארבינדונגען, וואס קומען ארויס |...| רופט מען אקסידן, ווי אייזן-אקסיד, קופער-אקסיד, בלייאקסיד אאז"וו". ס. פיינסטאון, כעמיע, נ"י, ז' 38.

(?נ?) בלייב - דער, =ן. |סטוטש 366|. דאס וואס בלייבט איבער; איבערבלייב.

בלייבל - דאס, =עך. (שנש?) "שטארצל, קוויטל, רעשטל פון א ציגאר" |אווו|.

בלייבוים - דער, בא? -[באטייט?]|טערמינאלאגיע
3994-3995 כעמיע, זש' די נייע שול, ווילנע, 1921 (5)

.................................................................

באמ: געטייטשט אויף רוסיש - Свинцовое дерево (אין קוואדראט)
אין רוסישע ווערטערביכער ניט געפונען אזא טערמין. 5026

.................................................................

בלייביק - אדי/אדוו. וואס בלייבט אויף לאנג/ אויף תמיד, דויערדיק, פערמאנענט.

1935 "דער בלייביקער פראדוקט, וואס שטעלט זיך אפ
4199 נאכן פסיכישן אקט איז א פסיכישער עלעמענט|...|". מון, דער וועג |...|, ווילנע, ז' 125.

1972 " |...| די גרופע 'יונג' האט ארויסגעגעבן די
4198 גרעסטע צאל גרויסע און בלייביקע דיכטערס |...|". י. יאנאסאוויטש, זש' גק, נ' 75, ז' 187.

3997/98 ב ל יַ ב ל אָ ט - די/דער, ~ בלעטער | לב | --- בלייפאַפּיר.

ב ל יַ ב ן - אוטוו. פֿאַר געבליבן. 1. ניט בייטן/ניט פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, ניט אויפֿהערן צו זײַן אויף דעם פּלאַץ.

... 188 " לאָז ער בעסער בלייבן אין דער היים און דאָ
4474 אויסלערנען די תורה, וואָס איז נייטיק אויף אַרײַנצו-גיין אין אוניווערסיטעט". מַמוס, א גרויע האָר, ציט אויסג.... ז' 16.

1930 " און אַז ער קומט קיין אַמעריקע, דאַרף ער נישט בלייבן אויף איין אָרט, נאָר אַרומוואַנדערן |...|". דאָ, פֿון בערלין |...|, וואַרשע, ז' 266.

1958 " |...| דײַטשן פּלעגן אַרומרינגלען אַ הויז און הויך אויסרופֿן, אַז אַלע אײַנוווינערס מוזן זיך צונויפֿזאַמלען אין הויף; ווער עס וועט בלייבן אין שטוב, וועט דערשאָסן ווערן". בלום, יישפ XVIII - 1.

2. פֿאַרלענגערן די צײַט פֿון זײַן ערגעץ.

... " אַז דו וועסט בלייבן צו גאַסט נאָך אַ פּאָר טעג,
4444 לאָה, וואָס קען עס דיך אַרן?". מַמוס, שלמה ר' חיימס, |באַנד?|, ציט אויסג 'מענדעלי', וואַרשע, 1911-1912, ז' 6.

1957 " מען איז אַפּגעפֿאָרן אַ פּאָר שעה |...| דער
4332 בערדיטשעווער רב |...| איז אַוועק אַ ביסל טיפֿער אין וואַלד |...| די תלמידים זענען געבליבן וואַרטן". לדב, נ"י, ז' 322.

3. (ווי א טייל פון נאמינאלן פרעדיקאט אדער מיט דער
פרעפאזיציע ביי). ניט בייטן דעם מצב, מעמד, זיין
אין דעם אייגענעם געמיט-צושטאנד, האבן די זעלבע
באציונג, מיינונג. % ער איינער בלייבט רויק.
מע האט זיך א ביסל צעווערטלט, אבער מ'איז געבליבן
גוטע פריינד. מע האט לאנג דיסקוטירט, אבער
יעדער איז געבליבן ביי זיין מיינונג. נאכן
צעטיילן די ירושה איז די אלמנה געבליבן ביי דער
שטוב, דער זון ביי דער קראם.

1864 " מע בלייבט דאך טאקע ביי דעם פריערדיקן
מענטשלעכן געשטאלט, מיט דעם אייגענעם פנים 4286
|...| נאר פון גרויס ווערט מען קליין". ממוס,
דאס קליינע מענטשעלע, ציט אויסג נ"י,
1910.

1903 " מיר וועלן בלייבן גליקלעך אויף אייביק".
ספ, גליקליכע און אומגליקליכע, ווילנע, 4380
ז' 181.

1923 "|...| דערביי איז זייער בייגונג |פון די
קאארדינאטן| אזא, אז די נאטור-געזעצן פאר דעם 4300
וועלטפונקט בלייבן אינוואריאנט". ק. גוטנבוים, בו-2178/2
ספעציעלע און אלגעמיינע רעלאטיוויטעטס-טעאריע.
ווארשע, ז' 99.

1949 " |...| אבער ער |פרץ| איז |...| געבליבן
געטריי צו זיין אייגענער פארעם". מוק, 4476
פרץ און דאס יידישע טעאטער, נ"י, ז' 59. באה-438

1957 " עס דאכט זיך אים אויס, אז מיט דער עבירה
בלייבט ער נאך אלץ ביי זיין יידישקייט". 4447
ליקוטי-אמרים, תניא, [illegible], נ"י, 38/76.

הובא ב' ווארד, ר' שניאור-זלמן מליאדי

4. ניט אויפהערן צו זיין, צו עקזיסטירן, ניט פאר-
שווינדן (אפט געניצט מיט ניט -'ניט בלייבן' -
מיט א פארקערטן באטייט: ניט עקזיסטירן, פארשווינדן).

189... " עס וועט נישט בלייבן ווער עס זאל שבת די
אויוונס הייצן, די לייכטער אראפנעמען ". פרץ, 4454
ציט אויסג אלע ווערק II, נ"י, 1947, ז' 310.

1910 " בײ ײדן |...| בלייבט פארט // אויף טויזנט
קבצנים איין עושר". ש. פרוג, אלע שריפטן I, 4288 / באב 25
נ"י, ז' 86(?76).

1964 " די דערמאנונג אין ווארשעווער געטא אויפ-
שטאנד איז דערפאר א היסטארישע ירושה |...|; 4351
א געשאנק וואס בלייבט אייביק |...|". יג,
טמז, IV /24.

5. זיין א רעשט נאכן אראפרעכענען, נאכן אוועקקומען
פון עפעס; איבערבלייבן. % אז מען נעמט אראפ
5 פון 20 בלייבט פופצן. נאך אלע הוצאות איז
אים קיין סך ריווח ניט געבליבן.

1878 " וויפל איז דיר געבליבן היינט פונעם אנקויפן?".
ממוס, מסעות |...|, ציט אויסג [illegible] 4373
ווארשע, 1912, ז' 79.

1909 " אויב ס'וועט מיר נאך אלעם קאפיטאל
בלייבן, וועל איך אייך דעם ערשטן מיט א גרויסן 4373/א
דאנק אפגעבן". בערג, ארום וואקלאל, קאנק
II-59/539.

1928 " איין איינציקע טאכטער איז זי ביי מיר!
פון צען געבליבן איין אויסגעווײנט קינד". 4399
אפא VI, ווילנע, ז' 155.

1972 " נאך סטאלינס טויט זענען אין ראטן-פארבאנד
געבליבן נאר שרידים פון די טרעגערס פון יידישער 4450
קולטור". ח. שמערוק, זש' גק, נ' 76, ז' 143.

6. ווערן עפעס, אריינקומען אין א געוויסן מצב, געמיט-צושטאנד, מעמד או; אפט מיט דער פרעפ אן. % ווען דאס קינד איז אלט געווען 5 יאר, איז עס געבליבן א יתום. דער מאן איז פלוצעם נעלם געווארן און זי איז געבליבן א וויסטע עגונה. ער איז געבליבן אן פרנסה.

1873 " השי"ת האט מיך נעבעך געשטראפט, איך בין געבליבן אן א פערדל . קויפן אן אנדערס האב איך נישט געהאט פאר עפעס". ממוס, די קליאטשע, ווילנע, קאנק 5080.

1875 " האט ער געזען א גרויס ליכטיקייט |...|, האט ער א שפרונג געטאן און איז חלשת געבליבן. קהל חסידים, לעמבערג, דף ט - א. 4625

|?| 1888 " אים האט איינער אונטערגעהאלטן אויפן פידל, און דער גאנצער עולם איז געבליבן ווי פארגאפט". שע, יוסילע סאלאוויי, צייט אויסג,... ז' 16. 4411

1957 " מען האט הארציק געזונגען התלהבותדיקע ניגונים און פלוצלינג איין איין רגע זענען אלע שטיל געבליבן". לדב, נ"י, ז' 210. 4639

7. (דריטפערזאניק: ס'בלייבט/ס'איז געבליבן) ווערן באשלאסן, אפגעשטימט, אפגעשמועסט. מ'האט לאנג געטראכט און געשמועסט און ס'איז געבליבן, מע זאל טאקע עולה זיין. בהסכם כולם בלייבט צו רופן נאך אן אסיפה.

1848 " דרום איז בייא מיר געבליבן איך זאל זייא אוף שרייבן אין איין ספר |...|". חה, זיטאמיר, ז' 38. 4233

... "קיצור-הדבר, ס'איז געבליבן - גטן זיך".
שע, VI, ציט אויסג,... ז' 34. 4448

... "סוף-כל-סוף בלייבט: אז מען קאן קידוש מאכן איבער
איבער א חלה". פרץ II, ציט אויסג נ"י, 1947, 4483
ז' 102. [פּערזי' שלום־בית]

1957 " ביי אונדז איז געבליבן, אז איך זאל דעם
דאקטער רופן צו זיך |...|". לדב. נ"י, ה' ס"ו. 4337

8. מיט געוויסע ווערבן:

א) בלייבן זיצן, ליגן, הענגען - ניט בייטן דעם
קערפער-צושטאנד, וואס איז אנגעוויזן דורכן ווערב.

1814 " וויא לאנג נאך פוילער וועסטו ליגן בלייבן,
ווען וועסטו שוין אויפשטיין פונים שלאף". מס, 4393
משלי, ו' - 9.

1873 " אליין בין איך, פון יוצא וועגן, געבליבן זיצן
לעבן די געסט". ממוס, די קליאטשע, ווילנע,
קאנק 96360.

... " אט די זון, זי וועט אזוי בלייבן הענגען, ווי
א מאל אין די צייטן פון אלטן גבעון". בערג,
יורדים, קאנק 134/237.

1921 " אז ער ענדיקט דאס ביכל, בלייבט ער זיצן
פארטראכט |...|". דער חסיד, אונטער שטילע הימלען, 4193 בי-3379
ווארשע, ז' 73.

1927 " א שטראל, וואס איז געקומען פון א זייטיקער
וואנט, איז געבליבן הענגען שטרענג אין מיטן בוידעם 4479 באל-1132
און באלויכט א וואלקן שטויב |...|". ה. ל. זשיטניצקי,
דעם זיידנס הייזל, ציט אנט, ז' 337.

1928 " האט ער זיך |...| איבערגעקייקלט און געבליבן
ליגן אן א זייט פון פייער". אפּא V, ווילנע, 4407
ז' 40.

ב) בלייבן לעבן - ניט שטארבן, ניט אומקומען.

... " נאך א דאנק גאט פארן גרויסן נס, וואס מיר
זענען אלע לעבן געבליבן |...|". ממוס, בישיבה 4371
של מטה, ציט אויסג... ז' 43.

1932 " |...| איך וועל זיך בלויז צו מיינע ליבע
חברים באגעבן און זאגן, איך שטארב, נאר איך בלייב 4311 / באג-1070
לעבן". נאד, די גייסטע ווערק I, נ"י, ז' 223.

1949 " די מושלים |פון געטא| האבן איינגערעדט |...|
אז אויך מען וועט |...| דערפילן דעם ווילן פון 4629
די דייטשן, איז דא א האפענונג צו בלייבן לעבן".
מ. באכנער, יזב פון כזשאנאוו, רעגענסבורג,
ז' 226.

ג) בלייבן שטעקן - ניט קענען זיך רירן, ניט-אהין,
ניט-אהער.

1961 " |...| איז ער דא אין קאנט געבליבן שטעקן
מיט ווייב און קינד אויף איינעם א גרויסן וואקזאל". 4640
בערג, אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 659.

1964 " בלייבט ער אונטער וועגס שטעקן ביי א יישובניק
|...|". חג, טמז, IV/10. 4348

ד) בלייבן שטיין - 1) ניט אויפהערן צו שטיין.
שטיין א לענגערע צייט. % אויב דו שטייסט איך
דער רייַ, טאָ בלייב שוין שטיין, שפעטער וועל איך
דיך פארבייטן. די וואך בלייבט שטיין א גאנצע נאכט.

1888 " ער בלייבט שטיין נעבן פענצטער און נעמט זיך
ארויס די אויגן, קוקנדיק אין דרויסן". ממוס, 4452
ווינטשפינגערל, ציט אויסג... 1913 ווילנע, ז' 142.

1959 " |...| איז דא אין אונדז דער דראנג |...| //
צו געבן אן אנטפלעק// די רגע וואס וועט בלייבן שטיין 4367
איך קיין מאל נישט אוועק". אפּא, די גילדענע
שקיעה, ת"א, ז' 40.

1453 "בלייב שטיין! א יאר, א טאג, א שעה!". הר, אין שענסטן טאג פון הארבסט, ליד "דער לעצטער אינזל"....

2) אפשטעלן זיך, אויפהערן צו גיין, צו באוועגן זיך. ער לויפט און לויפט, פלוצעם בלייבט ער שטיין א דערשראקענער.

... " מלמד (דרייט זיך ארום , בלייבט שטיין וויא איינער פון יענער וועלט)". די גינארטי וועלט, 4435 /א
.... קאנק, 28/648 - I.

... " דעמאלט פלעגט משה-מענדל בלייבן שטיין, זיך גוט אנהערן און נאך דעם געבן א הוסט |...|". 4435
שע, אידישע ראמאנען, צייט אויסג.... ב' ...ז' 176.

1965 " |...| האט קוים איבערשטעלנדיק די פיס |...| געמאכט נאך א פאר טריט און געבליבן שטיין". 1040
נאטע לוריע, הימל און ערד, מאסקווע, ז' 168.

|| בלייבעוודיק - אדי/אדוו. (שנש) וואס האט די איינגנשאפט צו קאנען בלייבן.

1956 " שענער און האפטיקער פון שענסטן וואלקן אויפן פייערדיקסטן הימל, // איז א גוט בלייבעוודיק ווארט". 4647
יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 30.

1960 " אלקוויט באמיט זיך, אז זיין ביסל אפגעשפארטע אומפראדוקטיווקייט זאל זיין פראדוקטיוו און בלייבעוודיק". יג, אין תוך גענומען, ב"א, ז' 189. 4646

בלייבער (=ין, =קע) - דער/די, =ס.

1945 " די בלייבער פרייסטן דוואשען |...|". מבא, דער גייער, נ"י, ז' 475. 4657

[7 <u>בלייבן אונטער/אויף די הענט</u> - שטארבן. % מע האט אים אזוי געשלאגן, אז ער איז <u>געבליבן אונטער די הענט</u>. די אפעראציע האט זיך ניט איינגעגעבן און דער חולה איז <u>געבליבן אונטער</u> דעם דאקטארס <u>הענט</u>.

1844 " דאש קינד איז שוואכער, דאש קינד בעקומט קיין הוסט, דאש קינד פרגייט זיך, דאש קינד איז <u>געבליבען</u> 4618
<u>אויף די הענט</u>, אוי! ניטא קיין קינד!". <u>לאל,</u> ווילנע, ז' 58.

<u>בלייבן אויפן ארט</u> - <u>דיוו דפוו</u>, מער עמפאטיש.

<u>בלייבן פון געלעכטער</u> - פלאצן/שטארבן פון געלעכטער, שטארק לאכן.

1898 " די גרויסשטאטיקע מיינען, אז בולקעס וואקסן פארטיקע אויף קוסטעס. איך בין א מאל ג~~ע~~פארן מיט 4267
א ווילנער יידן, האב איך געמיינט איך <u>בלייב פון געלעכטער</u>: וואס ער זעט - איז דאס אים א נייעס". <u>חי"ה זעלדעס</u>, <u>ווינטער אבענדען</u>, ווארשע, ז' 5.

<u>בלייבן אין מיטן</u> |וואר: ... <u>האלב וועג</u>| - ניט פארענדיקן עפעס, ניט דערפירן ביזן סוף, ניט דערגרייכן א זאך אין גאנצן.

<u>אויסן בלייבן</u> - ניט ווערן, אהינקומען, אהינטאן זיך.

<u>איבעריק בלייבן</u> - בלייבן א רעשט, בלייבן נאך, איבערבלייבן.

בלייבן באשטיין - (עלט) ווייטער זיין/עקזיסטירן.

19... " נאך דעם אנפאל פון די טאטערן אין יאר 1482

זיינעןביידע קהילות דאך געבליבן באשטיין". 4500 באש-753

י. ברוצקוס, ייבל XIII, ז׳ 1 - 2.

בלייבן ביי זיינס, ביי מיינס אע (וואר: בלייבן

ביי דאס זייניקע/איריקע אע) - זיך האלטן ביי

דער זעלבער מיינונג, באשטיין, ניט נאכגעבן.

% מע האט זיי געפרווט איינרעדן זיי זאלן ניט

פארן, אבער זיי זיינען געבליבן ביי זייערש און

זיינען אוועק.

1881 " כאטש ווארף איר א קאץ אין די אויגן, זי מוז

אלץ בלייבן ביי דאס איריקע". א. י. סאפיר אויס 4252

מינסק, חטאת הקהל |...|, I, ווילנע, ז׳ 5.

1898 " |...| לאז דער שרייבער פון זיך די גאל

ארויסרעדן, מיר בלייבן ביים אונדזעריקן". הנ"ץ, 4276

דיא ביידע הערשעלס,ווארשע, ז׳ 32. |נפתלי הערץ

ניימאנאוויץ|.

פפ:

~~ב...~~

בלייבן ווי געפלעפט - שטארק איבערגעראשט, דערשטוינט.

% ווען זיי האבן דערהערט די נייעס, זיינען זיי געבליבן

ווי געפלעפט.

...

בלייבן.. ווי אויפן וואסער - אליין, עלנט, אן הילף פון

קיינעם אין א שלעכטן מצב.

1873 " נאך זיין טויט, וועלן זיי בלייבן ווי אויף

דעם וואסער און אויסגיין פאר הונגער". ממוס, 4287

די קליאטשע, ווילנע, קאנק 326330.

1898 " צום אומגליק, איז אויך ער, מיין איינציקער

4277 פריינד, געשטארבן, און איך בין געבליבן ווי אויף

דעם וואסער". מ.מ. אויזערקיס, דער פריוואטלעהרער,

דראהאביטש, ז' 8.

בלייבן ווי ער שטייט און גייט - אן גארניט, אן שום

פארמעגן, אלץ פארלוירן. % פון דער שריפה איז

ער נעבעך געבליבן ווי ער שטייט און גייט, אין איין

העמד.

... ווי אפגעשמיסן/אפגעבעזעמט/אפגעפאטשט - פארשעמט/

דערנידעריקט.

1870|?| " און ווי אפגעפאטשט זענען זיי אלע געבליבן".

4303 יה"ל, די קאלאניסטן,ווארשע, ז' 103.

באמ: אין קארטל שטייט די דאטע "תר"ץ" - איז עס, דאכט

זיך מיר, א טעות אדער פון דרוק אדער פון איבער-

שרייבער, און ס'דארף זיין " תר"ל".

בלייבן ווי איינגעזייפט - אין א מצב ניט צו קאנען רירן

זיך, ניט צו וויסן וואס צו טאן.

" זעניך מיר דא געבליבן וויא איינגיזייפט". [1819?] א

4315 יוסף פערל, מגלה טמירין, ציט אויסג יידישע

כתבים, ווילנע, 1937, ז' 69.

בלייבן ווי יענער ביי דער דראזשקע - א) אומזיכער,

צעטומלט, ניט אהער, ניט אהין. |סטוטש 323|;

ב) " ווי איינער וואס איז געבליבן אומגעריכט מיט

גארניט, זיך אויסגעלאזט א טייך פון די פלענער".

|יישפ, IV - 3 - 6.|.

בלייבן ווי א חתונה אן קלעזמער – בלייבן אין א מצב
פון אומגאנצקייט, אומזיניקייט, ווען עס פעלט עפעס
וויכטיקס, וואס אן דעם האט די זאך קיין געהעריקן
אויסזען (טעם, באטייט אע).

מיטן זעלבן באטייט:

בלייבן: ווי שמחת-תורה אן בראנפן; ווי א רב אן א שטאט;
ווי א בער (הונט, קאץ) אן אן עק; ווי א קליאקע
אן א טיר; ווי א קלויסטער אן א גלאק;
ווי א דארף אן א הונט; ווי א שטוב אן א דאך;
ווי א שייגעץ/פאסטעך אן א פייפל; ווי א רב אן
א רביצין; ווי א פידל/קלעזמער אן א סמיטשיק;
ווי א שמייסער אן א בייטש; ווי א יידענע אן
א צאינה-וראינה |צענע-ווערענע|.

בלייבן ווי שאף אן פאסטעך/כצאן בלא רועה |קעצוין בעלוי
רויע|. בלייבן פֿאַרלאָזט, אָן השגחה, אָן א פירער.

בלייבן אן לשון |לאָשן| – ניט קאנען ארויסברענגען קיין
ווארט (פון פארוואונדערונג, איבערראשונג, שרעק אע).

... " זיי האבן זיך אנגעקוקט שטארק פארוואונדערט
און געבליבן אן לשון". ממוס, די אלטע מעשה, 4413
ציט אויסג "מענדעלי", ווארשע, ב'...ז' 29.

בלייבן אן א העמד/אין איין העמד – פארלירן אלצדינג,
דאס גאנצע פארמעגן.

... " איך בין געבליבן אין איין העמד און האב
מיך קוים ארויסגעראטעוועט אויס דעם פייער". 4302
ש. עטינגער, דער פעטער פון אמעריקע, ציט אויסג,
ווילנע, 1925, ז' 488.

בל - 303.

1893 " |...| און דאך דארף מען זיין דערצו |צו
4270 בארגן געלט אויף פראצענט| א מענטש, אז ניט קאן
מען בלייבן גאר גיך אין א העמד". י. גוידא,
דער נייער פראצענטניק, ווילנע, ז' 57.

בלייבן אין לונגען/אין א גאל (רעדנדיק, שרייענדיק)
– בלייבן אין כוחות פון א סך רעדן/שרייען אין צו
פועלן עפעס. % מיט אים קאנסטו בלייבן אין לונגען,
רעדן פון היינט ביז מארגן און גארניט אויספירן.

1878 " אלס ער איז געבארן געווארן, פלעגט ער
4251 דאנערשטיק בלייבן אין גאל שרייענדיק פון הונגער,
ווייל די מוטער איז אוועק מאכן איין איינקויף
אויף שבת". אמד, דער פארטעפיאניסט, ווילנע,
ז' 15.

בלייבן אין א קנעלונג – א) וועגן א מלמד – ניט האבן
מער קיין תלמידים. ב) פארלירן די באשעפטיקונג,
בלייבן אין פרנסה.

[illegible]
בלייבן אין הויזן – [illegible] בלייבן בעז
העניע בעז סמענע/יאק סטאי – דזוו דפוו
|סטוטש 496|.

בלייבן אין א דרייער/פירער/פערציקער/גראשן – בלייבן
אין גאנצן אין געלט.

בלייב-געזונט – דער, בא. אנגענומענע געזעגענונג-
ווערטערביים אפפארן, צעשיידן זיך אע.

1947 " עס איז זיכער קיינעם דעמאלט נישט געלעגן אין
4195 געדאנק, אז דאס איז געווען דער לעצטער בלייב-געזונט
מיט אונדזער פירער און לערער". ר. פעדערמאן,
יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 396.

<u>ניט געבליבן קיין זכר/קיין שריד ופליט</u> – קיין זאך/ קיינער ניט געבליבן.

1873 " |...| עסן זיי מיך אויף און עס <u>בלייבט</u> פון מיר <u>נישט קיין שריד-ופליט</u>". <u>ממוס</u>, <u>די קליאטשע</u>, ווילנע, <u>קאנק</u> 200510.

<u>ניט געבליבן קיין קינד אין וויגל</u> – אלע זיינען אוועק, קיינער ניט געבליבן. % אז דער קונצמאכער האט אנגעהויבן זיינע קונצן אין מארק, איז זיך דאס גאנצע שטעטל צונויפגעלאפן, <u>ניט געבליבן קיין קינד אין וויגל</u>, אַלטע פֿון הויזער,

<u>בלייבן א פארזעסענע/בלייבן פארזיצן/בלייבן זיצן ביזן גרויען צאפ</u>. – (וועגן א מיידל) ניט חתונה האבן. % שדכנים האבן שוין אויפגעהערט אריינצוקוקן און די מויד וועט נאך חלילה <u>בלייבן א פארזעסענע</u>.

<u>בלייבן מיט א (לאנגער) נאז</u> – פילן זיך אנטוישט, אפגענארט, ניט(קאנען) דערגרייכן עפעס וואס מע וויל.

1884 " מיר האבן זיכער גערעכנט, אז די עטלעכע הדיוטים, קופצים בראש |...| <u>וועלן בלייבן</u> נאראנים און <u>מיט א לאנגער נאז</u>". <u>ייפאל</u>, נ' 50, ז' 778. 4257

1927 " אסתר איז געוועזן גליקלעך, וואס דער פארוואלטער איז <u>געבליבן מיט א נאז</u>". <u>שפּיגל</u>, ט', ווילנע, ז' 239. 4631

<u>בלייבן א נאר</u> – זיך באנארישן אדער ווערן אפגענארט.

1910 " איר <u>זאלט קיין נאר ניט בלייבן</u>, // ניט קומען מיטן בייטשל פון יאריד". <u>פרוג</u>, <u>שריפטן III</u>, נ"י, ז' 249.

~~בלייבן בדם נאר~~ –

בלייבן צום נאר – ווערן אפגענארט.

... " אלע מיידעלעך האבן שוין חתונה געהאט, //
נאר איך בין געבליבן צום נאר". פל, ציט קיפּניס,
יידישע פאלקסלידער I, ז'....

בלייבן מיטן בייטשל – אָנווערן אלצדינג, דאס גאנצע
פארמעגן, בלייבן מיט גארנישט.

1920 " ווען ס'שטארבט ביים בעל-עגלה ס'פערד אויפן
וועג |...| און ער קומט אהיים |...| בלויז מיט 4297
דער בייטש אין האנט, פון דעם איז געקומען, וואס
אויף יעדן וואס קומט אן א גראשן ביי דער נשמה,
זאגט מען |...| 'געבליבן מיטן בייטשל". עלזעט,
וואונדער־אוצר |...|, ווארשע, ז' 28.

... " ווילסט צעפלעכטן די עטלעכע רובל, בלייבן מיטן
בייטשל?". שע, ב' VII, ז' 27. 4481
(אלע ווערק,)

בלייבן אין (דער) בלאטע – ניט קענען ארויסקריכן
זיך פון א שלעכטן מצב/עסק.

בלייבן אומגעדרייט – ווען אן עלטער מיידל וואס
האט ניט חתונה (זי האט זיך ניט אומגעדרייט 7 מאל 4409
ארום חתן, ווי דער מנהג איז) |ידע עם נ' 28 – 29|.

בלייבן אויף דער מילכיקער באנק – אנטוישן זיך, פילן
זיך אפגענארט.

1888 " |...| בלייבט פון דרויסן, אויף דער מילכיקער
באנק". ממוס, ווינטשפינגערל, ז' 8. 4534
(ב' 3 אלע ווערק, 1913,)

שור:

דאס שיטערע דערציילט מען, דאס געדיכטע בלייבט –
ניט אלץ קאן מען דערציילן, פארטרויען עמעצן.
וואריאנט: וויפל א מענטש זאל זיך ניט אפריידן פון
הארצן, דאס געדיכטע בלייבט ביי אים.

וווּ מע פאלט אריין, דארט מוז מען בלייבן – מע מוז זיך
צופאסן צו יעדער סביבה, צו אלע מנהגים.

דער ארעמאן איז גערן, אז ער בלייבט ביים קרן|קערן| –
אן ארעמער מענטש באנוגנט זיך מיט ווינציק, האט
ניט קיין צו גרויסע אמביציעס.

אז עס קומט א פלעק אויף אטלעס, בלייבט עס אטלעס –
~~צו טאן מיט א לייטישן מענטשן, אפילו מיט א קליינעם~~
א) ס׳איז דאך בעסער צו האבן צו טאן מיט א לייטישן
מענטשן, אפילו מיט א קליינעם פעלער; ב) א גוטע
זאך בלייבט גוט, אפילו מיט א קליינעם חסרון.

אז מ׳קאכט וואסער, בלייבט וואסער – פון אן אומווער-
טיקן מאטעריאן קאן מען קיין ווערטפולע זאכן נישט מאכן;
אז מען לייגט ניט אריין, נעמט מען ניט ארויס.

חזיר בלייבט חזיר – א שלעכטער (קארגער) מענטש
קאן ניט בייטן זיין כאראקטער.

אקס בלייבט אקס – א) דזוו דפוו; ב) א נאר (א תם,
א שוטה) בלייבט א נאר.

אז משיח וועט קומען וועלן אלע קראנקע געהיילט ווערן,
נאר דער נאר וועט בלייבן א קאליקע – נארישקייט
איז אן אומהיילעוודיקע קרענק.

אז מע פארלאזט זיך אויף יושר בלייבט מען א נאר א גרויסער – בלויז מיט יושר איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט, צו דערגרייכן עפעס.

די שמאלץ רינט אויס און די גרוב בלייבט א גרוב (וואר: ...בלייבט איבער) – געזאגט וועגן א רייכן שידוך ('דער חתן איז אריינגעפאלן אין א שמאלצגרוב') וואס פון דעם לאזט זיך אויס א בוידעם.

אז מע קומט ניט צו דער צייט, מוז מען עסן וואס איבעריק בלייבט – מע טאר ניט פארשפעטיקן, מע דארף אויס-ניצן א גוטע געלעגנהייט, כל-זמן ס׳איז צייט.

דער אמת האט פיס, איז ער אנטלאפן, דער שקר האט ניט קיין פיס, איז ער דא געבליבן – א) געזאגט, ווען מע כאפט עמעצן ביי א ליגן. ב) מיט ליגן זאגן קאן מען ווייט ניט פארגיין.

אן אל אין זאך קאן ניט בלייבן פארבארגן, דער שפיץ קומט ארויס היינט אדער מארגן – ניטא קיין סוד, קיין פארברעכן, וואס שפעטער אדער פריער זאל מען זיך דערפון ניט דערוויסן, אויפדעקן.

דער בארימער בלייבט (תמיד) שטעקן אין בלאטע – דער בארימער פארפלאנטערט זיך אזוי אין זיינע ליגנס, אז ער קאן שוין ניט ארויסקריכן.

חתונה געהאט אויף גיך און געבליבן אין שטיך – א) וועגן א שלעכטן שידוך געשלאסן אין איילעניש, ניט אנפרעגנדיק זיך פריער געגנוי וועגן אלץ; ב) בכלל אויף אן עסק/געשעפט, וואס מע מאכט אויף גיך, ניט קענענדיק אלע פרטים, און דערנאך האט מען צרות.

דער קרוג טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער, ביז ער בלייבט אָן אויערן - א) מע טאָר ניט ניצן עפּעס צו פיל, אָן א מאָס, ב) מע דאַרף ניט דערקוטשען עמעצן צו פיל, ווייל זיין געדולד קאָן פּלאַצן.

געלט גייט אַוועק און אַ הונט בלייבט אַ הונט - דאָס מזל פון אַ מענטשן קאָן זיך בייטן, אָבער ניט זיין טבע (דאָ וועגן אַ שלעכטן מענטשן).

ראש-חודש אלול | ראש-כוידעש עלול | גייט אַוועק, און בעל-הבית | באַלעבאָס | בלייבט בעל-הבית - די מערכה פון אַ רייכן פאַרמעגלעכן מענטשן איז תמיד בעסער, אַפילו ווען ס'בייט זיך די צייט, די אומשטאַנדן | דאָס שור איז געבונדן מיטן שטייגער פון אַמאָליקן יידישן שטעטל, ווען דער "זמן" פון דינגען/פאַרדינגען דירות האָט זיך געענדיקט אלול: דער וואָס האָט געהאַט אָן אייגענע דירה ("בעל-הבית") האָט ניט געהאַט די דאגות פון אַן אָרעמאַן, וואָס האָט געדאַרפט באַצאָלן דירה-געלט און אפשר גאָר זוכן זיך אַן אַנדער דירה|.

אַז מע נעמט אַראָפּ די סמעטענע, בלייבט די זויערמילך. ~~#~~ קנ"ב.

ווען דער לייזן צעהיצט זיך ניט, וואָלט דער האַמער געבליבן דער נאַר | יישפ !!! - 1 - 2|.

ווען מען עסט אויף דעם בייגל, בלייבט די לאָך.

1899 " ווען מען עסט אויף דעם בייגל, בלייבט די לאָך // און נאָך די גרויסקייט קומט דער בראָך".
א. מ. שאַרקאַנסקי, א פּיטצעל פּאַן א פּורים-שפּיעלער, נ"י, ז' 3.

4190
ביי-2151

דער מלאך-המות שעכט און בלייבט גערעכט - געזאגט ווען עמעצער טוט א גרויסע עוולה, און מע קאן זיך אפילו ניט קלאגן אויף אים.

פוול:

בלייבט א קשיא |קאשע| - ווערט געזאגט ווען מ׳קאן ניט פארענטפערן א געוויסע פראגע, שווערן ענין.

|?| 1918 " פאר וואס זשע, אז ס׳ווערט אונטערגעשלאגן א ציישונג, שווייגט מען גאר שטיל? בלייבט א קשיא". 4293

דער נייער וועלט קאלענדאר אויף דעם יאר תרע"ח |תרע"ו? ?|.

אזוי בלייבט עס - נעכטיקע וועטשערע - שפאסיקער זאג, ווען מע דיסקוטירט עפעס לאנג און מע קומט ניט צו קיין באשטימונג.

וואס בלייבט? - וואס מע לאזט איבער - דזוו דפוו.

צווישן אונדז זאל עס בלייבן - זאל דאס זיין א סוד, ס׳איז ניט כדאי וועגן דעם צו רעדן.

1891 " איך בעט אייך אבער, צווישן אונדז זאל דאס בלייבן, ווייל עס איז צו שענדלעך, אז מען וועט דאס הערן אנדערע ווו". פלאי, המדבר בצדקה, 4268

ווארשע, ז׳ 36.

עס בלייבט אין/צווישן דער משפחה - עפעס איז ניט אין גאנצן גוט: עמיצער פון דער משפחה/מיט א מום, וואס קיינער דארף ניט וויסן דערפון אע.

ב) ס׳וועט ניט פארפאלן גיין, ניט וויכטיק ווער ס׳האט עס.

ס'וועט מער בלייבן - א) ס'איז דא גענוג, זשאלעוועט ניט (געזאגט צו א גאסט, וועמען מע לייגט פֿאַר עסן, עסן מער, און יענער ברעקלט זיך; ב) געזאגט וועגן עמעצער (ס'רוב קליינע קינדער) עסט שוואך% ער עסט אזוי ווינציק, אז ס'וועט מער בלייבן, ווי ער האט אויפגעגעסן.

"ס'איז ניט געבליבן א צאָן אויסצוקאַלופּען |קטוו| - ס'איז ניט געבליבן גארניט (וועגן שפּייַז).

מע קען בלייבן לעבן - ס'איז גארניט אזוי שייך (וויכטיק, אינטערעסאנט, שרעקלעך) אַע. % וואס זאגסטו וועגן די בילדער זיינע? - עט, מע קען בלייבן לעבן... 4504

פון וואנען נעמען זיך אזוי פיל גרויסע נאראנים, אז אלע קינדער זיינען קלוג? - איז דער תירוץ: זיי בלייבן ביים קינדערשן שכל.

ביי אים בלייב(ט) עס - אמאליקע איבערגלייבערישע באווארעניש ביים רעדן וועגן עמעצנס א קרענק אדער אן אנדער צרה (ס'רוב וועגן א גוי); וואריאנטן: ביי/אויף זייַן (איר. זייער) בלייבעכץ/בלייבעניש.

1868 " ער איז מיר מקנא מיין נחת, וואס איך האב, געלויבט זייך נאמען, פון די קינדערלעך, דען, אויף אים |זייַן| בלייבעניש, ביי אים דרייט זיך שוין א פארפאלק מער ווי א יאר |...|". אמד, יעקעלע גאלדשלעגער, זיטאמיר, ז' 10. 4244

1936 " אויף זייער בלייבעניש! - האט זיי מיט כעס אפגעשאלטן זעלדע". מ. טייטש, נאוועלן, מאסקווע. 4655

בלייבן זאלן אונדזערע שונאים! - ~~(קללה)~~ "בלייבן"
אין זינען פון חלשן" | קטוו, ח. שעטקין, 94466
גראדנע|.

בלייבן. מהד:

1.

| XV | " דא צילט דער קויניג שאול דז ואלק דז ער
ואנד. // דיא ער הוט גיזאמילט אין אל ישראל לאנד. 4412
// נוייארט זעכש הונדרט ווארן גיבליבן דא. ///
דיא אנדרן ווארן בור בורגן אונ' ווארן אנדרש וואו.
שב, סטראפע 208.

| XVI | " וואש'ב בהר - אונ' איך בליאפ". רייכלין 8,
דברים ט - ט. 4503

1602 " |...| דעך זיא ווערדן ניט קענן בלייבן
אין אירי פעשטן שטיטן" שעריר, מט - 3. 4203

1796 " איז ניט גמיינט דש זיא איביג אין גיהנם
בלייבן |...|". י. מ. עפשטיין, דרך הישר 4228
לעולם הבא, שקלאוו, פרק כ"ג.

2.

| XVI | " ובת טות - אונ' ער בלייף אבר גהט אונגעשן
ל' לן בתענית". רייכלין 8, דניאל ו - יט. 4376

1676 " |...| אונ' קרטין ווילשטו שפילן שפיל צויכטיג.
אונ' ערליך מיט דיינם ווייב אדר גיזינד דא ווערשט 4208
נוימר פר שפילן פר שפילשטו דעך צו בלייבט עז
דער היימט". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק ח'.

1752 " |...| אויך זיך צו גווינין בלארי אכילות
צו עשן דעך פון קלארי אכילות בלייבט דר שכל קלאר 4381
|...|". עח, דף כז - 1.

3. ---->

| XV | " דש גוך זיינם טוט זיין קוניגרייך ווערט 
בישטון.// אונ׳ אונטר זיין קינדן בלייבן אונ׳ 4499 באש- 694
נוימר מער אבגון". שב, סטראפע 1089.

1666 " דאז בית המקדש הוט גאט זעלבר גיבויט דז ווערט
איביג בלייבן". יעקב טויסק, איין שיין נייא 4205
ליד פון משיח, אמשטרדם, דף ב.

1739 " דיא (תורה) בלייבט ניט וואו ניט צניעות איזט".
ס׳ מבחר הפנינים, הומבורג, דף כו׳ - I. 4221/א

4. ---->

1602 " דאך וואז איבהיג בלייבט פון דיינן וואזין
וויל איך דז לעבן לוסן |...|". שעריר, פראג, 4202
מט - יא.

1716 " אז איין לינדן בוים אונ׳ אייכן בוים |...|
דז איך דער צייט דז זיא ווארפן אב די בלעטר דש 4212
איז אים ווינטר דא בלייבט אך זיי איבר". סהמ|||,
ישעיה ו - יג, ווילהרמרשדארף, דף ז - I.

5. ---->

1541 " אבר ער איז גיבליבן בורלורן, אונ׳ די וויל
ער איר יא ניט הוט קונן ווערן. // זא נימט זיא 4431
מקאברון אבר גאר און גערן". בב, 299, _ - 8.

| סוף XVII | " אונ׳ ווען גאט איינים איבילש טון וויל
זוא ווערין זייני פריינד אלי שווייגין שטיל |...| 4470
זיא ווערין אפ ווייכין פון אים |...| זוא
בלייבט דער זעלביג מענש אליין". גה, ז׳ 56.

6. ←----

1669 " זוא אין המוסכם גבליבן דז ווער אין עסק
וואש דש גנץ מקום איין צו רידן העט". כ"י ווענן 4204
מעצער עלילת דם, פש III, ז' 269.

1672 " ...| און וועק עש בלייבט בהסכמה |...|
זאלין תיכף המוסכם איין שרייבן בפנקס הקהל |...|". 4206
כרוז יערסלב, תל"ב, ציט י. היילפרין,
ועד ארבע ארצות, ירשלים, תש"ה, ז' 148.

8. ←---- בלײַבן
א) בלײַבן זיצן

1686 " אז ווער עש אל טאג יום כיפורים אדר ראש השנה,
// דאז איר קיינר איבר הופפט איין ווארט, // 4209
אונ' בלייבן זיצן אין דער שולן אויף איין אורט".
ס'משלים, פפפ"ד, תמז, דף ל"א - I.

1763 " זיין פרויא אונ זיין טאכטר ווארן אונטר דער
טיר זיצן בלייבן |...|". ר' יעקב |...|, 4482
קהלת יעקב, פראג, תקפ"ג, דף פג - I. באר- 2534

ב) בלייבין ליגין — בין ליגין אויבל זײַן

| סוף XVII | " איך האב מיך איבר רידן לאזין אונ' איין
תיכף הארט איין גישלאפף". גה, ז' 167. 4426

ג) בלייבן שטעקן

1541 " אונ' שושן אויף איין מיט אירן פפיילן// דש די
פפייל בלייבן אין אים שטעקן |...|". בבא-בוך, 4399
ז' 30, 6 - 8.

1732 "וואש האשטו פר איין מאגן, // האשטו דאך די
שיסל אזו שטארק גיטאן אוישלעקן, // אז דיר פון 4221
דער שיסל איז איין שטיק בלייבן שטעקן". עיון
יצחק, בערלין, דף 22 - 1.

בלייבן לעבן.

|1474?| " דו זור זוכן אן איינם קרנקן אוב ער
לעבן בלייבט אודר ניט |...|". כ"י ספר הרפואות, 4201
ציט זש' דווקא נ' 17.

בלייבן שטיין.

|...| " דען פורים זול גוימר מען בר גון // די ווייל
הימיל אונ' ערדא בלייבן שטון". מגילה מינכן, 4634
מן 109 ב.

1716 " |...| דער זכות פון דער תורה די האט צווייא
מייליר דז מן עשט די פירות דאר פון אויף דער וועלט 4636
אונ' דז קרן בלייבט שטין אויף יעניר וועלט".
סהמ|||, שופטים, ווילהרמרשדארף, דף כ"א - I.

בלייבן בישטיין - האבן א קיום, עקזיסטירן.

1696 " ער זאגט אויף דרייארלייא בלייבט די וועלט
בישטיין אויף דער ווארהייט אונ' אויף דען גיריכט 4211 / באש - 708
אונ' אויף דען שלום". |סידור| תפלה למשה |...|;
דעסוי, דף קי"ז - I.

לאזין בלייבן - איבערלאזן, פארלאזן.

1703 " דרום וויל איך דיא הויפט שטיק ארויש קלויבן
אונ' קירצליך בגרייפין אויף פיל שרייבין, אונ 4210 / באג 1738
דאז איבריג לאזין בלייבין". כ"י מגילת איבה
(אקספארד), ציט מן עריק, ז' 191.

בל - 315.

1716 " |...| אונ׳ עש ווערט גיזאגט דז איין אב שיידה

הישט דער דא קען |הנאה האבן פון אלע תענוגים| 4214

אונ׳ לאזט עש בלייבן ". חה I, דף קמג - I.

צו ז׳ בל - 315.

9. שטארבן.

1619 " |...| בין איך שיר גבליבן". פב, ז׳ 43.

בלייבונג – רעשט, איבערבלייב.

1626 " אונ' וואש פר דיר אונ' דייני ברידר וואול

גיפלט צו טון (בשאר) מיט דיא בלייבונג פון גאלד 3996

אונ' זילבר דז אייך וועט איבר בלייבן". סהמ[I],

עזרא, (ז – יח, לובלין).

|| בלייבניש – קיום, עקזיסטענץ.

|?| 1652 " דער (בן אדם) גיהערט זיך צו בדענקן דש

זיין בלייבנש איז אויף דיזר וועלט ניט איביג". 4652

תמ"ה |?| דף מד – 2. עפש, פרק הישר לעולם הבא, ופפפ"מ,

1796 " דר מענש האט קיין אייביג בלייבניש אויף דיזן

עולם |...|". דצוו, שקלאוו. 4656

(כינוי)

בלייגלאנץ – דער, בא. גרויער אדער

זילבער קאלריקער מינעראל מיט א הויכן פראצענט

בליי | טערמינאלאגיע כעמיע, זש' די נייע שול, 4004 4005

1921 (5); יאכ I – II, קיעוו, ז' 157|.

1926 " גלאנצבליי |איז| בעסער איידער בלייגלאנץ,

ווי עס איז אנגעוויזן אין דער ווילנער טערמינא- 3967

לאגיע, ווייל א בלייגלאנץ קען האבן אפילו דער הימל,

אבער די קאנקרעטע כעמישע פארבינדונג באדארף הייסן

גלאנצבליי". טערמינעס אין כעמיע, ווילקאמירער

ייד' רעאל-גימנאזיע, 1926.

ב ל י ײ ג ל ע ט - דער, בא [illegible] בלײַזײַערס מיט צו[illegible]ישן פון אנדערע מעטאלן, ווערט געניצט אויסצו- ארבעטן גלאזור, אין טעפּערײַ, אין דער פארבן- אינדוסטריע אא[ז"וו] % די ערדענע טעפּ זײַנען באדעקט מיט בלײַגלעט אינעווייניק, זײַנען זיי זייער גלאטיק.

ב ל י ײ ג ע ו י כ ט - דאס, =ן. דזוו בלײַשנור.

1935 " נאך יעדער וויסנשאפטלעכער אויפבליונג קומט ...| א פארצווייפלטער סקעפּטיציזם און זוכט צו 4007

פארהינדערן דעם ווייטערן אויפשטײַג מיטן בלײַגעוויכט פון דער פארנײַנונג". מ. קאפפלער, תורה און יודענטום, סיגעט.

1941 " זיי וועלן זיך פרייען, אז זיי וועלן זען דאס בלײַגעוויכט אין זרובבלס האנט". תי, זכריה 4008

ד - 10.

ב ל י ײ ד - אדי/אדוו. (דטשמ) 1. שוואך (ספּעציעל ?נ?

וועגן אויגן).

2. שוואך אין פארשטיין עפּעס, טעמפּ.

3. "נאריש" |קטוו|.

0 בלײַדזיניק - אדי/אדוו. ( דטשמ) שוואכזיניק, נאריש.

ם בלע(ד)זינהייט.

1796 " יעדאך פער ליס ער זיך אויף זייני בלע|ד|זינהייט און אויף דש גראשי גדעכטנוס דא אים די גיטיגי 5944

נאטור מיט גטיילט הטי". טויזינד אונד איין פירטל שטונד, פראנקפורט דאדר, תקנ"ו, דף יח/ב.

באמ: די ציטאט איז, לויט דער צייט, ריין דייטש - דארף מען עס בכלל?

|בליידע| ב ל י ד א - די. שטיין-שליידערער, אמאליק געווער צו ווארפן קלענערע שטיינער. מהד:

blide

|XVI| "דיק - איין בלידא, מין כלי מצור". רייכלין 8, ירמיה נב - ד. 4661

ב ל יי ה א ל ט ע ר - דער, =ס. |סטוטש| 377 שאכטעלע צו האלטן בלייערס.

ב ל יי ה א ל ץ - דאס, בא. מין קראנקהייט, מום. (מז: fוואסער??).

1933 "האט מען צווישן יידן געקליבן די זעלנער ווי די אתרוגים פאר סוכות. א הויכריקיק' איז א פעלער. 4017
א בלייהאלץ א פעלער, א קראפ, א פארעך |...|".
ה. אפשאן, בית-ישראל-וויזשניצער רבי'ס הויף, סיגעט-מאראמורעש, ז' 35.

ב ל יי וו א ג - די, =ן |סטוטש| 55|. דזוו בליישנור.

ב ל יי וו א ס ע ר - דאס, בא. מין הייל-פליסיקייט |סטוטש| 427|.

1924 "|...| ס'איז זייער שעדלעך, ווען מ'לייגט צו צו א קראנקן אויג א טיכעלע מיט בלייוואסער". 4022
זש' פגעז, נ' 1, ווילנע.

דער, בה!

ב ל יי ו יי ס - ווייסע מינעראלע פארב.

1850 " צו זייַן האביר מעל מיט בלייא ווייס אין וואשיר אונ מיט דעם וואסיר דאש פנים וואשין מאכט שיין אונ קלאר פיין דיא צורה". תעלה ארוכה |...| לבוב, ז' 6. 4025

(גדערדיקן טערמינאַלאַגיִן לויט, וויל אין פּאַל מיט נאַרין)

1908 " אין פריש געמאלטע צימערן איז אויך געוויינלעך בליווייס, וועלכער איז זייער גיפטיק פאר אונדזערע לונגען". מ. גאטליעב, פאפולערע אלגעמיינע היגעניע, ווארשע, ז' 14. 4038

1932 " דער קיט מוז זיין גוט געמאכט פון אמתן גוט צעריבענעם בליווייס |...|". בערג, באם דניעפער!, מאסקווע, ז' 135. 4030

◊ בליווייסזאלב - די, =ן. היילשמירעכץ. (וטסנ Ungulentum cerussae).

ם בלייא ווייס/בלייא ווייש.

1728 " אונ' טוא אך אין דעם וואשיר איין פאר מעסיר שפיץ פול גישאבנין בלייא ווייס |...|". סור, שער אפרים !!, פיורדא, דף כ"ז - ב - !!. 4024

ב ל יי ז - דאָס, |באָ?|. " (שוסטערפאך) א געמיינער סארט ווייך לעדער". |ש. ווינטער, וולאצלאוועק, צו דער טערמינאלאגיע פון מלאכות, פש, ווילנע 1930, ז' 419|. 4668

באמ: איז עס דאס אייגענע וואס 'בלייז' II, ארויסגערעדט ווי אין פוילישן דיאלעקט.?

בלייז I - דער, =ן. דורכלאז, ליידיק ארט,
ליידיקייט; בלויז |או"ו|.

1941 " ווי נאך דעם בלייז פון איטלעכן". תי,
מלכים א, ז - 36. 4667

בלייז II - דער, =ן. (גארבעריי, שוסטעריי).
1. "א דין לעדער פון די פעלעכלעך פון שעפסן, וואס
ווערט צוגעטשעפעט אדער צוגעקלעפט מיט פאפ אונטערן
אונטערגעניי, הינטער די כאַליעוועס; פון דעם 3176
לעדער מאכט מען אויך פויקן, מען בינדט איין
דערין ספרים. דאס איז א בלייז, נישט קיין לעדער".
|י. אפאטאשו, יישפ I - 6|.

בלייז III - אדי. מאט, אָן גלאנץ |או"ו|.

בלייז IV - אדי. (וועגן אויגן) שוואך, קאליע
|סטוטש 306|.

... " |...| א הויכע א מאגערע אידענע, מיט בלייזע
אויגן, א ביסל א געקארטשעט פנים". י. אקסענפעלד, 4679
ערשטער ייד רעקרוט, ציט אויסג מאסקווע, 1931,
ז' 183.

... " ביז עס כאפט זיך ארויס נאך איינער, דווקא
א געלער און דווקא מיט בלייזע אויגן". שע, 4677
בלאנזענדע שטערן I, ציט אויסג ווארשע, 1922,
ז' 18.

בלייזאלב - די, =ן. דזוו בלייווייסזאלב (← בלײַװײַס).

1928 " וואס איז אזוינס בלייזאַלב, מיט וועלכע מע

באשמירט א ווונד, אדער צינקטראפנס |...|? צי זיינען

זיי אין דער אמתן געמאכט פון שטיקער בליי אדער 4043

צינק?". איבז |ווער?|, יע. ס. כאטינסקי,

יונגער כמיקער, מאסקווע, ז' 8.

ב ל יי ז א ל ץ - די/דאס, =ן. בנב |בליי ווייס?|.

1924 " אזוי, א שטייגער, ווערט ערשט צום מאלן מיט

ווייסע פארב געברויכט צינקזאלצן, אנשטאט בלייזאלצן". 4044

פגעז, נ' 8, ווילנע.

ב ל יי ז ו כ ט - די, בא. קראנקהייט |וואסערע?|.

1925 " מאנכע דאקטוירים האבן אפילו באמערקט, אז

צוליב דעם פארשווינדן פון קארסעט איז זעלטענער 4046

געווארן די קראנקייט בלייזוכט ביי יונגע מיידלעך".

זש' פגעז, נ' 10, ווילנע.

..............................................................

באמ: ס'קען גאר זיין א טעות, ס'דארף זיין בלייכזוכט

|סטוטש 420| - אנעמיע.

..............................................................

ב ל יי ז ט א נ ץ - דער, טענץ. סטריפטיז |אווו|.

ב ל יי ז י ק - אדי. אומפול, מיט בלויזן, מיט

דורכלאָזן.

..............................................................

באמ: ניט זיכער אין אויסטייטש.

..............................................................

1935 " |...| אפילו אין די בלייזיקע ציטאטן וואס

מיר האבן געבראכט |...|". מון, דער וועג צו 4670

אונדזער יוגנט, ווילנע, ז' 50.

בלײַזלשטאָף - דער, =ן. (לאָקל, טאַניק, גאַליציע) " געמײַנער שטאָף" |קטוו|. 4671

בלײַזן - טרוו. "מאַכן לײַדיק" |קטוו|. (?)

בלײַזע - די, =ס. (גאַרבערײַ) א סאָרט פעל אין א געווויסער סטאַדיע פון באַאַרבעטונג.

1922 " בלײַזע אדער האָלעצעס רופט מען אזעלכע פעל, וואס זײַנען מיט וואס פארא ניט איז מיטלען אויסגעהאָרט געוואָרן און פולשטענדיק צוגעגרייט צום גאַרבן". |...| וואָולאַך, האַנטביכל פאַר לעדער אויסאַרבעטונג I, פעטראָגראַד|, ז' 12. 4676

........................................................

(באַמ: אפשר איז עס דאָס זעלבע וואָס "בלײַז/בלײַז?)

........................................................

בלײַשראָם - די, =ען. (סטאָלערײַ) 1. "פאָדערשטע ראָם ביי א בופעט, ווו עס זיצן די טירן און שופלאַדן" [ה. ב״ף, טערמינאָלאָגיע פֿון סטאָלערײַ, לאַנדוי-בראָק, ווילנע, ז׳ 214].

2. "היגטערשטע זײַט ביים שפיגל". [illegible] [ב״ 1133] 4051

322 – בל

ב ל יי ך – אדי/אדוו. 1. אָן דעם נאטירלעכן (געזונטן)
קאליר פון דער הויט (ביי א מענטשן); בלאס. א
בלייכער שטערן. די בלייכע האנט.

1869 " אנקוקנדיק אים, איז ער געדאכט אן אפגעבארעט
יידל, בלייך, [illegible] גרוי ווי א טויב, פרום, 4716
שטיל, גאט די נשמה שולידק". ממוס, די טאקסע,
ציט אויסג נ"י, 1910.

1908 " איך זע דארט א בלייכן אפרייטער //, פארקאכט
אין דער ארבעט, א שרעק!". מר, שריפטן I, 4691
נ"י, ז' 12.

1920 " קוקט זי אים אן און דערזעט זיין בלייך
פנימל: קא' בלוטסטראפ אי' דעך נישטא אין זיין פנים 4682/2637
|...|". ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס, ציט אנט,
ז' 239.

1945 " און טאקע אין לאדזש אין די רויכן, // |...|
זינגט בראדערזאן משה דער בלייכער". סעג, 4830
א בוים פון פוילן, ב"א, ז' 84.

2. שוואך באלויכטן, ניט העל, שוואך באפארבט.
% א בלייכע לבנה. דער מאלער האט ליב בלייכע
קאלירן.

1910 " און בלייך ~~אאאאא~~ און טונקל וועט ווידער דאס
צויבערבילד |...|". ש. פרוג, אלע שריפטן I, 4740
נ"י, ז' 186.

1931 " דער בלייכער שניי האט אלץ בולטער געגומען
ארויסבלאסן, ארויסגיסן זיך מיט דער קאלטער ווייס- 4751
קייט". מק, זעלמעניאנער I, ~~מאסקווע~~ מינסק,
ז' 140.

1948 " נאך א נאכט אזא אָן שלאף, אין ראנגלעניש אָן
זינען,// זעט אויס צו בלייך ~~אאאאא~~ דער ליכטיקער 4684 באג-605
באגינען". סעג, איצטער, נ"י, ז' 201.

3. (פיג) אומקלאר, פארווישט, פארטושט. % בלייכע
איינדרוקן. ער האט זיך דערמאנט אין דעם, אבער
די זיכרונות זיינען שוין געווען בלייכע און
געפלדיקע.

4. (פיג) וועגן רייד, שילדערונג). ניט אויסדריקלעך,
ניט בולט. % די פערסאנאזשן פון בוך זיינען
בלייכע, אן לעבן, באוועגן זיך ווי שאטנס. די
ווערטער פון רעדנער קומען ארויס בלייך, ניט
איבערצײַגעוודיק.

1961 " ס'איז דא א סכנה, אז מדינת ישראל זאל אין
אמעריקע אומגעשאפן ווערן אין דער בלייכער געשטאלט 4731
פון אמעריקאנער ציוניזם". ח. ליבערמאן, פאר,
XI /17.

|| בלייכהייט - די, בא. (דטשמ) דזוו בלייכקייט.

1882 " זיינע וואנגען |ליפן| האבן זיך באדעקט מיט
א שטערבלעכער בלייכהייט". ש. וואלצאק, 4802
דיא פארלארענע קינדער, ווארשע.

בלייכלעך - אדי/ אדוו, אפשוואך-פארמע פון
בלייך. א ביסל בלייך.

1893 " דאס געזיכט איז בלייכלעך, און זי מאכט אן
איינדרוק פון א וועזן, וואס איז |...| פרעמד 4786
פון ארבעט". י. גוידא, דער נייער פראצענטניק,
ווילנע, ז' 6.

1920 " און איבער די פעלדער, די בלייכלעכע שטרעקעס,
// געשוועבט האבן זיידענע שאטנס פארטראכט". דא, 4787
גש I, ווארשע, ז' 22.

בלייכערהייט - אדוו. אין מצב פון זיין/ווערן בלייך.

1911 " |...| וועך עס הייבט אן שטארק צו טאגן, זעען
זיי |די שטערן| זיך נאך בלייכערהייט אויף דעם 4839
הימל-געוועלב". י. באוושאווער, גש, נ"י,
ז' 318.

בלייכקייט - די, בא. אייגנשאפט/מצב פון זיין
בלייך.

1937 " |...| איז דער מאמעס בלייכקייט |...| אויס-
געוואקסן אין מיינע אויגן". ש. בערלינסקי, 4843
א לעבן גייט אויף, ציט אנט, ז' 70.

1966 " ווי ליב איז מיר אין דיר דאס יונגטרויט,
// וואס שלאגט זיך דורך דורך בלייכקייט פון
דיין הויט". האל, מיין אוצר, מאסקווע,
ז' 196.

פפ: בלייך ווי:

א גריל, א דערשראקענער האז, א טויטער, א יתומל,
א ישיבהניק, א לופּענע, א לייוונט, א ליילעך,
א מת, א פגר (פגירה), א שאטן, די לבנה,
פּאפּיר, קאלך, תכריכים; נאך א קרענק, נאך א
תענית |סטוטש 294, יישפ V - 4 - 6, IX |.

בלייך ווי א טוך.

1865 " ער וואר בלייך ווי א טוך פון גרויס צארן".
4758 |אמד|, דיא קרעמערקע אדער |...|, ווילנע, ז' 14.

1892 " די האר האבן זיך אים געשטעלט ווי צוועקעס,
4680 און איז געווארן בלייך ווי א טוך". ע. בלאשטיין
|...|, דיא שוויגער, ווילנע, ז' 78.

בלייך ווי די וואנט.

... " ר' חיים ליגט אויפן בעטל, אטעמט שווער און איז
4743 בלייך ווי די וואנט". ממוס, שלמה ר' חיימס... [ב'?],
ז' 19.

1934 " ווערט יהיאל דערשראקן, בלייך ווי די וואנט
4705 |...|". אש, דער תהילים-ייד, [illegible].

בלייך ווי קרייד.

1893 " מענדל איז בלייך געווארן ווי קרייד".
4722 י. גוידא, דער נייער פראצענטניק. ווילנע, ז'15.

טויט בלייך - דזוו בלייך ווי דער טויט |סטוטש| 420|.

זיין בלייך אונטער די זשאברעס - זיין אין א שלעכטער
שטימונג, אומצופרידן |סטוטש| 512|.

ם בלייך/בליאך ׳

1. ←---

| XVI | " נכל - אישט בליאך וורדן, פלום׳ שאבד מראהו".
רייכלין 8, איוב לג - כא. 4750

1625 " דא האט דר מלך צו מיר גירעט ווארום איז דיין
פנים (רעים) צו בראכין אונ׳ בלייך". סהמן,   4702
נחמיה, ב - ב, לובלין.

2. ←---

1728 " איז דער שתן רויט אונ׳ בלייך האט ער וואש
אום גיזונדט אין זיינם מאגן". סור, פיורדא,   4721
דף יז - ב - II.

|| בלייכלין

1602 " |...| האבן וויא ווייבר אין קינד ניטין אונ׳
אל אן גיזיכט אזו בלייכלין זעהן". שעריר,   4721/א
פראג, ל - 1.

ב ל יי כ ב ל ו ם - די, =ען. (באט) געוויקס (וו־סנ Asphodelus ) פון דער ליליען-משפחה, מיט שמאלע בלעטער, וואס וואקסן ארויס ביי די ווארצלען, די בלעטער זיינען בלייך ווייס.

ב ל יי ך וו ערן/בלייבן - אויסוו. פארלירן דעם נאטירלעכן קאליר פון פנים; בלאס ווערן. (?נ?)

1864 " אלע זיינען געבליבן |...| בלייך פון שרעקן.
קיינער האט ניט געקאנט אפציען זייך אטעם". אמד,   4704
דער גרויסער רויבער |...|, ווארשע.

1926 " אז די ׳וואך׳ קומט, ווערט ער בלייך, שאקלט
פון זיך אפ די קאשע, פארקנעפלט די פאלעס". 4687
א. בערגמאן, דאס פוילישע שטעטיל, ווארשע, ז״95.

1964 " די ווייבער |...| האבן זיך צו איר א לאז
געטאן זי אונטערצוהאלטן אזוי פארחלשט בלייך איז 4736
זי געווארן". חג, טמז XI/13.

ב ל יי כ ז ו כ ט - די, בא. פפ בלייכע זאכ(ט).
(עלט) בלוטארעמקייט, אנעמיע.

1898 " |...| ביי בלייכזוכט האט דאס בלוט ווייניק
העמאגלאבין אין די רויטע קייקעלעך |...|". 2288
איבז און באארבעט ד. מארדפין, לויט לונקעוויטש
און אנדערע, די לעהרע פון לעבען, בערלין,
ז׳ 18.

1908 " אזא מין ערציונג ברענגט פארשיידענע ארגאנישע
פעלערס, ווי למשל |...| אומרעגלמעסיקע אנטוויקלונג 4781
פון |...| קערפער, בלייכזוכט |...|". איבז
|ווער, פון וועמען?|, עצות פאר דעם פרויען לעבען,
ווארשע, ז׳ 5.

ב ל יי כ ז י כ ט י ק - אדי. (עלט) בלוטארעם,
אנעמיש.

1922 " |...| א לאמען, א קרעציקן, א בלייכזיכטיקן
|...|". איבז/ זאלקינד, ברכות, נח/2. 4782

ב ל יי כ ל ע ן - אוטוו. (שנש?) דזוו בלייכן I.

1959 " דייך פנים האט געטאן פאר מיר אין פינצטערניש
א בלייכל |...|". בראד, אויסגעקליבענע 4784
שריפטן, ב"א, ז׳ 74.

ב ל יי כ ן I - אוטוו. שיינען בלאַס, שוואַך.

1910 " דער ברעג פון האריזאנט, וואס הייבט שוין
4793 אן צו בלייכן, // א ווייסער טיול, וואס הילט דאס
ענגע געסל איין |...|". דא, שטילע געזאנגען,
ווארשע.

1930 " מיר האבן דעם עלנט געבונדן // און ווארטן
4816 פרימארגן זאל בלייכן". א. שומיאטשער,
אין שעהן פון ליבשאפט, ווילנע, ז' 182.

1960 " א נעפל-ווייכקייט מילכיקט, בלייכט, //
4815 פארוויגט מיך נאך אנאנד". רוב, מגילת רוסלאנד,
נ"י, ז' 164.

בלייכן זיך - 1. דזוו דפוו.

... " ערקוקט ארויף צום שמאלן פאס הימל, וואס...
4820 בלייכט זיך הויך איבערן ענגן געסל". פרץ,
משופע, ציט אויסג, נ"י 1947, אלע ווערק ב' III:
ז' 147.

1909 " ווייסע הייזעלעך זענען געשטאנען |...| און
4809 געבלייכט זיך אין דער פינצטערניש". ווייס,
שוואלבן |זב?|, ווארשע, ז' 8.

1921 " די ווייסע שטיינער האבן זיך געבלייכט אין
4823 דער טונקעלער נאכט". אש, ארץ-ישראל,
ווארשע, ז' 199.

2. בלייך ווערן.

1966 " איר בלייכט און רייטלט זיך, ווי א פארשעמטער".
4807 האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 63.

**בלייבן (זיך) אויף טאג** – אנהייבן שיינען אויף טאג, אנהייבן טאגן.

1941 " ...| הייבט אן אין די פענצטער **זיך בלייבן אויף טאג**" י. מארגאליס, טאכרים, קאונאס. 4801

1956 " ווערטער פארן באגינען: |...| עס **בלייבט זיך אויף טאג**". ש. סיימאן, ווארצלען, ב"א, ז' 105. 4821

**בלייכן II** – טרוו. 1. העלער, ווייסער מאכן | לז, 2, פורב|. % בלייכן וועש.

1920 "**בלייכן** מיינט כעמיש עטוואס ווייס מאכן. כלאר איז דער בעסטער בלייכער. ווי נאר דער פייכטער גאז קומט אין בארירונג מיט געוויסע קאלירטע ארגאנישע שטאפן, ווי רויער באוול, ווערט דער קאליר גלייך פארשווונדן און דער שטאף ווערט בלייך ווייס". ס. פיינסטאון, כעמיע, נ"י, ז' 130. 4794

1923 " די ווייסע לייוונט-פאטעס |פאסן|, וואס די גויעס שפרייטן אויס אויף די גרינע לאנקעס צום **בלייכן** אויף דער זון". דער' א. קליינמאן/ יודישער ליטעראַרישער קאלענדאר התרפ"ג, לעמבערג, ז' 44. 4810

~~... " ווען איינער האט גערויט האלץ און האט עס געהעבלעוועט, |...| וואל און די געבלייכט |...|". |א. זאלאינד?|, בבא קמא, צג/ב.~~ 4822

1965 " עס ווערט געניצט |דער אקסאל-זייערס| צו **בלייכן**, ארויסנעמען פלעקן |...|". י. וואלאך, טמז, VIII/29. 4814

2. פארבן די האר, אויף א העלערן קאליר.

1974 " סטעפּטשא האט אזעלכע צעשראקענע אויגן ווי
הנהלע, אויף אזעלכע טונקעלע האר, אבער זיי זענען
געבלייכט אויף שטרוי בלאנד". י. עלבערג,
אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 204.

בלייכן זיך - 1. רעפל צו ב 1 - 2.

2. (אַלט?) שמינקען דאס פנים אויף ווייס.

1866 " דריי טעג איז געגנוג צו ווייַנען | אויף א
געשטארבענעם| דרייסיק טעג ניט צו בלייכן און ניט 4817
צו שערן זיך". דרכי עולם |...|, ווילנע, ז' 130.

בלייכונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון בלייכן.

1934 " דער |דאס| ברויט אין מאסקווע איז אויסגעצייכנט.
|...|. קיין קינסטלעכע קארן-בלייכונג מאכט מען 4777
דא ניט". ד. מין, אקערשט פון מאסקווע,
ווילנע, ז' 23.

1960 " |...| עס קען זיין א נאטירלעכע בלייכונג
אויף א לאנקע אדער א בעמישע מיט כלאָרקע (כלאָרקאַר)". 4773
ל. זאמעט, יישפ XX - 3.

בלייכער - דער, =ס. 1. מאטעריאל, וואס דינט צום
בלייכן.

1920 " כלאר איז דער בעסטער בלייכער |...|".
ס. פיינסטאון, כעמיע, נ"י, ז' 130. 4794

1930 " א קראכמאל-זויערקייט פון בלייכערס לייגט
זיך אויף די ראנדן פון די מיילער און די אויגן". 4836
אש, ווארשע, ציט אויסג, נ"י, 1949, ז' 259.

2. דער מענטש וואס פארנעמט זיך מיט בלייכן.

בלייכעריי - 1. דאס, בא. דאס פארנעמען זיך
מיט בלייכן, די באשפעטיקונג.

1960 " איך נ״מ 31 |פון "יידישער האנטווערקער"|
רעדט ד"ר ל. ח. יפה וועגן בלייכעריי, פארבעריי 4837
און ציגדרוקעריי". ל. זאמעט, יישפ XX - 3.

2. די, =עך. פאבריק/ווארשטאט ווו מע בלייכט שטאָפּן.

0 בלייכהויז - דאס, ~ הייזער. דזוו דפוו,
ב 2.

1930 " איך די בלייכהייזער האט ער געזען, ווי די
שטראָמען לייוונט קומען אָן |...|". אש, ווארשע,
צ׳יט אויסג, נ"י 1949, ז׳ 201.

בלייכפּודער/בלייכפּולווער - דער, =ס. [illegible]
מאטעריאל צום בלייכן.

1920 " אויסער וואס קאכזאלץ ווערט באנוצט אלס א
שפייז |...|, ווערט עס אויך באנוצט אין דער 4762
פאבריקאציע פון |...| סאדע, זייף, גלאז, בלייכפּולווער
און אנדערע ניצלעכע ארטיקלען". פ. פיינסטאון,
כעמיע, נ"י, ז׳ 110.

בלייכפאבריק - די, =ן. דזוו בלייכעריי, ב 2.

1862 " ער |דער קעניג| איז אויך געקומען אין דעם
בארימטן בלייכפאבריק". |הערה אין טעקסט: ווו. 4768
מען בלייכט גוטע לייוונט און טייערע וועבלעך"|.
קמ, נ׳ 4, ז׳ 53.

בלייכקאלך - דער/די - בא [טערם כעמיע, ווילנע 1921; פור ב] מישונג פון קאלציום-זאלצן, פון זאלצזיירס און אונטערכלאריקן זייערס, א ווייסער פראשעק, ווערט געניצט צום בלייכן געוועבן, ווי אויךביים פארבן.

מבלייכע / בלייכא - 1. אָרט וווּ מע בלייכט אדער/וואשט וועש. אהפּ: bleiche

[XVI] " עין רוגל - דר ברונא ווו דר בלייכא".
רייכלין 8, יהושע טו - ז. 4783

2. דער וועשער, דער בלייכער.

[XVI] כובס - דער בלייכי, הוא המכבס בגדים".
דצוו, ישעיה, ז - ג. 4826

בלייכפנימדיק | בלייכפּענעמדיק | - אדי. וואס האט א בלייך פנים.

1927 " ניט קיין בלייכפּנימדיקע באנק-קוועטשעריי, ניט קיין מערידנדיקע סתם-גריבלעריי |...|". 4765-66
ים, זש' נייע וועגן, ריגע.

1938 " עליע האט געקענט דעם נאמען, געדענקט פון אמאל א שווארצלעך בלייכפנימדיק מיידל". 4767
נויעב לוריע, עליע יארש, בערדיטשעוו.

|| =(ק)ייט - די/דאס, בא. ~~[illegible]~~ [illegible]
[illegible]

בליים - ---> בלום.

בליימל - ---> בלימל.

ב ל יי מ ע ן - טרוו. (אמ, נא). ארויפוואַרפן די שולד, באַשולדיקן, בלאַמירן |סטוטש 587|.

ב ל יי ע ן I - בלייערן.

ב ל יי ע ן II - אוטוו. (שנש) 1. זיין שווער, פאַלן שווער ווי בליי.

1929 "עס בלייען די פיס". פמ, ברידער, מאָסקווע.

1947 "א שמחת-תורה-פענדל שלאָפט. א חנוכה-דריידל בלייט". צייט, גל III, נ"י, ז' 329. 4079

2. אויסזען ווי בליי (גרוי, שווער).

1939 "ס'בלייען די לוזשעס און לייכטן אַזוי". י. פאַפּירניקאָוו, סערגיי יעסענין ... ז' 23.

ב ל יי ע ב ק - אַדי/אַדוו. (שנש?) דזוו בליי(ר)ן, ב 2.

1932 "זיין קאָפּ איז אים געווען שווער בלייענדיק". ייז, יאָשע קאַלב, וואַרשע, צייט אויסג, נ"י, 1956, ז' 55. 4078

ב ל יי ע ס י ק - דער, בא. הייל-פּליסיקייט. |וואַסער??|.

|אנהייב XIX י"ה?| "ווען עס רינט שטאַרק פון די אויגן נעמט מען מאַלוועַנטיא מיט צוועלף טראָפּן בלייא עסיג". דער הויז דאָקטאָר, |לעמבערג?|. 4089

1909 "אַז די מערידן טוען אים שטאַרק וויי, נעמען |...| בלייעסיק, דאָס אַריינגעבן אין |...| וואַסער |...| צולייגן אויף דעם אָרט פון דעם שמערץ". 4090

א. י. שפערלינג, ליקוטים II, (טעמי המנהגים), לעמבערג, דף ס.

ב ל יי ע ר - דער, =ס. מכשיר צום שרייבן, צייכענען אדער מאלן, באשטייט פון א שטיפטל פון גראפיט אדער פון א טרוקענער געפרעסטער פארב, ארייננעמאכט אין א שטעקעלע פון האלץ, פלאסטיק אע; בלייפעדער, בלייפען, בליישטיפט, שרייבפענדל. ס'/שווארצער בליי ער, די קינדער מאלן מיט קאלירטע בלייערס. טינט-בלייער, צייכן-בלייער. ס'איז געשריבן מיט א כעמישן בלייער, קאן מען עס ניט אויסמעקן.

1926 " |...| נומער'ירט איבער מיט א בלייער די אייער, פארשרייבט צו זיך אין העפט". יאכ I, קיעוו, ז' 257. 4095

1932 "|...| פארצייכנט, אז ס'האט זיך דער בלייער צעשפריצט". אי. כאריק, קיילעכדיקע וואכן, מינסק, ז' 109. 4097

1951 " בלייפעדער איז עפעס צו לאנג, האט מען געקירצט: בלייער". ימ, זב ליטע I, נ"י, ז' 463. 4098

0 בלייער-האלטער - דער, =ס. א ספעציעל שאכטעלע צו האלטן בלייערס, געניצט דורך שולקינדער.

ב ל יי ע ר ד י ק - אדי/אדוו. (שנש?) דזוו בלייע(ר)ן, ב 2.

1910 " איר הימל איז שטענדיק א ביסל בלייערדיק שווער". ש. פרוג, אלע שריפטן I, נ"י, ז'.....

ב ל י ע ר ל - דאס, =עך. 1. פלאמבע, בליי-
חתימה |סטוטש 365|. %דאס פעקל איז אנגעקומען גאנץ,
נאך מיט דעם בלייערל פון דער פאטשט.

1888 " איר בלאוועסער שאל פון די רויטע שאלן |...|
איז נאך שפאגל ניי |...|, אלע קנייטשעלעך |...|
אפילו דאס בלייערל זייגען גאנץ". ייפאל,
ז' 312.

2. שטיקעלעך בליי, אריינגעמאכט אין די לעדערלעך פון
א בייטש, קאנטשיק.

... " אין דער לינקער |האנט| האב איך אים אריינגע-
שטעקט דעם קאנטשיק מיט די בלייערלעך". פרץ, 4102
ציט אויסג נ"י, 1947, ב' II, ז' 335.

ב ל י ע ר ן - אדי/אדוו. 1. פון בליי.
% א בלייען שיסעלע. דער יעגער האט בלייערנעם
שרויט פאר דער ביקס. די קינדער שפילן זיך מיט
בלייענע סאלדאטלעך.

1961 " ער האט געגעבן א הייב זיין לעדערנעם אראפניק
|בייטשל| מיטן בלייענעם שפיץ איבערן יידס פנים". 4065
פ. רודאי, טמז, IV/30.

2. (פיג) שווער (ווי בליי).

1905 " |...| דער הענקער האט ווייטער ארויפגעלייגט
זיין בלייערנע האנט אויף דער ברוסט פון פאלק". 4113
רעד' ז. סינאני און יוחנן הקנאי, זש' קאמפף און
קעמפפער, פינפטע ליפערונג, |זשענעווו?|. ז' 19.

1940 " זייך אונטערשטע ליפ לאזט זיך אראפ, גיסט זיך
אן, ווי א בלייענע". בערג, באם דניעפער II 4072
מאסקווע, ז' 49.

1970 " שטייט אויף ריווערסייד דרייוו א הויז. |...|
גליווערט עס בלייערן". צייט, אלע 4111
לידער און פאעמעס II, נ"י, ז' 403-404.

3. (פיג) [illegible]

1897 " ער ~~הבמעך~~ |...| האט אפגעלעבט איין בלייערנעם
לעבן, קיינער האט אים |ניט| באדויערט".
א. י. בוכבינדער, דער קליגער פריקאשציק,
ווארשע, ז' 21.

1931 " צוגעגאנגען צום טייך |...| און עס איז אים
|...| אומעטיקער געווארן, אליין ביי דעם בלייענעם 4067
וואסער |...|". מק, זעלמעניאנער I,
ז' 109.

1943 " זאג ניט קיין מאל, אז דו גייסט דעם לעצטן
וועג,// כאטש הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג 4019
|...|". ה. גליק, פארטיזאנער הימען.

4. (פיג) דריקנדיק, דערדריקנדיק.

1867 " דער לעצטער קרעכץ איז ארויס פון איר ברוסט,
און נאך דעם האט איינגעטראטן די אייביקע שטילקייט, 4119
דען זי האט |איז| איינגעשלאפן שוין דעם בלייענעם
שלאף". אמד, גדולת ראטהשילד, ווילנע.

1938 " געלייגט זיך אין בעט אריין. דערנאך זיינען
אוועק טעג, ווען ער האט כסדר געהיט |...|, אז 4083
דער זאל זיך נישט ארייננכאפן אומגעריכט. פארט האט
ער זיך א מאל פארגעסן און א דרימל געטאן א
בלייענעם דרעמל |...|". מ. ווינער, קלעוור
אשקענאזי, מאסקווע.

1972 " יידן זיינען געשטאנען דערדריקטע, מיט א
בלייענעם פחד אין די הערצער". מ. צאנין, 4069
ליבשאפט אין געוויטער, ת"א, ז' 254.

ס בלייענער קאפ - אויף איינעם וואס באנעמט שווער
און ענין, א פארשטאפטער קאפ" |קטוו|.

<u>בלייע(ר)נער בליק</u> - שווערער, דערדריקנדיקער, אַן=
רחמנותדיקער בליק.

1925 " ער ווארפט <u>בלייערנע</u> בליקן דא אויף דער שפיז,
4112 דא אויף פאביאנען |...|". <u>ייז</u>, <u>אלטשטאט</u>,
פון בוך "<u>אויף פרעמדער ערד</u>, ווארשע, 1925,
<u>ציט אנט</u>, ז' 308.

1972 " עס איז היינט ביי מיר א ווייבערישער טאג -
3979 האט ר' יואל געטראכט און געקוקט אויף דער יידענע
מיט א <u>בלייענעם</u> בליק". <u>חג</u>, <u>פאר</u>, III/19.

<u>בלייענער פויגל</u> - (<u>שלש</u>) וועגן אן אומרירעוודיקן
מענטשן, א שלימזל וואס ווייסט ניט ווי צו באגייין
זיך מיט זאכן, וואס עס פאלט אים אלץ פון די הענט.

1894 " היינט איז א שיינע סצענע צו באטראכטן, ווי
4086 די <u>בלייענע פויגל</u> הייבט זיך אויף און זוכט די
קליידער אויף אנטאן זיך". <u>א. צ. הכהן צווייפעל</u>,
<u>תוכחת חיים</u>, ווילנע,

... " זע נאר ווי ער רירט זיך, ווי א <u>בלייענער</u>
4077 <u>פויגל</u>". <u>שע</u>, <u>בערעלע</u>......

1961 " |...| ער, דער חלוש, דער <u>בלייענער פויגל</u>,
4085 וואס פאלט איבער א ציצה |...|". <u>ב. רעסלער</u>,
<u>טמז</u>, VIII/26.

<u>בלייענער צלם</u> - "פאלשער, דרייט זיך אויף אלע זייטן".
|<u>י. טשערניאק</u>, <u>יישפ</u> XXVII - 3|.

ם ----> 1.

1728 " ער |ווער| קאן ניט האבן קיין שטולגאנג| זאל
4080 אייך שלינגין אייך <u>בלייאיני</u> קוגיל אודר עטליכי
שריטין וואו מן האזין מיט שיסן טוט". <u>סור</u>,
<u>שער אפרים</u> II, דף כד - I.

XVIII י"ה| " זאלשט דיר אן גרייטן צוויי בלייאנה

בלעכן און זאלשט דען שם המפורש דרוף אוש קריצן 3969

|...|". אמרי יוסף....

בלייפאפיר - דאס, =ן. |לל2, פווב|. זייער דינער בלאט פון בליי, דינט צום איינפאקן געוויסע שפייזפראדוקטן, צו באפוצונגען, פאר שפיגלען אע; פאלגע, לייש.

1926 " וויקלט ארום די באנקע |...| מיט בלייפאפיר

ביז ארויף, כדי אין דעם נערצעלאז זאלן זיך ניט 4121

אנטוויקלען קיין וואסער ווקסן". יאכ I, קיעוו, ז' 55.

?נ? בלי - יפונה |... יעפונע| - אדוו פר.(לל) אן אפקער, אן וואקלעניש, אויף זיכער.

1912 "|...| צו טרייסטן זיך און אונדז, אז איבער

מארגן בלי יפונה קומט די סאציאלע רעוואלוציע". 3631

זשיט, שריפטן II, נ"י, ז' 174.

בלייפעדער - די =ס. דזוו בלייער.

1881 " ס"ת |ספר-תורה| שעשה בו הקורא נקודות בסוף

פסוק |...| בכדי שיוכל לקסות |...| פסול. |...| 4130

אם גם בבלייא פעדער הדין כן כי הקורא צייך זאת

בבלייא פעדער". הרב משה שיק, שו"ת מהר"ם שיק, חלק יורה דעה, מונקאטש, דף צ"ד - 2.

1928 " די בלעטער-מארגינס |ראנדן| זענען געווען

באשריבן מיט בלייפעדער". אפא X, ווילנע, ז' 14. 717

1930 " דאס געפוצטע בחורל גיט א שטריך מיט דעם [?]

בלייפעדער אין הויפט בוך... ווידער א מיש מיט די 4133

אנגעקראכמאליעטע בלעטער און ווידער א שטריך מיט

די בלייפעדערס". י. פערלע, נייך א זייגער

אינדערפרי, ווארשע, ציט אנט, ז' 441.

באמ: "דעם" שטייט אין אויסגעשריבענעם טעקסט,

דערפאר געגעבן די ציטאטע.

339 - בל

עס=

ב ל ײַ פּ ע ן (ע) - די, דזוו בלײַער.

פּקפּ בלײַפּענדל.

1869 " איך נעם פון רענצעלע מײַנס איך בײַדל ארויס

א בלײַפּען, רײַס אפּ פון סידור דאס אײבערשטע 413

לײדיקע בלעטל |...| און שרײַב". ממוס, פּישקע

דער קרומער, ציט אויסג נ"י 1910.

1922 " |...| פון אט דעם גראַפּיט מאכט מען געווײנטלעך

בלײַפּענעס". איבז ז. קאלמאנאוויטש, א. וואגנער, 414

מעשיות וועגן ערד, בערלין, ז' 52.

1973 " פון מאל צו מאל האט ער מיט א בלײַפּענדל עפּעס

פאַרצײכנט אויף א בויגן פּאַפּיר". באַש, פּאַר, 414

.28/IV

[illegible]

ב ל ײַ צ ו ק ע ר - דער, באַ. כעמישע פאַרבינדונג

|טערמינאלאגיע פון כעמיע, זש' די נײַע שול,

ווילנע, 1921 (5)|.

1922 " קויפט אין אפּטײק א ביסל 'בלײַצוקער', 4143

וואס קומט ארויס פון דער פאַרבינדונג פון בלײַ

מיט עסיק-זויער. דער דאזיקער ווײַסער שטאָף זעט

אויס ווי זאַלץ און איז לחלוטין ניט ענלעך צו בלײַ

אדער עסיק-זײַער". איבז ז. קאלמאנאוויטש,

א. וואגנער, מעשיות וועגן ערד, בערלין, ז' 57.

ב ל ײַ ק - אדי/אדוו. וואס בליט, וואס איז מיט

בלומען, בלימנדיק. (לשון)

1925 " איז געקומען אָקטיאַבער // נאכן בלײַקן זומער".

אי. פּעפּער, א שטײגן צו א שטײגן, קיוו, ז' 86. 3805

339 a " איך בין נאך די גרייס דא, די מיט און די 1933

עקן, // פאר בינטעלע <u>בלייקע</u> יאר איך וועל קלעקן". 4155

<u>קוו</u>, <u>לידער און פאעמעס</u>, [crossed out] ז' 19 – 20.

||=(ק)<u>ייט</u> – די, <u>בא</u> |<u>סטוטש</u> 249|. אייגנשאפט

פון בליען.

1967 " ס'איז וואלד און מערער ווי וואלד, // רמזדיק

3728 – וואלדיק – <u>בלייק</u> [crossed out] <u>יפ</u>, <u>ליבשאפט</u>,

ה"א, ז' 45.

ב ל י י ק – <u>אדי/אדוו</u>. ווי בליי (שווער, דריקנדיק,

האמעטנע, גרוי).

1929 " ס'קלינגען הונגערטעג ווי קייטן <u>בלייקע</u> |...|".

4059 <u>מק</u>, <u>פאעמען</u>, ווילנע, ז' 12.

1935 " געגאנגען זענען דעמאלט די טעג ווי פינצטערע

4057 כמאכעס, <u>בלייקע</u> און טריבע". <u>י. טראכטנבערג</u>,

<u>אויף באסאראבער ערד</u>, סיגעט, ז' 54.

1962 " ביים טייך איז פוסט. דאס וואסער ריזלט שווער

4060 און <u>בלייק</u>" [crossed out] <u>חג</u>, <u>דער מענטש פון פייער</u>,

נ"י, ז' 49.

בלייקע – די, =ס. | סטוטש 377 | דזוו בלייער,

~~[illegible]~~

1948 " אן אנגעפראפטער צימער מיט פאפיר, פארבן,

לייווונט, פענדזלעך |...|. ער האט אנגעשניטן 4156

קליינע בייגעלעך פאפיר, גענומען בלייקעס, א ביסל

אקווארעל |...|". שירע גארשמאן, דער קויעב

פונ לעבנ, מאסקווע.

ב ל ײַ ש ט י פ ט - דער, =ן. דזוו בלײַער.

... " איך האב מיר אומיסטנע געקויפט א רייינעם בוך

4163 מיט א בלײַשטיפט". שע, אײַזנבאהן - געשיכטעס,

ציט אויסג.... ז' 8.

1922 " צי איז געזעצלעך און אונטערריפט אויף א

4162 התחייבות מיט א כעמישן בלײַשטיפט?". ב. האלפערן,

א האנט בוך |...| פון א פאלקסבאנק, ווילנע, ז' 38.

1965 " די תשוקה צו א קאלירטן בלײַשטיפטל האט

4171 געשפילט אן אנטשיידנדיקע ראל אין סוטינס קינדהייט".

זב ליטע !!, ת"א, ז' 526.

באמ: דערגאנצן ביבל(געפינען מחבר פון ארטיקל און טיטל.

צום בלײַשטיפט - פארדרייט (שפאסיק אדער אום-

וויסנדיק) פון 'באַשפיל'.

... " אט, למשל, כאפט אַן, צום בלײַשטיפט, א יונגע

4160 אלמנה, ווי איר זעגט". שע, מזל טוב.

ב ל ײַ ש נ ו ר - דער/די, =ן.

געוויכטל, ס'רוב פון בלײַ, אנגעצויגן אויף א

שנור, געניצט צו באשטימען די ווערטיקאלקייט ביי

בויארבעטן אע. % דער מוליער הענגט אַן דעם

בלײַשנור ביים לייגן די ציגל. דער בלײַשנור

ווייזט, אז דאס ווענטל איז קרום.

1880 " אנק - בלײַשנור". אוצר השרשים, ווארשע, ... 4175

ם בלײא שנור.

4176 1767 " אנק א. משקל עופרת: בלײא שנור". שוב.

ב ל י ל ה |באלײַלע| - |טײַטש: בײַ נאכט| אדוו.
געניצט נאר אין אויסדרוק:

חכם |כאכעם| בלילה - געזאגט אויף אײנעם
וואס איז גאר קײן חכם נישט.

1911 " און איך, בחור, בין דאך אויך געווען א
חכם בלילה |...|". ממוס, די קליאטשע.
קאנק: 926270.

ב ל י מ ה |בלימע| - די, בא. (לל) גארניט, פוסטקײט,
וואַקוום, נול. |תולה ארץ על בלימה". איוב כו' - ז,
טײטש: די ערד הענגט אויף גארניט".

1938 " |...| איבער הונדערטער יארן ציט זיך אט די
4864 בענקשאפט נאך דער 'בלימה' - דעם 'גארניט'".
קאר, שריפטן I, נ"י, ז' 99.

1945 " |...| און דענצמאל גיבן זיך די שטערן א
4863 פארלעש, // א ציטער גיט אונטער דער ערד דער
בלימה |...|". אפּא, יעקבס געצעלטן, נ"י,
ז' 132.

ב ל י מ ו נ ג - בליונג, בליעכץ.

1668 " |...| דער שטאב |שטעקן| אהרן דער דא האט
4865 לאזן אויז גין פון אים זעלבר בלומן אונ' ער
האט גיבליאט בלימונג". יוסיפון, אמשטרדם, דף
רפט - 2.

ב ל י - מ כ ש ו ל |... מיכשל| - אדוו פר. (לל)
אומגעשטערט, אָן שום שטערונג.

1966 " איך האב מיך תיכף-ומיד אפגעטראגן פון דארט
3636 |...| בלי מכשול". י.י. זיכערמאן, נחלת יעקב,
נ"י, ז' 157.

ב ל י מ ל ; ב ל י מ ע ל ע - ---→ בלום.

ב ל י מ ל ד י ק - אדי. באַמאָלט מיט בלימלעך.

% די פויערטע טראגט א <u>בלימלדיק</u> טיכל אויפן קאפ.

1939 " עס איז א גוט. געבענטשט מיט כל-טוב |...|
4866 מיט הויכע טאסנעס, |...| פעלדער מיט <u>בלימלדיקע</u>
דאַבילעס |?|". <u>ב. שקליאר</u>, <u>אויף פאלשע וועגן</u>,
קאונאס.

ב ל י מ ל - ז אַ מ ל ו נ ג - ←-- <u>בלימלטאָג</u>.

ב ל י מ ל ט אָ ג - דער, =~ טעג, פפּ <u>בלימל-
זאמלונג</u>. אן אקציע צו זאמלען געלט-באשטייערונגען
לטובת א געזעלשאפטלעכן אדער פילאנטראפישן צוועק
| דער נאמען שטאמט דערפון וואס די זאמלערס/
זאמלערינס פלעגן ארומגיין איבער די גאסן, געשעפטן
<u>אע</u> און צושפיליען דעם ביישטייערער א בלימל, ס'רוב
פון פאפיר, אדער סתם א צעטעלע מיטן נאמען פון
דער אינסטיטוציע|.

1923 " |...| דורכפירן <u>אַן</u> 'אָזע'-טאג איבער אלע שטעט
3547 און שטעטלעך פון ליטע. אין די 2 טעג איינאָרדענען
פאפולערע פארלעזונגען, <u>בלימל-זאמלונגען</u>".
<u>זש' פגעז</u>, נ' 5 - 6, ווילנע.

1951 " אלע ארגאניזאציעס |...| האבן געהאט זייערע
3549 <u>בלימלטעג</u>, בעת מען פלעגט ארויסשיקן פארלעך צו
פארקויפן פאפירענע בלימלעך לטובת די פארשיידענע
שטאטישע מוסדות". <u>ז. באַק</u>, <u>זב ליטע !</u>,
נ"י, ז' 1423.

1970 " לויט דער איניציאטיוו פון די פרויען האט מען
3535 אין שטעטל אדורכגעפירט פארשיידענע אקציעס, ווי
צ"ב, א <u>בלימלטאג</u>, זאמלונגען אויף חתונות |...|".
<u>י. מאיראוויטש</u>, <u>יזב זלאטשעוו</u>, ת"א, ז' 58.

בלימלען זיך - באַדעקן זיך מיט בלומען, בליִען.

1923 " ווידער בלימלען זיך די קלומבעס |...|".

ל. ניידוס, פּאָעמען, װאַרשע, ז' 161. 4871

1971 " די פּרינצעסין בלימלט זיך אין דער שקיעה-שעה".

ש. שוואַרץ, גאָלדענער גלות, ת"א, ז' 60. 4872

בלימען |האַרטער ל| - אומוו. (רעג, אוקר) (?נ?)

„פינטלען מיט די אויגן" |קטוו|. Uk: блимати

% "ער האָט געקוקט אויף דעם רעדנערס לעדערנעם 4873

רעקל און געבלימט |געבלימעט?!| מיט די אויגן"

|קטוו|.

בלי-מסקנא |...מאַסקאָנע| - אַדוו פּר. (לל)

בלי-נדר.

... " װעסט מיט מיר עסן שטענדיק צוזאַמען? - זיכער,

בלי נדר, - ענטפערט ער. - און |...| װעסט אויף 3635

מיר קיין מאָל ניט שרייען? - קיין מאָל |...|

בלי מסקנא!". פּרץ, אין א קעלער שטוב,

ציט אויסג.... ז' 179 |?119|.

בלי-מעות |...מאָעס| - אַדוו. פּר. אָן געלט.

% ער איז אַרויס פון געשעפט בלי מעות, אָן אַ קאָפּיקע.

בלימפ - דער, =ן. - (אַמ) דיריזשאַבל |אַוו.ן|, (?נ?)

לופטבאַלאָן?

בלין - דער, =עס. 1. דזוו בלינצע.

1920 " עס האָט געשמעקט מיט בלינעס און מיט קרויט".

מק, פּאָעמען, ווילנע, ז' 78. 4879

1963 " דער טיש װערט באַוואַקסן מיט בלינעס אויף

טעלער". סוצקעווער, I, ת"א, ז' 455. 4878

2. מין לאַטקע פון הרעטשענע מעל.

1885 " איז ער א גבאי ...

ש. שוואַרץ, גאָלדענער גלות, ת"א, ז' 60. 4872

ב ל י מ ע ן |האַרטער ל| - אומוו. (רעג, אוקר) ?נ?

„פינטלען מיט די אויגן" |קטוו|. Ук: блимати

% "ער האט געקוקט אויף דעם רעדנערס לעדערנעם 4873

רעקל און געבלימט |געבלימעט?!| מיט די אויגן"

|קטוו|.

ב ל י - מ ס ק נ א |...מאַסקאַנע| - אדוו פר. (לל)

בלי-נדר.

... "וועסט מיט מיר עסן שטענדיק צוזאמען? - זיכער,

בלי נדר, - ענטפערט ער. - און |...| וועסט אויף 3635

מיר קיין מאל ניט שרייען? - קיין מאל |...|

בלי מסקנא!". פרץ, אין א קעללער שטוב,

ציט אויסג.... ז' 179 |119?|.

ב ל י - מ ע ו ת |...מאָעס| - אדוו. פר. אָן געלט.

% ער איז ארויס פון געשעפט בלי מעות, אן א קאפיקע.

ב ל י מ פ - דער, =ן. - (אמ) דיריזשאבל |אורון|, ?נ?

לופטבאלאן?

ב ל י ן - דער, =עס. 1. דזוו בלינצע.

1920 "עס האט געשמעקט מיט בלינעס און מיט קרויט".

מק, פאעמען, ווילנע, ז' 78. 4879

... "דער טיש וועט באוואקסן מיט בלינעס אויף

טעלער". סוצ, פוו, I, ת"א, ז' 455. 4878

2. מין לאטקע פון הרעטשענע מעל.

1885 "איז ער א גבאי, פארזאמלען זיך ביי אים

זיינע חברה-לייט |...|, מע טראקטירט זיי געוויינלעך 5181

מיט לאטקעס(בלינעס) און מיט משקה". יפאל,

נ' 46, ז' 703.

1930 " גרעטשענע לאטקעס אדער 'בלינעס'. מיט א טאג פריער גרייט מען צו א טייג, אויסמישנדיק א האלב פונט גרעטשענע מעל מיט דריי אייער |...| הייוון |...|". ב. שאפראן, יידישע קוך, ווארשע, ז' 34. 5180

באקן בלינעס? - באק. ניט באקן? - באק ניט - שפאסיק וועגן א ניט געשטעלטן מענטשן, וואס וואקלט זיך שטענדיק צי טאן עפעס אדער ניט. 4877

בלינד - אדי/אדוו. 1. פיזיש אומפעיק צו זען אין גאנצן אדער טיילווייז מיט די אויגן; אומזעעוודיק. % בלינד אויף די אויגן. דער בלינדער בחור האט פארלוירן די ראיה בעת דער מלחמה. די בלינדע פרוי טאפט אן דעם וועג מיט איר שטעקן. דאס קינד איז ניט בלינד פון געבוירן, ס'קאן זיין אז ס'וועט נאך זעעוודיק ווערן נאך אן אפעראציע.

1866 " |...| בלינדע צוויי יינגלעך זיצן פאר דער גרויסער שול, זינגען ניגונים וואס צערייסן די אויערן". קמ, נ' 7, ז' 105. 4953

189... " און אמאר מיט בלינדע אויגן, בארוועס, נאקעט לויפט ער, פליט". פרץ, לידער און פאעמען, ציט אויסג אלע ווערק, ב' I, נ"י, 1947, ז' 21. 4964 באר-1101

1934 " ס'איז וואר, דער בלינד געבוירענער זעט פרייד אין טויזנט ווינקלען |...|". מלה, לידער II, נ"י, ז' 122. 4999

1956 " עס קומען ווינטן רויכיקע אים אן אנטקעגן //
און שיטן אים די בלינדע אויגן אן מיט אש". 5017
פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 321.

2. (פיג) וואס זעט ניט/באמערקט ניט עפעס באוויסטזיניק
אדער אומבאוויסטזינק, וואס פארשטייט עס ניט, טראכט
זיך ניט ארייז אין דעם. אפטמאל: זיין בלינד
צו (אין, אויף) עפעס. % זי איז א בלינד פאר-
ליבטע פרוי, זעט זי ניט אז דער מאן איז איר
ניט געטריי. עלטערן זיינען בלינדע אויף אייגענע
קינדער, זעען זיי ניט זייערע חסרונות. פון גרויס
צער איז ער בלינד און טויב צו אלץ און אלעמען.

1851 " לפני עור לפני תתן מכשול: מיינט מען אז איינר
פרעגט איין עצה ווייל ער איז בלינד אין דער זאך 4987
טאר מען אים קיין שלעכטי עצה ניט געבין". |מחבר?|,
מעשה|...| פון א ממזר וויא ער האט מקדש השם גוועזן,
ווארשע, תרי"א, ז' 3.

1867/68 " |...| די בלינדע עלטערן דערלאזן זיי ניט
| די חתן-כלה| זיי זאלן עפעס זען אדער הארכן. 4986
|...| מיט גוואלד מאכן זיי צו די אויגן און
ווילן גאר ניט קוקן צי די כלה געפעלט דעם חתן,
און אויב דער חתן געפעלט דער כלה". ווארשויער
יודישע צייטונג, שנה שניה, נ' 1, ז' 2.

1910 "צו טרערן בלינד, צו רזיפצן טויב |...|".
ש. פרוג, אלע שריפטן I, נ"י, ז' 183. 4931

1960 " מיר |...| האבן א בלינדע יוגנט, ווייל די
הימלען אונדזערע זיינען נישט אויפגעלויכטן געווארן 4938
דורך א פרץ ,...|". יג, אין תוך געגומען,
ב"ס ז' 32.

3. וואס איז געטאן אומגעזען, אומבאטראכט, אויף טראף.

1864 " ער האט זיך קיין מאל ניט אריינגעלאזט אין

בלינדע ספעקולאציעס |...| ניט ריזיקירט". קמ, 5089

נ׳ 37, ז׳ 599.

1888 " |...| און די ליבע איז דאך א בלינדע זאך,

מען זעט שוין קיין פעלער ניט ארויס". ש. בעקערמאן, 4968

די קארטן ווארפערקע – דער בעזדיעטניק, אדעס,

ז׳ 58.

... "מען האט געצאלט פרייזן ביז אין הימל אריין

און סחורה גענומען בלינד". מ. אלטמאן, שמעטערלינגען, 4956

בוקארעשט, ז׳ 9 – 10.

1900 " שפילן בלינד אויף דער בערזשע איז קיין קלייניקייט!".

מ. אחון, די צוויי שוויגער, ווילנע, ז׳ 142.

4. וואס איז/איז געטאן אומווילק, אומראציאנעל,

אויטאמאַטיש. בלינדע אמונה. % בלינדער צוטרוי.

פון דעם סאלדאט פאדערט מען בלינדע געהארכזאמקייט.

א בלינדע שרעק האט אים ארומגעכאפט. ער האט בלינד

נאכגעמאכט וואס יענער האט געטאן.

1902 " די ארבעטער האבן פארגעסן די מיאוסע ראלע,

וועלכע די בורזשואזיע האט געשפילט אין דער 5077

באוועגונג פון 1819 און זיינען צו איר צוגעשטאנען,

שפילנדיק אויף אזא אופן די ראלע פון א בלינדן

ווערקצייג אין אירע הענט". זש׳ דער אידישער

ארבייטער, נ׳ 13, לאנדאן, ז׳ 75.

1934 " קיין שום תירוץ האט ניט געקאנט פארענטפערן די

פראגע, נאר דער בלינדער, איבערגעגעבענער, אָנתגאַידיקער 4926

גלויבן און בטחון, אז אלץ וואס גאט טוט, טוט

ער פאר דאס בעסטע פון די מענטשן". אש, דער

תהילים-איד, ווארשע.

1968 " טענהט אלץ דער אקס, נאכפאלגנדיק בלינד

// און אומבאהאלפן ווי א קינד |...|". י. מאניק, — 4917 בו 1917
איך מיין גלעזערנעם טורעם, ת"א, ז' 128.

5. אומקאנטראלירט, ניט געוועגדט אין מענטשן, סטיכיש, אומגעריכט, צופעליק. % בלינדער כוח. בלינדע רציחה. דאס בלינדע מזל האט אים צוגעשפילט. מע דארף ניט גלייבן אין בלינדן גורל.

1867 " די ליטווישע יידן נאך עד היום |...| לאזן איבער זייערע קינדער אין דעם עניין פרנסה נאך דעם בלינדן צופאל". אמד, דיא אלטע שולד, ווילנע, ז' 3. — 5144

1909 " אייער גאנצע איצונדיקע |איצטיקע| לאגע איז דאך א בלינדע שפיל". ווייס, קנאה און תאווה, שריפטן |באנד?|, ווארשע, ז' 53. — 4998

1933 " דער בלינדער אימפעט פון די יעניקע, וועלכע פלעגן וואנדערן |...| פון לאנד צו לאנד מיט זייער קרייטעכצער-טארבע |...| האט געבראכט מער שאדן ווי נוצן". ד"ר וו. פערלמאן, די היילקראפט פון מעדיקאמענטן, ווילנע, ז' 8. — 4925

1958 " דעם מענטשנס אנמאכטיקייט קעגן דעם ווילן און קאפריז פון די געטער און קעגן דעם גזירה פון דעם בלינדן פאטום איז דער תוך פון בן-אדמס טראגעדיע". ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 73. — 4955

|| בלינדהייט - ←--- בלינדקייט.

בלינדלעך - אדי/אדוו. 1. א ביסל, ניט אין גאנצן בלינד, וואס זעט שוואך.

1876 " ער איז שוין כמעט איינגעבויגן אין דרייען און בלינדלעך [illegible] אויף די אויגן". — 5059
יל, משלחת, זיטאמיר, ז' 29.

1935 " |...| איינגעבויגן איבער זיין שטענדער,
5059/א געבלינצלט מיט די קליינע בלינדלעכע אויגן".
באַש, דער שטן אין גאָריי, וואַרשע, קאָנק: 109/49-II.

1973 " |...| פאַרזשמורעט שטאַרקער די בלינדלעכע
5057 אויגן". ל. אַליצקי, וואָלינער יידן, ת"א,
ז' 355.

2. (פיג), טונקל, אומקלאָר, אומדייטלעך.

1963 " די העלע אויגן האָבן געשמייכלט און געזשמורעט
5060 הינטער די ווייסלעכע ברעמען מיט דעם בלינדלעכן
שמייכל פון אַן אַלבינאָ". באַש, גימפּל תּם,
נ"י, ז' 315.

1973 " דער פאַרנאַכט קוקט שוין בלינדלעך אַריין דורכן
5056 פענצטער". ל. אַליצקי, וואָלינער יידן, ת"א,
ז' 382.

בלינדעוואַטע - אַדי/אַדוו. דזוו דפוו, ב 1.

1938 " דער בלינדעוואַטע שוטס האָט עס ניט דערזען
5096 |...|". זש, נח פּאַנדרע, וואַרשע, ז' 25.

1970 " |...| אַן עובר-בטל און בלינדעוואַטע". ציט,
5095 אַלע לידער און פּאָעמעס II, נ"י, ז' 340.

ב ל י נ ד ע ר ה י י ט - אַדוו. 1. ניט זעענדיק,
זייענדיק בלינד פיזיש.

1895 " ער האָט בלינדערהייט |...| געטראָפן גלייך צום
5152 פלעשל |...| האָט אָנגעגאָסן אַ היפּשע כּוסה און האָט
זי אויסגעזעצט ווי אין אַ ים אַריין". י"ל,
דאָס פּוילישע יונגל, אַדעס, ז' 94.

1935 " מיט דארע קנאכיקע פינגער אויפגעקנעפלט
ביי איר דאס קאפטל, בלינדערהייט געעפנט העקעלעך, 5152/א
אויפגעקניפט בענדלעך". באש, דער שטן אין גאריי,
ווארשע, קאנק: 92/422 - !!!.

1966 " ווען ס׳וואלט א שטיין דערביי געשטארצט פון
דרויסן - // כ׳וואלט בלינדערהייט אויף דעם זיך 5155
אנגעשטויסן". האל, מיין ארוצ, מאסקווע,
ז׳ 130.

2. (פיג) ניט באמערקנדיק, ניט פארשטייענדיק גוט.

1892 " תנחום איז נעבעך בלינדערהייט געקראכן
אונטערן חלף, |זי| האט אים אזוי פארפענטעט, אז 5153
ער האט ניט געהאט קיין באגריף וויפל ער איז שולדיק
און וויפל מען איז אים שולדיק". י. מ. ליפשיץ,
א וואלוועלער ביסין, ווילנע.

189... " איר גייט בלינדערהייט ארום, // זעט די[illegible],
וועלט ניט ריכטיק |...|". יוסף יפה, ציט מינפי 5154
!!!, 1956, ג"י, ז׳ 279.

3. (פיג) אומגעזען, אומבאטראכט, אומבארעכנט, אויף
טראף.

1918 " די מענטשן שאפן שוין היינט סחורות |...| נישט
פאר באשטימטע קונדן, נאר בלינדערהייט, אן אן 5148
אויסרעכענונג - פארן מארק |...|". ב. מיכאלעוויטש,
אונזער פראגראם, ווארשע, ז׳ 30.

1931 " קויפן מילכקי און דער זייט איז ניט גוט, |...|
ווייל קויפן קומט אפט מאל אויס בלינדערהייט, 5151
און די קו |...| קאן |...| ניט בארעכטיקן די דער-
ווארטונגען". מ. שאינ, קאלעקטיווע קעלבער-
שטאלן, מינסק, ז׳ 5.

4. אומווילק, אומראציאנעל, אויטאמאטיש.

" |...| ער האט, אז זיי אליין זאלן מקיים 1951

זיין בלינדערהייט דעם באפעל פון גאט |...|". 5156

אש, משה, נ"י.

בלינדשאפט - די/דאס, בא. (שנש) דזוו ~~...~~ בלינדקייט

ב 2.

1935 " די בלינדשאפט פון מויטע שויבן, דער סטעכלער

טעם פון שטרוי, אויף וועלכן ס'ליגט א קראנקער יארן 5168

לאנג". נאד, טעג פון מיינע טעג, נ"י, ז' 75.

1956 " ס'וואקסט זיין יונגע בלינדשאפט ווי א בלום".

יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז'.... 5169

פפ: בלינד ווי די וואנט - אויף איינעם וואס

זעט גארניט אדער זייער שלעכט.

בלינד ווי די נאכט - דזוו דפוו.

בלינד ווי א מאמע אויף איר קינד - אויף עמעצן וואס

זעט ניט/וויל ניט זען חסרונות.

351 בל-

זייט נומער 351

ניט פאַרהאַן.

אויבנגעפירט צום זייט 369

<u>בלינד ווי די ליבע</u> - אויף עמעצן וואס טוט זאכן געפירט נאר דורך זיין געפיל.

<u>ווי א בלינדע הון</u> (<u>וואר</u>: <u>בלינד פערד</u>) - (<u>שפל</u>) אויף עמעצן וואס זעט שלעכט.

<u>שטאק בלינד</u> - אין גאנצן בלינד, זעט ניט גארניט.

1965 " בעת ער |א. מ. לונץ| איז ארויס פון שפיטאל, האט מען אים שוין געמוזט פירן, ער איז געווען <u>שטאק בלינד</u>". <u>זב ליטע II</u>, ת"א, ז' 754. 5032

<u>בלינדע גאס/בלינד געסל</u> - 1. א גאס/געסל וואס איז פארמאכט פון איין זייט, פירט ניט אין א צווייטער גאס.

1935 " |דאס טויערל| א פינצטערס, ווי א הייל, מיט א שמאל טירל ארויסצוגיין אין א <u>בלינד געסל</u>". 4988/א
<u>באש</u>, <u>דער שטן</u> |...|, [illegible] קאנק: 53/205 -<u>II</u>.

1961 " פאר צעטומלעניש איז ער געלאפן אין א פארקערטער ריכטונג און, מעשה שטן, ארײַן אין א <u>בלינד געסל</u>". 4988
<u>א. ווייץ</u>, <u>פאר</u>, XII/31.

~~רעדט אפטער געבן פאר די אלע ווערטער א באזונדערן באטייט פארמאכט.~~

2.(<u>פיג</u>) עפעס וואס האט קיין אויסגאנג/אויסוועג ניט.

1973 " די ווערסיפיצירטע קאקאפאניעס |...|, אין דער פארגילדעטער פארפאקונג פון מאדערניזם, ווייזן אן אויף א'<u>בלינד געסל</u>' פון אנטי-און <u>א</u>פאעטישע זאגענישן". <u>י. גאלדקארן</u>, <u>זש' צוק</u>, יאנואר, ז' 24. 5024

בלינדע וואנט - א וואנט אָן פענצטער [illegible] און טירן.

1935 " |...| שטובן נידעריקע, מיט פארמאכטע לאדנס,

4946 בלינדע ווענט און קרומע באלקנס". באש, דער

שטן |...|", [illegible] קאנק: 167/119 - IV.

1940 " זיי |די הייזער| האבן |...| געקוועטשט מיט

4946/א זייערע בלינדע ווענט |...|". בערג, באם

דניעפער II, מאסקווע, ז' 15.

בלינד לייסטל - דאס, =עך. (שניידעריי) |טייל פון

דער פאדערשטער פאָלע ביי| א בגד, ווו דער פארנט ווערט

פארשפיליעט אזוי, אז די קנעפ זעט מען ניט"|קטוו|.

בלינדע מערידן - מצ. (מעד) פארמאכטע מערידן

(העמאָראָידן).

1905 " |...| ווי איז צו דעם מענטש, וואסליידט

4958 |פון |בלינדע אדער צוגעמאכטע העמאראידן |טעקסט:

העמאָרידן|". ד"ר ס. פאלק, דער מענער רעטער,

נ"י, ז' 91.

בלינד פענצטער - א פענצטער וואס איז פארקלאפט,

ניט דורכצוקוקן, אדער א נישע אין דער וואנט אין

פארעם פון א פענצטער.

1932 " |...| איז וואסיל נאך אומגעקראכן אין הויף

5069 פארביי די בלינדע פענצטער". י. יאפע, אין קאמף,

מאסקווע, ז' 14.

בלינדע לאך/לעכל - (שניידעריי) [illegible]

1954 " א וואַרשעווער ייִנגל האָט געאַרבעט ביים סאָרטירן
דאָס אַנטועכץ, האָט ער אַ בלעכל בענזין באַהאַלטן 6107
צווישן די בגדים". מ. האַכמאַן, יזב כעלם,
יאָהאַנעסבורג, ז' 595.

4. אַ טירל פון בלעך, מיט וועלכן מע פלעגט פאַרמאַכן
דעם אויוון נאָכן אויסהייצן (געניצט אויך פּקפּ:
בלעכל). "דאָס בלעכל פלעגט מען האַלטן אַרויס-
געשיבט, בעת ס'האָט זיך געברענט אין אויוון;
ווען ס'איז שוין מער נישט געווען קיין פלאַם,
נאָר בלויז ברענענדיקע קוילן האָט מען צוריק
אַריינגעשיבט דאָס בלעכל, כדי, ס'זאָל נישט אַרויס-
ציען די היץ" |קטוור|.

1892 " איך אַ צייט וואָס דאָס וועטער איז ניט שיין
זאָל הייצן די אויוונס און ניט פאַרמאַכן די לופט 6084
(די בלעך, די זאַסאָווקע)". מ. וועבער, געגען
דער חלי-רע, וואַרשע, ז' 30.

5. (עלט) מין באַפּוץ (פון זילבער?) וואָס פרויען פלעגן
טראָגן אויפן שטערן.

1818 " זי טאָר ניט אוס גיין מיט דעם בלעה ווס זי
בונט אן אוף דעם שטערין |...| און ניט מיט אַ קליין 6080
הייביל ווס זי לייגט אונטר דעם בלעה דער שטערין
זאָל זיך ניט אָפּ רייבין". [איבזעווער?|, תקוני
שבת, אוסטרהא.

6. (עלט) מין באַפּוץ (פון זילבער?) אויף ש ספר-תורה.

1819 " האב איך גימוסט נעהמין דיא יד אונ' דיא
בלעך פון דער ספר תורה אונ' האב זייא פר זעצט ב 6078
בייאם לישניצי פאַר פיר רענדליך". יוסף פערל,
מגלה טמירין, ציט אויסג יידישע כתבים,
ווילנע, 1937, ז' 15.

7. (שש, לאקל?) "ברוסטקאסטן, אייבערשטער טייל פון מענטשלעכן קערפער צווישן האלדז און אונטערשטן ברוסטביין" |קטוו|. % "סע טוט מיר וויי די <u>בלעך</u> פון הארץ" |קטוו|.

8. (שש, ביי אזארד-שפילערס) געלט, מזומן.

1967 " ווען מ׳זאל שפילן מיט מאירקען א פארמאכטע
פארטיע |אין ביליארד| און אים נישט אונטערשטעלן 6069
קיין פאזיציעס, קען מען אים לאזן אָן <u>בלעך</u>".
<u>א. קארפינאוויטש, ביים ווילנער דורכהויף</u>,
נ"א.

0 <u>בלעך-אינסטרומענט</u> - מעטאלענע בלאָז-אינסטרומענטן פון אן ארקעסטער, ווי די טרומייטן, פּוזאַנען.

<u>בלעכמוזיק</u> - מוזיק פון בלעך-אינסטרומענטן.

1950 " געהערט א שארף שמעטערן פון <u>בלעכמוזיק</u>".
<u>ייט</u>, <u>פוילן</u> IV, נ"י, ז' 300. 6127

ם ---1.

|XV| " אויף דעם רינגן ווארן געשלאגן <u>בלעכן</u>.//
דש דיא שארפפן פפייל ניט הר דורך קונטן שטעכן". 6075
<u>שב</u>, סטראָפע 330.

1610 " אם טאג דעם זעלביגן עס ווערט אל דש <u>בלעך</u>
אונ׳ אל דאש מעש דש דא אישט אן דען זעטלן |...|". 6081
<u>טח</u>, <u>זכריה</u> יד - כ, הפטורה, דף קצט - 2.

1716 " אונ' איינר העט דיר גיזאגט דז ווען דוא
6062 זעלשט מאכן איין בלעך |...| פון הארט אונ' קלאר
אייזן |...|". חה !, אמשטרדם, דף קמא - 2.

-----> 5.

1711 " אך ניט מיט דש בלעך וואש זיא אן קניפן
6072 אויף דעם שטערן פון איין אור צום אנדרן".
תיקוני שבת, אמשטרדם, ציט ימ, ייפא 1939,
ז' 3.

1762 " איין פרויא מאג אויש גיין |...| מיט דעם
6085 בלעך וואש זיא אויף דען שטערן טראגט". איבז
שלמה זלמן לונדן, תקוני שבת, זולצבאך,
תקכ"ב, דף לא - 2.

(?נ?) ב ל ע כ אַ ז ש |ווייכער ל| - דער, =עס, פֿפֿ בלאַכאַזשעס.
דזוו בלעכער.
p: blacharz

1867 " אין ווארשע [טעקסט: ווארשא] גיבט עס [זיינען
6166 דא] יידישע קינדער וואס זענען בעלי-מלאכות, דהיינו,
שוסטערס, שניידערס, |...| גאלדשמידן |...|,
בלעכאזשעס |טעקסט: בלעכרזיעס|, מאסענזשניקעס
|...|". ווארשויער יודישע צייטונג, שנה ראשונה,
נ' 3, ז' 31.

1937 " דער אלטער בלאכאזש ווארפט ארויס בלעכענע
6095 ווערטער וועגן בלעך און אטעמט מיט זאלצוויער".
א. קאגאנאווסקי, פיגורן, ציט אנט ז' 539.

1939 " איז געקומען פון דאך אראפ דער בלעכאזש
6094 צו לויפן". א. נ. שטענצל, דאס קיילעכדיקע יאר,
לאנדאן, ז' 18.

באמ: אפשר איז דאס סתם א גרייז: ס'דארף זיין אדער בלעכער,
אדער ווי אין פויליש בליאכאזש.

ב ל ע כ אַ נ ק ע - די, =ס. (עלט) בלעכענע קליינע
כלי אויף וואסער, פלעגט זיין צוגעפעסטיקט צו די
שטענדערס אין א בית-מדרש.

1869 " איך האב מיך גענערט דארט פון די ברעקלעך חלה
6092 וואס איך פלעג אויפקלייבן צווישן די קינדערשע בענק
און טרינקען וואסער וואס זיינען אין די בלעכאַנקעס,
וואס זיינען אנגעשלאגן דארט אויף די שטעט |זיצערטער|
אום צו וואשן אלע ווײלע די הענט". אמד,
הונדערט פראגען אונד אנטווארטען, ווילנע, ז' 25.

ב ל ע כ אַ ר ב י ע - די, =ס. (זן) "בלעכעריי,
6097 ווארשטאט פון א בלעכער" |קטור|.

ב ל ע כ ו ו אַ ר ג - דאס, בא. זאמלנאמען פאר
פארשיידענע מינים בלעך אדער זאכן פון בלעך.
% ער האנדלט מיט בלעכווארג: בלעך אין ראָלן,
בלעכענע קאַנען, בעקנס אד"גל.

1884 " וואס איז אייגנטלעך פעדלען? איינער גייט און
6099 קויפט בלעכווארג. |...| מוז ער אננעמען אזוי פיל,
אז ער שפאנט זיך איין פונקט ווי א פערד, א קלומזק
אויף די פלייצעס". ייפאל, ג' 47, ז' 738.

ם בלעך ווערק . מהד:

|1508? | " מעשה מורד - בלעך ווערק". רייכלין 8,
6100 מלאכים א', ז - כט.

ב ל ע כ ז י פ - די, =ן |מארק ווב 979| 1.
|ריבאייזן?|

2. "א רעשעטקע"|קטור|.

ב ל ע כ י ק - אדי/אדוו. ווי בלעך (הארט, שטייף).

1947 " בלעכיק ווי די פּאַרמעטן פון אונדזערע ספרי-תורות". זש. קיסר און רבי II, נ"י, ז' 211. 6103

1973 " דער סקווער איז פול מיט אומעט, בלעטער בלעכיקע, פארגעלטע, // זיי קייקלען זיך אין ווינט". י. רובינשטיין, פאר, II/25. 5956/1758

ב ל ע כ ל - דאס, =עך. 1. פקפּ פון בלעך,
בב 2,3,4.
2. (בזלזול) שלעכטן, אַ פּשוטן, מיאוסן.
1948 " עפּעס א קליינוווקסיקער דייטש |...| אין א |...| צעקנייטשט רעקל, אויף וועלכן ס'האבן זיך אנגעזען סימנים פון אפגעשרויפטע היטלערישע בלעכלעך". ה. פאליאנקער, שמייע גאזלען, מאסקווע, ז' 280. 6119

3. "א בלעכן מעסטל צו מעסטן בראנפן געניצט אין קרעטשמעס" |קטוו|. % "גיב דעם ערל א בלעכל אקאוויט". |קטוו|.

4. (אָפּט בלעכעלע) " א האלב רונדיק בלעכן שעכטעלע, אויבן אָפן, וואס איז געווען צוגעקלעפּט צום עמוד, אין דעם בלעכעלע האט זיך געפונען וואסער. ווען דער בעל-תפילה האט געדאוונט מיט אזא התלהבות, אז ס'איז אים אזש נישט גוט געווארן, האט ער איינגעטונקען די שפּיץ פינגער, אז ער זאל זיך אויפמינטערן" |קטוו|.

5. שילדל פון בלעך אדער אנדער מעטאל. % אויף די טירן זיינען דא בלעכלעך מיט די נעמען פון די איינוווינער פון הויז.

1896 " דער יונגערמאן האט זיך אוועקגעשטעלט, האט
אינסטינקטמעסיק איבערגעלעזן דאס בלעכל, וואס אויפן 6112
וואנט איז אנגעשלאגן". ע. בלאשטיין.
דער כהן, ווילנע.

1953 " |...| ווערטער וואס טראגן אויף זיך דאס
בלעכל מיט אן אויפשריפט 'כשר' פון דעם משגיח 6115
איבער טהרת הלשון". ים, יישפ XIII - 4.

ם |בלעכעלע| בלעכלי. ~~שטיקלעך בלעך~~ . שטיקלעך בלעך,
אייזן אויף א פאנצער.

|XVI| " הדבקים – דבלעכלי, ל' קליפי של ברזל נוקבין
על נקבי השריון". רייכלין 8, מלכים א', 6140
כב – לד.

ב ל ע כ ל ע ן – טרוו. איינלייגן, איינפאקן אין
בלעכענע כלים, אין קאנסערוון-פושקעס. % דאס
קאנסערווירטע פלייש דארף מען בלעכלען הערמעטיש,
ס'זאל ניט קאליע ווערן.

ב ל ע כ מ אָ ל ן – טרוו. (עלט) באצירן מעטאלענע
כלים מיט מאָלעריי, צייכענונגען.

| אנהייב |XIX| " זי |די ליולקע| איז געווען אויס
ארץ-ישראל-ערד מיט סמבטיון-וואסער געמישט? שלמה 6125
המלך האט זי נאך געשניצט און געבלעכמאלט".
די גענארטע וועלט, ציט סאוו אויפג 1940, ז' 69.

ם בלעך מאלן

1716 " אונ׳ ערנהאט איש גיגראבן פיגל אונ׳ טייטיל בוים אונ׳ אופיני בלומן אונ׳ ער האט בידעקט מיט גאלד גלייך אודר גיבלעך מאלט". סהמ, מלכים א׳, ו - לה, ווילהרמרשדארף, דף פ"ח - II. 6124

ב ל ע כ ן|=ענע, =ענער| - אדי, פפ זן בלעכערן.

1. פון בלעך, געמאכט פון בלעך. א בלעכן [redacted] קווערטל מיט וואסער. א בלעכענע פושקע מיט קאנסערוון-פלייש. דארט שטייט א בלעכענער קעסל מיט וואפנע.

... " די רביצן שטעלט אים יעדן טאג א בלעכערנעם סאמאווארל אויף |...|". פרץ, אלע ווערק XI, ציט אויסג נ"י, 1947, ז׳ 16. 6168

" געוויס! אבי מע זאל זי |די שטוב| גאר איבער-שיטן מיט ציגל, ארייננכמאליען פיר נייע ווענט און ארויפצימבלען א בלעכענעם דאך |...|". שע, מאטל |...| I, ציט אויסג נ"י, 1937, ז׳ 158. 6138 1937 4 4

1926 " זי האט צוגערוקט צום אנגעהייצטן אויוון א בושעל מיט פאסאליעס און זיי אנגעהויבן אויסצוציילן אין בלעכענע עמערס". אפא IX, ווילנע, ז׳63. 6149 בו-4589

1947 " קלאפן די בלעכענע קאנען אין דער וויטקייט פון דער גאס מיט הילך |...|". סעג, מיינע זיבן יאר |...|, ב"א, ז׳ 62. 6087

2. (פיג) ווי (פון) בלעך (האט, אן גלאנץ, קלאפנדיק אע.)

1940 " די קלענסטע כראניק- נאטיץ וועגן א צעשלאגענעם

6143 יידן ווירקט מער ווי די דאזיקע בלעכענע מליצה".

י. ראפאפארט, זב די שטימע פון טאל, נ"י,

ז' 271.

1954 " א פנים גרוי, א דארט, |...| מיט א שפיציק

6150 נעזל, שפיציקע ווי בלעכענע אויגן". זש' פאריזער

צייטשריפט נ' 7, ז' 102.

ב ל ע כ ע ד י ק - אדי/אדוו. ווי בלעך; בלעכיק.

1948 " אויף די טירן האבן בלעכעדיק געשיינט די

6139 ווייסע מזוזות". ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 29.

ב ל ע כ ע ו נ י ק - דער, =עס. (עלט?) בלעכער.

1850 " מיין מאן איז איין בלעחווניק ער דארף

6012 באשטענדיג קולן |קומען?| צו דר ארבייט". ספורי

נפלאות, לבוב.

באמ: ס'קאן זיין אז דער 'פינטלער' האט געגרייזט,

געדארפט זיין 'בלעחוניק', וואס לייגט זיך

גיכער אויפן שכל, הגם ניט אין פויליש, ניט

אין אוקראיניש ניטא אזאווארט.

ב ל ע כ ע ר - דער, =ס, פּפּ (פד) בליאכאזש/בלעכאזש.

זן בלעכערניק. בעל-מלאכה וואס ארבעט אויס זאכן

פון בלעך, אויך דער וואס דעקט דעכער מיט בלעך.

% דער בלעכער מאכט קאַנען, בעקנס, באַנקעס פון

בלעך. דער בלעכער האט פאררעכט די ריננווע.

1908 " קירזשנער, בלעכער |...| און פיל אנדערע
6160 ארבעטן מיט די הענט, אבער ניט מיט די פיס".
ד"ר מ. גאטליעב, פאפולערע אלגעמיינע היגעניע,
ווארשע, ז׳ 42.

" דער בלעכער איז ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם
6154 בו-1128 |...|". י. בריקס, די וואס זיינען נישט געבליבן,
א שאנק אין געטא,.... ז׳ 109.

... " משה-הערש דער בלעכערניק, וואס מאכט א נייע
6170 רינוועצ צום דאך |...|". מ. גראס-צימערמאן,
זש׳ דאס ווארט,..... ז׳ 112.

1972 " אדרבא, געפינט מיר דא אין לאנד א יונגן
6153 שניידער, א שוסטער, א קאוואל, א בלעכער |...|".
י. בראט, צ׳ לעצטע נייעס, 28/IV.

|| בלעכעריי - 1. דאס, בא. די באשעפטיקונג,
די ארבעט פון א בלעכער. % בלעכעריי איז א
גאנץ שווערע ארבעט, מע דארף שלעפן די ראלן בלעך,
דאס שניידן בלעך איז אויך ניט גרינג.

1971 " פון בלעכעריי האט אים קוים געסטייעט אויף
6164 פרנסה פאר זיין פאמיליע". ה. אקערמאן,
טמז, 11/IV.

2. דער ווארשטאט פון א בלעכער. % אין דער גאנצער
שטאט איז דא נאר איין בלעכעריי, שווער זיך צו
דערשלאגן מע זאל פארריכטן א דאך.

1970 " נאך דעם זענען דארט איינגעארדנט געווארן
6162 ווארשטאטן פון שניידעריי, שוסטעריי און בלעכעריי
פארן מיליטער". רעד" ר. מאהלער, פון סאנץ,
ת"א, ז׳ 796.

**בלעכעריש** - אדי. פון א בלעכער. % די בלעכערישע
שער. "בלעכערישע קלויז". |פארצייכניש פון 6167
בתי-מדרשים, קלויזן אין צעדערבוים׳ס "געהיימניס
פון בערדיטשעוו", ווארשע, 1870.

**בלעכערניצע** - די, =ס. זן די פרוי פון בלעכער.
1971 " וואס שפילט א ראלע איין פארדארבענע פרוי
צווישן אזוי פיל ערלעכע בלעכערניצעס?". נאד, 6169
הומאר, קריטיק, ליריק, ב"א, ז׳ 98.

בלעכערניק — ← בלעכער.

**בלעכערקע** - דזוו דפוו.
1968 " די בלעכערקע |...| איז געווען באקאנט מיט
אירע אריגינעלע קללות |...|". מ. רעכטמאן, 6177
יזב אטוואצק, ת"א, ז׳ 606.

**בלעכערש** - אדי. פון א בלעכער. וואס איז שייך צו
בלעכער. א בלעכערשער האמער.

די קאן פון בלעכער איז פול מיט לעכער - דער
בלעכער איז ארעם, אז ער קאן זיך ניט פארגינען
די זאכן וואס ער אליין ארבעט אויס (אנאלאגיש צו
"אלע שוסטערס גייען בארוועס").

א בלעכער און א קוימען-קערער נעמט מען ניט פאר קיין עדות
(פויל) - |סטוטש 318|. - בנב.

בלעכערן - אדי. [illegible] בלעכן.

**בלעכשמיד** ~ דער, =ן. דזוו (צען) בלעכער.
... " וועגן |...| בלעכשמידן און צינגיסערס אין
יאר 1842 אין אדעס |רעדט א. וואלף|". ע. לעף, 6176
ייבל XIII, 7 - 8.

ב ל ע כ ש ע ר - די, =ן. ספעציעלע שער צו שני
שניידן בלעך. |פּוּב, ז' 42|. 6179

ב ל ע ם |בילעם| - 1. נאמען פון א חומש-געשטאלט -
בלעם דער זון פון בעור, א כישוף-מאכער, וועמען
דער מלך פון מואב האט געשיקט צו שעלטן די יידן
|במדבר, כב|; אויך: בלעם הרשע |=האראשע|.

1883 " איבער זיי |איבער דעם ערב-רב|; איז געווען
צוויי עלטסטע, זיי האבן געהייסן יוּנים ויוּמברים, 6199
די קינדער פון בלעם הרשע". גופת צופים,
ווילנע, ז' 256 - II.

2. (פיג) א בייזוויליקער מענטש, א רשע, א שונא-
ישראל. % דער נייער נאטשאלניק איז דאך אן
אמתער בלעם, אן אנטיסעמיט, און זידלט זיך -
א שרעק!

3. (פיג) א יאבעדניק (יאבעדניצע), שעלטער (קע), א
מענטש מיט א גרויס מויל, וואס האט א טבע צו
שעלטן, שיטן מיט קללות.

... " הערט זשע אויס, מיין ליבער בלעם, איר זאלט
וויסן זיין, אז איך בין א געשלאגענער הונט |...|". 6183
שע, די פריילעכע קאמפאניע, ציט אויסג נ"י,
1941. ב' 6, ארעמע און פריילעכע, ז' 172.

1900 " ווער עס איז נייגעריק צו הערן 'בלעמס'
קללות |...| זאל ער זיך מטריח זיין אויפן פישמארק, 6204
וועט זיין טירחה ניט זיין אומזיסט". ש.ב.
דער פיש מארק, ווילנע, ז' 4.

" שרייט דער הונט: מה פשעי? |...| וואס וויל
מען פון מיר האבן? |...| איך בין נישט קיין בלעם,
נישט קיין בילמאן |...|". אשש, משלים I, קאנק: 6183/א
II - 202-205.

בלעמס קאנקורענט - דזוו בלעם ב 3 |קסוו|.

בלעמס מויל (האבן) - ווען א שעלטער, א יאבעדניק.

1894 " רעד מיט אים, האט ער טאקע א מויל פון בלעמען...
אָ! אזא קניידל איז שווער אראפצושלינגען!". 6182
ל. ר. זימלין, בין הזמנים. ווארשע, ז' 12.

בלעמס אייזל - 1. ווען א מענטש וואס איז
זייער איינגעשפארט, ווען א נאר און אן עקשן דערצו
(קומט פון דער חומש-מעשה: ווען בלעם איז געווען
אויפן וועג צו שעלטן די יידן, האט די אייזעליכע,
אויף וועלכער ער איז געריטן, בשום אופן ניט
געוואלט רירן זיך פון ארט: במדבר, כב - 27).
% ער האט זיך פארעקשנט ווי בלעמס אייזל.

2. זיין עמעצנס פירשפרעכער אין נעגאטיוון זינען.

3. (ביטול) ווען עמעצן וואס רעדט נארישקייטן
("ויפתח ה' את פי האתון" - האט גאט געעפנט דאס
מויל פון אייזל - במדבר כב - 28).

1873 " א סך רייד און דרשות וואס פערד האבן געהאלטן
פון בלעמס אייזל אן ביז אציגד". ממוס, קליאטשע.
ווילנע, קאנק: 43470.

1947 " |...| אבער עס איז שוין געווען צו שפעט.
'דו האסט מיך גערופן און איך בין דא' - האט 6201
געטענהט די חיה מיטן לשון פון <u>בלעמס אייזל</u>".
<u>רעד' ר. מאהלער</u>, <u>יזב טשענסטאכאווער יידן</u>,
נ"י, ז' 171.

<u>בלעם איז (געווען) א הונט קעגן אים</u> - ווען זייער
א שלעכטן מענטשן, א רשע, אויך ווען איינעם וואס
שעלט, זידלט זיך מיאוס.

1866 " היינט איר שעלטן, איר שרייען - <u>בלעם איז</u>
<u>געווען א הונט אקעגן איר</u>!". <u>קמ</u>, נ' 19, ז'295.

<u>בלעם מעג זיך ביי אים (איר) לערנען</u> - <u>דזור דפור</u>.

<u>אברהם לויט דער בארד, בלעם לויטן ווארט</u> - וועגן
איינעם וואס זעט אויס זייער פרום, אבער האט א 6187
גרויס מויל, איז א רשע.

<u>פון וואנען איז געדרונגען, אז בלק האט נישט געהאט</u>
<u>קיין ווייב? - ווייל ער האט געדארפט אנקומען צו</u>
<u>בלעמס קללות</u> (<u>פאלקסוויץ</u>). |<u>יודישע פאלקס-וויצען</u>, 6203
<u>געזאמעלט דורך ל. קעסטין</u>, לאדז, 1918, ז'7|.

ם
--- 1.

1610 " אזוי אך <u>בלעם</u> ברכוֹ זיין ניט פיל טראגן זיא
ישראל פר זיך אויף דר וועלט אבר דיא ברכות פון 6196
אונזרן עלטרן דיא זיין פיל |...|". <u>טח - מדרש</u>.
דברים ז - א.

1743 " אונ' זאלשט ווישן דז דר <u>בלעם הרשע</u> אי ער
הט איין פגירה אייך גנומן |...|". <u>קה</u>, פיורדא, 6188
דף לג - 1.

ב ל ע מ ע ן |בילעמען| - אוטוו. (שלש) רעדן שלעכטס, זידלען (זיך). % דער פארשוין האט א פיסק אויף שרויפן, ער האלט אין איין בלעמען פון אינדערפרי ביז ביינאכט.

ב ל ע מ ע ר - ---> באלעמער.

ב ל ע ן |באַל(אַ)ן| - דער, =ים |באלאַנים|. (לל?) ?נ?
א פרעסער, א זולל-וסובא.

1883 " און דער וואס עסט פאר דעם מלך הקדוש |ווען ער איז מאכיל עניים ביי זיין טיש| באדארף ניט זיין קיין בלען, דאס הייסט. איין פרעסער". 6209
נופת צופים, ווילנע, דף קט - I.

1925 " ווי אויך איין זעלכעס |אזא| עסן וואס ער זייער ליב האט זאל ער עס ניט איילנד|יק|, אלס איין בלען |טעקסט: בלענא| געניסן". ה ליכטענשטיין, 6210
עת לעשות II, סאטמאר, ז׳ נח - II.

ב ל ע נ אָ ר ע - די, בא. (מעד) קראנקהייט - אָנצינדונג פון דעם שליימהייטל פון אויג, ארויס- גערופן דורך גאָנאָקאָקן.

1924 " בלענאָרעאַ - אן אויגן-אנצינדונג ביי ניי געבאָרענע |...|". זש׳ פגעז, נ׳ 1, ווילנע. 6212

ב ל ע נ ג ש ע ן - אדוו. (לאקל, קאוועל, וואלין) פאמעלעך.

1958 " פון א קאוולער דאמע האב איך געהערט דאס
6213 ווארט ׳בלענגשען׳ |טעקסט: ב׳לענגשען|. איך האב
זי געפרעגט, וואס עס מיינט, און איר ענטפער איז
געקומען גלייך, אן איבערקלער: ׳פאמעלעך.׳ .
|...| גאנץ מעגלעך, אז דאס איז געקומען פון א
זייער שטארקער פארייִדישונג פון דעם ווארט ׳לאנגזאם׳".
לע, טמז, IV /5.

.................................................................

באמ: דער אויסטייטש - אויף דער אחריות פון מקור.
לעיעלעס גיט נאך שפעטער אין דער אייגענער נאטיץ א
חקירה, אז דער ׳ב׳ איז די העברעישע פרעפאזיציע,
(אנאלאגיש צו בגוואלד, בגראנדע) + לאנגזאם.

.................................................................

ב ל ע נ ד I - דער, =ן. 1. שטארקע שיין,
שארפע ליכטיקייט.

1929 " און ווידער מיט נאקעט אויף גליענדן בלענד,
6228 // און ווידער אויף זוניקן, גאלדענעם ברעג". האל, וויי און מוט, מאסקווע, ז׳ 18.

1940 " איך תענוג פון פיין // פארבראכענע הענט //
6222 זינקען איין, זינקען איין // איך לבנהנעם בלענד". הל, אלע ווערק I, לידער, נ"י, ז׳ 233.

1963 " א בליץ און א בלענד. און עס הייבן זיך
6219 בליקן |...|". סוצ, פּור I, ת"א, ז׳ 62.

2. (פיג) פראכט, גלאנץ.

1928 " אויף אייך די שולד! איך בלענד פון אלטע צייטן,
6226 // וואס לאקט און נעפלט אייער הארץ און בליק, // האט איר פארזען דאס לאנד פון נייע שטרייטן". ל. פיינבערג, גרויס-שטאט, נ"י, ז׳ 74.

... " געפאנגען פון מולכ׳ס התלהבות און בלענד
|...|". ע. קארמאן. 6216

" אַך גאוהדיקן בלענד פון אויפגערוישטן זייד 1951
|...|". י. יאנאסאוויטש, א שטוב אין שטעטל, 6217

3. פארבלענדונג, מיראזש, פארפירעריש ליכט.

" ס׳איז וואָר! פאר וואס זשע לאזט אראפ // נישט 1921
איינער - אין זיין בלענד אראפ, // אין פאלשן 6121
בלענד, אין בלינדן בלענד |...|". בראד,
דער רויטער רייטער, ז׳ 22.

0 בלענדליכט - די/דאס, =ער. פארפירעריש ליכט,
מיראזש.

1923 " איך ווייס נישט ווי לאנג איז מיין אוממאכט
געווען - // א רגע, די טויזנטער יובלען // איך 6215
האב אין א בלענדליכט זיך פלוצלינג דערזען |...|".
אל, לידער און פאעמען II, (ניו־יארק, 1933),
ז׳ 37.

בלענד-לאמטערן(ע) - דער/די. פּפּ בלענד-לאנטערנע.
מין לאמטערן מיט אן איינריכטונג אפצושפיגלען,
אפווארפן א שטארקע שיין.

1889 " ביי דעם איינגאנג פון דעם וואדא פראוואד
|וואסער-לייטונג| האבן זיי גענומען אפשייד |...| 6280
האבן צוגענומען ביי אים די בלענד-לאנטערנע
און זיינען ארייין |...|". אמד, עוועגעניע III,
ווילנע, ז׳ 56.

בלענדפייער - דאס, =ן. דזוו בלענדליכט.

1926 " ער לאזט זיך פארפירן פון בלענדפייער - פון
פאלקסווילן". ימ, צ׳ נייס, 6364

בלענדמאכער - דער, =ס. קונצן-מאכער, פּאָקוסניק.

1910 " מיר ווערן דא געפירט פון א באנדע בלענדמאכער,

א מין אינדישע פאקירן". מר, שריפטן VI, 6284

נ"י, ז' 289.

ב ל ע נ ד II - דער/די, בא. פפּ בלענדע.

(כעמיע) מינעראל, פארבינדונג פון צינק מיט אייזן

און שוועבל, זעט אויס ווי גלאנציקע שופן,

איינגעלייגט שיכטנווייז; בלענדצינק.

ב ל ע נ ד III - אדי/אדוו. 1. שטארק העל,

לייכטנדיק.

" ווערט די שטאט נאך ווייסער, בלענדער |...|". 1952 IX

אפא, ווייסע-שטאט, נ"י. 4 6231

2. בלענדנדיק, פארבלענדנדיק, ווי בליינד מאכנדיק.

1948 " און ס'האבן ביי דער וועלט די אויגן זיך

פארמאכט, זי זאל ניט בליינד ווערן און בלענד פון 6220

די קדושים". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז' 98.

בלענד ווייס - העל ווייס, שיינענדיק ווייס.

1924 " ער האט א מאל |...| אויפגעכאדעוועט א בלענד

ווייסע מילך-קאזע |...|. רעד' ע. ווארשאווסקי, 6246

זש' כאליאסטרע II, פאריז, ז' 30.

<u>בלענד ליכטיק</u> - <u>אדי/אדוו</u>. זייער שטארק, שארף ליכטיק, מיט א פארבלענדדיקער שיין.

1972 " איז פלוצעם <u>בלענד ליכטיק</u> געווארן אין דער שול".
<u>מ. צאנין</u>, <u>ליבשאפט אין געוויסער</u>, ת"א, ז' 184.

בלענדהאָרן - דער, <u>בא</u>. |<u>סטוטש</u> 204|.
באזונדער מין בלענד(ע) <u>II</u>, גרויסבלעטערדיק.

1926 " אין דייטש איז עס 'הארנבלענדע', נאר <u>בלענדהארן</u> איז בעסער". <u>טערמינעס אין כעמיע, ווילקאמירער יידישע רעאל-גימנאזיע</u>. 6243

בלענדוואַרג - דאס, באַ, פּפּ (עלט?)

בלענדווערק. עפּעס וואס פאַרבלענדט, פאַרפירט,

אויגן-פאַרבלענדעניש, מיראַזש, אחיזת עינים.

1876 " איך האָב איינגעזען, דאס זי איז ניט קיין

בלענדווערק, דען זי איז ווירקלעך אַזוי שיין 6253

געבליבן |...|". אמד, די [illegible] ליבע ראסטעט ניכט,

ווילנע.

1673 " מיין רבי, ר׳ שמואל קריסטיאַנעפּאַלער, וואס

האט מיך געלערנט פסוק האט געטייטשט: מעשה = 6245

תעתועים— בלענדוואַרג |...|". ד. סדן,

זש׳ גק, נ׳ 78, ז׳ 205.

1970 " קראַמען פון בלענדוואַרג |...|". צייט,

אַלע לידער און פּאָעמען II, נ"י, ז׳ 203. 6244

בלענדווערק - ← בלענדוואַרג.

בלענדונג - די, =ען. 1. אַקט אָדער רעזולטאַט

פון בלענדן, ב 1.

2. (עלט) אַן אויסגעדאַכטע, פאַרפירערישע זעונג, אחיזת

עינים, מיראַזש; (אויגן=) פאַרבלענדעניש.

1936 " און דער שטערן=זעער און דער צויבערער קען

דיך ניט צווינגען מיט קיינעם נאָמען אָדער מיט 6250

קיינער בלענדונג פון דער צויבעריי קענען זיי דיך

ניט איבערזיגן". מחזור ע"ט בית ישראל |...|,

יום כיפור |שיר היחוד ה׳|, ווילנע |איבערדרוק|,

ז׳ 100.

1964 " איך ווייס |...| אַז ס׳איז אַן אויגן-בלענדונג".

רוב, חורבן פּוילן, נ"י, ז׳ 220. 6248

3. קינדערשפּיל, דזוו בלינדע קו, בלינדזעקייט.

1881 " מיר האָבן זיך נעכטן אויף דער נאַכט געשפּילט

אין בלענדונג |...|". הגדה פון יעקינא |??|, 6251

וואַרשע,

באַמ: ס׳איז מאָדנע דער מקור!

6255 ?נ? ב ל ע נ ד ז ע ן - טרוו. "פארפירן" |קטוו|.

באמ: כ'בין מסופק אין דעם טייטש.

ב ל ע נ ד ז ע נ י ש - דאס, =ן. 1. האלב-טונקל-
קייט |סטוטש| 290|.

באמ: (כ'בין מסופק אין אויסטייטש, מיט"כל-הכבוד"
פאר סטוטשקאוון....קיין אנדערע מקורים ניטא)

2. פּפֿ <u>בלענדזשעניש</u>. קינדערשפּיל, <u>דזוו</u> בלינדזעקייט, בלינדע קו.

1973 " קאן דאס ווייב שפּילן מיט אים אין <u>בלענדזשעניש</u>: כאפּ מיך!". <u>ל. אליצקי</u>, <u>וואלינער יידן</u>, ת"א, ז' 13. 6256

**ב ל ע נ ד י ק** – <u>אדי/אדוו</u>. 1. וואס בלענדט/ פארבלענדט די אויגן, שטארק, שארף ליכטיק; בלענדנדיק. % א <u>בלענדיקע</u> שיין האט אים געצווונגען צו פארמאכן די אויגן.

1935 " דערנאך האט גענומען דונערן און בליצן.|...| א <u>בלענדיקער</u> קנויל פייער איז אריין אין בית-מדרש |...|". <u>באש</u>, <u>דער שטן אין גאריי</u>, ווארשע, קאנק: 152/473 – V. 6268

1953 " האט אריינגעשיינט א מעכטיקע קוועקזילבערנע לבנה. אלץ איז געווען איינגעטונקען אין איר <u>בלענדיקער</u> מאגישער שיין". <u>ברוס</u>, <u>ביי די טייכן פון פאלעסיע</u>, נ"י, ז' 271. 6270

1956 " פון רייכסטאג אנגעצונדענעם דאס <u>בלענדיק</u> פייערווערק באלויכטן האט דעם וועג אים |...|". <u>פמ</u>, <u>מלחמה I</u>, נ"י, ז' 207. 6272

2. העל, שיינענדיק ווייס, גלאנצנדיק,

" דער לייכטער איז <u>בלענדיק</u> |<u>אדוו</u>| ווייס". (1966) <u>י. שפיגל</u>, <u>שטיגן</u> [...] ת"א, ז' 95. 6260

1964 " ס'ווילט זיך אים טאן איצט א וואנדער צום <u>בלענדיקן</u> ווייסן אנטארקטיק |...|". <u>י. מאניק</u>, <u>אין טריט פון דיין וואנדער</u>, ת"א, ז' 60. 3879

1972 " דעם קליינעמס הויט איז געווען בלענדיק
6267 |...|". ה. ראזענפארב, דער בוים פון לעבן III,
ת"א, ז' 555.

3. (פיג) פראכטיק, גלענצנדיק, ~~אדבט~~ איבערראשנדיק שיין.

1938 " |...| א פארביטערטער שונא וואס וויל אים
6334 אומבאדינגט אראפרייסן פון דער בלענדיקער הייך,
וווהין ס'האט אים פארטראגן זיין באפליגלטער טרוים".
כ. גילדינג, מארטענ נומער זעקס, זש' שטערן,
נ' 5 - 6, |כארקאוו? מינסק?|, ז' 41.

1940 " און הויך און בלענדיק איז געווען דער שווונג
6266 // פון הערצער אנגעפולוורטער מיט צארן".
אקש. מיזרעכ און מייראוו, מאסקווע, ז' 157.

1956 " דאס איז געווען דער בלענדיקער אפאטעאז פון
6269 דייטשלאנדס דראנג אויף סטאלינגראדער סטעפעס".
פמ. מלחמה II, נ"י, ז' 461.

||(ק)ייט - די, בא. אייגנקייט/מצב פון זיין
בלענדיק.

1945 " דער מוח, צעפלאטערט, האט די בלענדיקייט נישט
6273 פארטראגן". מבא, דער גייער, נ'.

1948 " |...| ניידוסן האט עס טאקע נישט אויסגעמיטן
6274 |...|; געווען בארוישט פון דער בלענדיקייט
און חידושימדיקייט". א. י. זאקוסקי, זש' גאפ,
נ' 5 - 6, ב"א, ז' 50.

1948 " אויף וויפל וייט קאנען די אויגן דעם דער-
6277 גרייכן? // ווי לאנג זיך טראגן קאן אין בלענדיקייט
דער קאפ?". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז' 617.

ב ל ע נ ד י ק ן – טרוו. (שנש) בלענדן, פארבלענדן.

1962 " דער אפגרונט קאכט. און פון זיין אויפגעקאכטן

// שוים וואס בלענדיקט, טומאנען פלאטערן ארויס". 6278

חג, דער מענטש פון פייער, נ"י, ז' 67.

ב ל ע נ ד ל – דאס, =עך. (שנש?) (פיג) דאס בעסטע,

דאס שענסטע; דאס שיינדל.

1972 " ער, דער יינגסטער אויפבלי, זייער בלענדל,

דער אנזאג |...|". ב. האגער, זש' צוקונפט, 6279

דעצעמבער.

באמ: ניט זיכער אין מיין אויסטייטש.

ב ל ע נ ד ן – טרוו, פאר געבלענדט, זן(דטשמ)

געבלענדעט. 1. מיט 13 שטארקער שײַן מאכן

אוממיגלעך צייטווייליק דאס קוקן מיט די אויגן,

צונעמען די פעיקייט צו זען.

1908 " ווען די זון שיינט אומגעווייגלעך העל, אזוי

אז זי בלענדט ממש די אויגן, דאמאלסט איז גיצלעך 6319

אפצושוואכן די צו העלע ליכטיקייט דורך מאטאווע ש

שויבן אדער פארהענגלעך". ד"ר מ. גאטליעב,

פאפולערע אלגעמיינע היגעניע, ווארשע, ז' 19.

1926 " |...| די הונדערטער אייזליכטלעך, וואס האבן

אראפגעהאנגען פון די הויכע ווייסע סאסנעס, 6315

האבן געבלענדט די אויגן". אפּא IV, ווילנע, ז'18.

1955 " בלענדנדיק בלינדיק // בליץ טוט זיך אפ

|...|". הל, א בלאט |...|, ב"א, ז' 204. 6327

2. (עלט?) בלינד מאכן.

... " דער שטיין איז אויף אים געפאלן און האט
אים געבלענדעט דאס אויג |...|". איבן זאלקינד [?] 6304
בבא קמא, כו - ב.

3. אוטוו/טרוו שטארק ליכטן, פינקלען, פארשיינען
מיט ליכט אדער קאלירן.

1911 " אלערליי כלים פון קרישטאל, עס שימערט, עס
בלענדט, פארנעמט די אויגן". ממוס, די
קליאטשע, ווארשע, קאנק: 1289750.

1943 " דער אויסדעקאלטירטער האלדז צוזאמען מיט די
אויפגעפלאמטע באקן האבן א בלענד געטאן אין 6294
פענצטער". ב. דעמבלין, צוויי און א דריטער,
נ"י, ז' 97.

1953 " און ס'האט א בלענד געטאן מיט לויטערער
בלאענקייש פון ים |...|". יפּ, פאסטעכער אין 6299
ישראל, ת"א, ז' 122.

4. קאליע מאכן די ראיה אנשטרענגענדיק צו פיל די
אויגן אדער ארבעטנדיק ביי א שוואכער שיין. % דער
ישיבה-בחור בלענדט נעבעך ✗ זיינע אויגן לערנענדיק
ביי דער שיין פון א קליין ליכטל.

1883 " זי פלעגט זיך בלענדן אירע אויגן ביז האלבע
נאכט אין נייען". א. סאפיר, דער קליינער 6285
קאטערזניק, ווילנע, ז' 44.

1890 " צו וואס, מיין טאכטער, בלענדסטו דיינע אויגן
און שרייבסט אזוי שפעט ביי נאכט?". יד. 6287
אבן נגף, ווילנע.

5. (פיג) מאכן עמעצן אומפעיק צו זען עפעס, ווי ס'איז
אין דער אמתן, צו קאנען אביעקטיוו אפשאצן, טראכטן.

1860 " ווען דער מענש וויל וויסן זיינע אייגענע
6293 ווערט, זאל ער הערין וואס זיינע שונאים זאגין.
דען זייא א משפט אמת מעהר אלס זיינע גיטע פריינד,
דען די ליבע בלענדעט". איבן י. מ. ר–ס,
כסף ברוך |...|, ווארשע.

1895 " איך ליב אברהמען ניט/קיין (מיט) נארישער
6340 הייסער ליבע, וואס זי בלענדט דאס אויג און פאר-
טונקלט דעם שכל |...|". איבן יונה טרובניק,
ד"ר פהיליפזאהן, רבי יהודה הלוי, II טייל,
ווילנע, ז' 36.

ם בליִנדן. מהד: Blenden
.2 ←-----

|?1508| " תנקר – בליִנדשמו· " . רייכלין 8,
6302 במדבר טז – יד.

ב ל ע נ ד נ ד י ק – גאדי/גאדוו, פפּ (דטשמ)

בלענדנד. 1. וואס לויכט מיט א שטארקער, שארפער
שיין; וואס בלענדט די אויגן.

1909 " דאס הארץ האט זיך געריסן אויף טויזנט שטיק,
6344 און פאר די אויגן, אנטקעגן דער בלענדנדיקער שיין
פון לאמפ, זענען געפלויגן בלאע רעדער". ווייס,
דער ארימער יונג, שריפטן I, ווארשע, ז' 86.

1943 " פון דער גאנצער בלענדנדיקער ווייסקייט זיינער
6326 שיינט ארויס א |...| פריילעך פנים". ייז, די
משפחה קארנאווסקי, נ"י, ז' 16.

בל - 456.

1974 " די שיף איז געפאנגען געווארן אין בלענדנדיקן
6330 ליכט פון רעפלעקטארן [...]". י. עלבערג,
אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 385.

2. (פיג) פראכטפול, איבערראשנדיק שיין, איינדרוקספול.

1966 " איז דער סוף ניט בלענדנדיק [...],//
6322 האסט קיין סוף ניט - ענדיק ניט". האל, מיין
אויצער, מאסקווע, ז' 83.

1971 " דער טעאטער שפילט א בלענדנדע און רוישיקע
6336 / בו - 3330 בופאנאדע, א פאלקס-קארנאוואל". י. שטיין,
יידישער טעאטער אין אייראפע, נ"י, ז' 159.

בלענדע I - די, בא. מינעראל ---- בלענד II.

בלענדע II - די, =עס. (אנאט) " די איריס
פונעם אויג, וואס רעגולירט די מאסטראלן וועלכע
6338 גייען דורך דעם אויג" | ד"ר. י. גלען, צו געזונט
און צו לעבן |.

בלענדעניש I - דאס/די, =ן. 1. שטארקע
שיין, ליכטיקייט, העלע ווייסקייט, גלאנץ.

1927 " ער האט נאר געזען פאר זיך ביז גלאנץ אויס-
6355 געוואשענע שטערנס און ביז בלענדעניש געגאלטע
קינבערד". איבז דער נסתר, א. אראסיעוו,
ערשט ניט לאנג, קיעוו.

1966 " דעם סוד אנטפלעקן אונדז זאל הײנט אלײן //
דאס בלענדעניש פון אירע יוגנטצײַן |...|". 6350
האל, מײַן אוצר [אוצער], מאסקווע, ז׳ 208.

2. אויסגעדאכטע פארפירערישע זעונג, מיראזש.

1927 " די וואלקנס דארט ־ א שײַן פון בלענדעניש,
א שײנער טרוים". מלה, אין ניו־יארק, 6349
ווארשע, ז׳ 72.

1948 " |...| האט וועלטן אויסגענארט בײַ אונדז //
אין בלינדקײט אויסגעבענקטע, // פאר שטערן - 6351
פאלשע בלענדעניש |...|". הר, אין שאטן פון
בוים, ליד ׳א טאל פון בלינד׳, ל"א, ז׳... מײַן
1963 " ניט קײן בלענדעניש איז דער געבאט פון דעם
אראקל". לע, זש׳ גק, נ׳ 45, ז׳ 76. 6359

3. קינדערשפיל, דזוו בלינדזעקײט, בלינדע קו.

1881 " איך האב זיך פײַנט צו מאכן נאריש, |...| צו
שפילן אין בלענדעניש ". 6358
[illegible] ז׳ 53
1472 [illegible]
[illegible] בלענדעניש".
[illegible] ז׳ 115

בלענדעניש II - דאס, =ן. אנדער (פטמ?)
נאמען פאר דעם געוויקס ׳פוטערבלום׳.

1960 " אגב אורחא, פוטערבלום איז גאר אין דער אמתן
אן אנדער פלאנץ, וואס דאס פאלק פלעגט רופן 6348
׳בלענדעניש׳ איבער דעם מאדנע קאליר. אויף רוסיש
האט עס געהײסן ׳קאלוזשניצא׳, אויף ענגליש הײסט
עס מארש־מעריגאלד, ס׳הײסט, גאלדבלום פון זומפ".
ד"ר וואלאך, צ׳ טאג, VII /24.

רעד: דײַטשער ווערטערבוך גיט אן:

Die Butterblume - eine Benennung mehreren gelben blumen [d. i.: 1) Des Löwenzahnes oder de Dotterblume (Leontodon taraxacum); 2) Einer art des Hahnenfuses (Ranunculus folis) [illegible]

3) Einer Pflanze, welche auch Dotterblume genant wird (Caltha L.).

פון דער רוסיש-אוקראַיִנישער ווערטערבוך קאַלינאָוויטש

גיט אָן: Калужница = курячая слепота, калюжниця.

דער אוקראַיִניש-רוסישער (גרינטשענקאָ) האָט ניט калюжниця,

אָבער ביי курячая слепота

שיקט ער אָן צו курячи очки

און גיט נאָך צוויי ווסנ: a) Ranunculus polyanthemus b) -"- acris

צו וועלכן מין אונדזער "בלענדעניש" געהערט איז מיר, פאַרשטייט זיך, ניט קלאָר...

ב ל ע נ ד ע ר I - (עלט) דער, =ס. בעל-מלאכה וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרבן, שטרייכן פעלצן.

1930 " זיין זיידע איז שוין געווען אַ באַקאַנטער בלענדער און זיין פאָטער |...| האָט געהאַט אין וואַרשע אַ נאָמען פון אַ גוטן פאַכמאַן אַלס בלענדער". רעד' ל. קאַהאַן, זש' וואַרשע, נ' 3 (?2), ז' 31. 6361

|| בלענדעריי - דאָס, בא. די אַרבעט, באַשעפטיקונג פון אַ בלענדער.

1930 " שטאַמט פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט זיך שטענדיק פאַרנומען מיט בלענדעריי, ד2ה, שטרייכן, פאַרבן פעלצן". דצוו, ז' 31. 6363

ב ל ע נ ד ע ר II - דער, =ס. (אַמ) מכשיר/אַפּאַראַט צו צעמאָלן אָדער ווייך מאַכן/צערייבן גרינסן.

(?)

1969 " צעמאלט עס |די קארטאפל| איין א בלענדער
6362 ?נ? אדער אין א מילכל פאר מאלן גרינסן |...|".
ש. בערקאוויטש, פאר, II/2.

בלענדצינק - דער, בא. (כעמיע) מינעראל,
וואס באשטייט פון צינק און שוועבל, האט פארשיידענע
6367/6368 קאלירן: ברוין, געל, גרין א"א, האט געוויינטלעך
א פעטן גלאנץ; געניצט ווי א צינקערץ צו פראדוצירן
צינק |טערמינעס אין כעמיע, ווילקאמירער רעאל-
גימנאזיע, 1926 ; טערמינאלאגיע כעמיע. ווילנע
1921|.

בלענדשטיין - דער, =ער. "שטיין וואס דינט
ארומצילייגן די ווענט - Облицовочный камень
|פינק, 1923, ז' 43|.

בלענצלען - אוטוו. דזוו בלינצלען ב 1. (?נ?)
1935 " האט די מוטער קליגענדיק |?| א בלענצל
6371 געטאן מיט די אויגן". ליפמאן-לעווין, זארג-באנק,
מאסקווע.

בלענקיטנע - אדי. וואס איז פון הימל-בלוי-קאליר. ?נ?
דאס מיידעלע טראגט בלענקיטנע סטענגעס אין די
צעפלעך. P: błękitny

ב ל ע נ ק ע ט I - דער, בא. פּפּ בלאנקעט.

הימל-בלוי. P: blĕŋkɪt

1921 " כ'האב ליב איבער מיר זאל זיך ציען דער הימל,

// דער אפענער הימל און בלענקעט און בלוי". 6373

סעג, אין קאזמיעזש, ווארשע, ז' 7.

(?נ?) ב ל ע נ ק ע ט II ־ָ דער, =ן. (אמ, נא) קאלדרע

|סטוטש 138|.

ב ל ע ס י ר ן - טרוו, פּאר בלעסירט. (עלט, אויך

אין יידיש אין פראנקרייך פון נאך דער I וועלט-מלחמה)

פארוואונדן, מאכן א וואונד, וויי טאן. % "די קריגס

בלעסירטע; מע קען פאלן און זיך בלעסירן די האנט"

|קטוו, ד. ראבינאוויטש|.

1870 " דערנאך האט ער געמוזט אריין אין מיליטער

|...| 2 יאר געדינט, ווארעם ער איז בלעסירט געווארן 6377

און געדארפט באפרייט ווערן". קמ, נ' 18, ז' 138-I.

ב ל ע פ ן - ---> פלעפן.

ב ל ע צ ט - ב ר י ר ה |ברײרע| - אדוו פר. (פטמ?)

בלית-ברירה |קטוו|. |ב+ לעצט+ברירה|.

ס ב ל ע צ ן - לאטען, ארויפלייגן לאטעס. מהד: bletzen.

|XVI| "ומטולאות - און' גבלעצט". רייכלין 8,

יהושע, ט - ה. 6384

(?נ?) ב ל ע ק א ו ט – דער, בא. (אמ, נא)

6387 פארפינצטערונג |אוװר|.

(?נ?) ב ל ע ק ד ז ש ע ק – דער, =ן. (אמ) פאליציי-שטעקן,

גומענער שטעקן.

ב ל ע ק י ט נ ע – אדי. דזוו בלענקיטנע.

(?נ?) ב ל ע ק מ יי ל – דער, |=ן?|. (אמ, נא) שאנטאזש,

אויספרעסעריי.

1961 " זיי װעלן דאך ניט גיין מעלדן דער פאליציי,

6396 אז זיי האבן געצאלט בלעקמייל- געלט |...|".

ליטענדערס, טמז, - VI/7.

(?נ?) ב ל ע ק מ יי ל ן – טרוו. (אמ, נא) שאנטאזשירן,

אויספרעסן.

1965 " אים |נאסערן| איז אויך געלונגען שוין א משך

6397 פון יארן צו בלעקמיילן אי אמעריקע און אי רוסלאנד".

מ. ריוולין, טמז, I/26.

(?נ?) || בלעקמיילער – דער, =ס. (=ין, =קע), =ס.

ב ל ע ק מ יי ל ע ר (אמ, נא) שאנטאזשיסט, אויספרעסער. ~~[illegible]~~

ב ל ע ק ן – ⟵ בלעקען.

ב ל ע ק ע כ צ ן - ---> בלעקעצן.

ב ל ע ק ע ן - אוטוו, פפ זן בלעקן, בלעקערן.

(אנאם) ארויסברענגען די קלאנגען'בלע-בלע',

ווי ציגן, שאף אע. % דאס שעפעלע אין שטאל בלעקעט,

ס'איז הונגעריק.

1836 " חנה האט גיבראכט צו הויז איין קליין ציגעלע

און ווי טאביא הט גיהערט דש ציג בלעקן דא זאגט 6399

ער צו חנה |...|". איבז |ווער?|, מעשה טאביא,

ווילנע, תקצ"ו.

... " פאר פרייד הייבט מען אן טאנצן, בלעקען און

מעקען, ווי קעלבלעך". שע, מעשיות פאר יידישע 6410

קינדער I, באשעפעניש, ציט אויסג....ז'182.

1948 " מיין שפראך איז אויך מרוקען און בלעקען".

י. האלביק, גל, נ"י, ז' 117. 6412

ב ל ע ק ע צ ן - אוטוו, פפ בלעקעכצן, בלעקערצן.

1. (שלש)א זינגען ווי א גלח אין קלויסטער;

פרעפלען.

1936 " אויסבויען זיך אן אייגענע שול, ווי די דייטשע

יידן אין אויסלאנד, ארייננשטעלן דארט אן ארגל ווי 6433

אין א טומאה און דער חזן וועט בלעקערצן, ווי א

גלח". ייז, די ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 15.

1945 " ער רייכערט דעם ווייערעך און בלעקערצט//

און ס'בלעקערצן נאך די גלחים". מבא, דער 6438

גייער, נ"י, ז' 442.

1972 " דער גלח האט געבלעקעצט. דער ארגל האט געשפילט".

באש, פאר, XII/29. 6425

2. (שלש) ארויסרעדן שלעכט די ווערטער, ארויסברענגען
מיט'ן הדורקע קולות.

1928 " די מויד איז נאך אלץ געשטאנען און געבלעקעצט". אפּא !!, ווילנע, ז' 17. 6418

1947 " אז דאס האט צו טאן מיט טריפענע קעץ און מיט שקצים, איז דען א ווונדער, וואס ער בלעקעצט פון שלאָף?". י. שפּיגל, מלכות געטא, ווארשע, ז' 44. 6426

3. דזוו בלעקן,

1863 " און דאס שטילקייט איז נאר געשטערט געווארן דורך דעם ברומען פון די בהמות און דאס בלעקערצן פון די שאף". קמ, נ' 13, ז' 207. 6430

1963 " צאפּעס בלעקערצן און מעקען". ממש, איך קום אהיים, מאנטרעאל, ז' 144.

בלעקעצן ווי ביי א פגר - (שלש) וועגן דעם זינגען ביי א ניט-יידישער לוויה. וואר: ווי אויף א באגרעבעניש; ... ווי אין תיפלה. 6428
שיינסט און בלעקערצט - (איר) "צו איינעם וואס קוקט אויס, אויסגעמאטערט" |קטוו|.

ב ל ע ק ע ר ן - ←--- בלעקען.

ב ל ע ק ע ר צ ן - ←--- בלעקעצן.

ב ל ע ר ע נ ע ן - אוטוו, פּאר געבלערט. (רעג, זאמעט, טארטו, עסטלאנד) " וויינען הויך אויפן קול"א | כ. לעמכען, קטוו|. 6446

ב ל ע ש ט ש ע ן - אוטוו. |דרייזין| דזוו בלישטשען.

ב ל ק |באַלעק| - 1. נאמען פון א חומש־געשטאלט - בלק בן־צפור |בען ציפאָר| - דער מלך פון מואב, וואס האט געדונגען בלעמען |<--| צו שעלטן די יידן (במדבר כב - ב ).

2. נאמען פון דער זיבעטער סדרה אין ספר במדבר פון חומש, ווו ס'דערציילט זיך די מעשה וועגן בלקן - די סדרה, איינע פון די שווערסטע אין חומש, און קינדער האבן אין חדר געליטן צרות פון איר, געקריגן שמיץ; זעט אויס דערפון איז אויפגעקומען ביי יידן די פראזע:

לערנען בלק מיט עמעצן - יענעם אנלערנען, אנטאן צרות, באשטראפן גוט, אפרעכענען זיך.

1864 " נעם איינעם א נעבערל און גיב די טאקסע אים איבער, הייבט ער דאס אייגענע אָן, לערנען בלק מיטן עולם - ציפען, רייסן און ארויסציען די קליי פון די ביינער". ממוס, דאס קליינע מענטשעלע, ציט אויסג... 6454

... " דעם גאנצן וועג האט ער אים געהאלטן אין איין שלאגן, געלערנט מיט אים בלק". שע, פונ'ם יאריד I, ציט אויסג.... ז' 125. 6461

1963 " |...| ווען נישט דאס א וואלט איך מיט דיר געלערנט בלק". ממש, איך קום אהיים, מאנטרעאל, ז' 113. 6450 בז- 18.

. באַ־לאַק בן צפור, אז ס'קומט א חסיד מיט לאקן, זאלסטו וויסן אז ער איז א פויגל. - א שפאסיקע מתנגדישע תורה אויף חסידים, געבויט אויף בכיוונדיקע פארגרייזונגען פון די טייטשן: בלק -באַ לאַק (חסידים

טראגן לאנגע געקרייזלטע פאות, ווי לאַקן)‎;
בן-א זון, בן - פארשטיי; ציפור-א פויגל (דא געמיינט:
א פארשטעלטער מענטש, א פאלשער, א צבועק).

ב ל ש ו ן |בעלאָשן| =... - ערשטער טייל פון א סך
אדוו פר. אין דער שפראך, אין דער פארעם, אויף
דעם אופן (ווי ס'איז אנגעגעבן אין דעם צווייטן
ווארט פון דער פראזע), אפט מאל געניצט שפאסיק
איראניש.

... " א גאנער |...| גאגאטשעט אפ א 'מה=טובו'
6477 בלשון ונוסח געגזנש". ממוס, שלמה ר' חיימס II,
ז' 8.

... " ביי איך הייסט דאס 'א געלטמאנגל |...|
6470 / ביי-3611 פונקט דאס זעלבע חולאת, וואס ביי מיר: 'בייטל-
פיבער רופט מען דאס בלשון הדאקטאריע". שע,
ארעמע און פריילעכע I, די פריילעכע קאמפאניע,
ציט אויסג 1944, נ"י, ז' 202.

ב ל ש ו ן א ש כ נ ז |בעלאָשן אַשקענאַז| - אדוו פר.
אין יידיש-טייטש, אויף יידיש.

... " בלשון אשכנז ווערט עס אנגערופן, אפנים,
6481 לעקישעוואטע". שע, שמואל שמעלקעס.

... " נאר בלשון אשכנז גערעדט, דאס הייסט אויף
6479 פראסט יידיש, איז דא א ווערטל |...|". שע,
טביה, קאפ' א בוידעם.

ב ל ש ו ן א ת ה |בעלאָשן אַטאַ| - (לל) אויף 'דו', אדוו פר.
געדוצט.

... " דער ייד האט געזאגט: זארג נישט (בלשון אתה), ריוועלע - א היימישע ייד". פרץ, זכרונות. 6482/א

בלשון-בזיון |בעלאָשן ביזאָיען| - אדוו פר.
ביטולדיק, אויף א באליידיקנדיקן אופן.

1907 " די ווייבער שטארבן יונגערהייט, ווייל זיי וואשן דעם שמוץ פון זייערע קינדער אום שבת, 6482
און אנדערע זאגן, ווייל זיי רופן דעם ארון־קודש קאסטן בלשון בזיון". מנורת המאור, ווילנע, ז' 34 - I.

בלשון גוזמא |בעלאשן גוזמע| - אדוו פר.
(לל) איבערגעטריבן, גוזמאדיק.

1888 " |...| ווי מען זאגט געמיינט, בלשון גוזמא". ייפאל, נ' 11-12, ז' 360. 6483

1951 "איך בין געווען דעמאלט, שרייבט ער |בעל מחשובות בלשון גוזמא |...| א מוראדיקער עם-הארץ". 6484
שנ, זב ליטע I, נ"י, ז' 1059.

בלשון גנאי |בעלאשן גנאי| - אדוו פר.(לל)
מיט א שלעכטער, נעגאטיווער אפשאצונג, מיט פירוואורף, באשולדיקונג.

ם 1716 " זאגט ישעיה בלשון גנאי אויף צור |...|".
טהמ III,ווילהרמרשדארף, ישעיה, כג - טז, ז'אא -I.

ב ל ש ו ן ד י י ט ש ע ר י ש |בעלאָשן...| - (איר) ?נ?
אויף דייטש.

1910 " ער ווייס דען וואס פאר איין ארטיקל ווארע
6487 ביי זיי ווערט געברויכט? - מאכט אזוי אט אדער
דייטשאַן בלשון דייטשעריש". |מחבר?|, דער לאדזער
סוחר, בערדיטשעוו, ז' 21.

ב ל ש ו ן ה ל צ ה | בעלאָשן האַלאָצע| - אדוו פר,
(לל) אין א שפאס.

1955 " בלשון הלצה זאגט מען אויף איינעם וואס איז
6490 געשטארבן: ער האט אויסגעצויגן די קאפיטעס".
י. עלזעט, יישפ, XV - 1, ז' 3.

ב ל ש ו ן ה ק ו ד ש |בעלאָשן האַקוידעש| - אדוו פר.
אין דער הייליקער שפראך - העברעיש.

1876 " ווייל עס גיבט |פאראן| פיל מענטשן פון דעם
6492 המון-עם, וואס פארשטייען נישט בלשון הקודש,
איבער דעם איז דאס איינע זייער גרויסע מצווה בזמן
הזה מעתיק צו זיין ספרים אויף יידיש-טייטש".
איבז, ר' יצחק האמבורגער, שיח יצחק, לעמבערג.

ב ל ש ו ן ח י ב ה |בעלאָשן כיבע| - אדוו פר. (לל)
ליבלעך, צערטלעך.

ב ל ש ו ן י ח י ד |בעלאָשן יאָכיד| - אדוו פר.
(גראמ) אין איינצאל (ווענן איינעם/איין זאך).

1919 " |...| בסכת תשבו אָן א וואוו. אזוי איז

6496 נמסר געווארן למשה רבינו מסיני, איז טייטש <u>בלשון</u>
<u>יחיד</u> איין סוכה". <u>טשי</u>, <u>II</u>, ז' 47.

1966 " אנכי ה' אלוקיך! - |...| יעדער איינער

6497 האט |...| געהערט, אז מען רעדט צו אים, כמעט ווי
גאר צו אים אליין. |...| פאר וואס טאקע <u>בלשון יחיד</u>?
ווייל ניט איטלעכנס השגה אין געטלעכקייט איז גלייך".
<u>הרב מ. שווארצמאן</u>, <u>טמז</u>, V/24.

ב ל ש ו ן  י ש מ ע א ל |בעלאָשן יִשמאָעל| - <u>אדוו פר</u>.
(<u>לל</u>) - אויף אראביש.

... " דאס ווארט 'עציל' <u>בלשון ישמעאל</u> (אויף אראביש)
6499 'אציל', אן ערדענע כלי". <u>פיעט משנה דמאי</u>,
פרק ה.

ב ל ש ו ן  ל א ו מ י ם |בעלאָשן לעומים| - <u>אדוו פר</u>.
(לל). - אין דער שפראך פון אנדערע פעלקער -
אויף א גויישער שפראך.

1872 " פיל פון די מנהיגים |...| זיך ערלויבן צו
6500 פארענדיקן די יידישע שפראך און איר דרשה זאגן
<u>בלשון לאומים</u>, אויף גויישער שפראך". <u>ה. ליכטענשטיין</u>,
<u>עת לעשות</u> <u>II</u>, איבערדרוק סאטמאר תרפ"ה, דף לח - <u>I</u>.

ב ל ש ו ן  ל ו ע ז |בעלאָשן לויעז| - <u>אדוו פר</u>. (<u>לל</u>)
אין א פרעמדער שפראך.

ב ל ש ו ן  נ ס ת ר |בעלאָשן ניסטער| - 1. אדוו פר. (לל) איך א פארשטעלטער שפראך, ניט דירעקט, מיש א פארבארגענעם טייטש.

... " אז מיר האבן זיך צערעדט, האבן מיר גענומען רעדן בלשון נסתר". שע, מעשיות און פאנטאזיעס, איינער פון טויזנט , ז׳ 238. 6502

... " איז ר׳ הערש געפאלן אויף אן עצה און האט מיט אים אנגעהויבן רעדן בלשון נסתר". שע, א וויגרישנע בילעט. 6502 /א

2. אין דער דריטער פערזאן, ניט דוצן זיך און ניט אירצן זיך - העפלעכקייט-פארמע פון ווענדן זיך צו עמעצן. % אין טייל משפחות רעדט מען צו די עלטערן בלשון נסתר: זאל דער טאטעשי זיך זעצן; אפשר וועט די מאמע טרינקען טיי?

|?| " |...| נאר ווען דו שעמסט דיך אים צו זאגן, שרייבסטו אים אין דער דריטן|דריטער|פערזאן בלשון נסתר |...|". פון א בריוונשטעלער, ציט י. ריבקינד, יישפ XXV - 1, ז׳ 21. |לויט ריוקינד איז דער בריוונשטעלער געדרוקט אין לעמבערג אין די 60-70 יארן פון XIX י"ה|. 6501

ב ל ש ו ן  נ ק י ה |בעלאשן נעקיע| - אדוו פר. (לל) - אין א ריינער שפראך + איידל, ניט מיט גראבע ווערטער, אייפעמיסטיש. (ביזם)

1964 " 'אפגיסן קארטאפלעס' האט אויך באטייט בלשון נקיה משתין זיין". י. לעווינסקי, יישפ XXIV - I, ז׳ 21.

בלשון סגי נהור |בעלאָשן סאַגינאָער| - אדוו פר.
אײפּעמיסטיש מיט א פּאַרקערטן מיין, ניצנדיק ווערטער
וואס באטייטן דעם היפך דערפון וואס מע זאגט
(אויף א בלינדן זאגט מען סגי-נהור, וואס מיינט
'א גוט-זעעוודיקער').

... " דארט איז פאראן א ייד א מלמד |...| חיים-חנא
דער קלוגער, בלשון סגי-נהור, דערפאר וואס ער 6504
איז א גרויסער שוטה". שע, דער פארכישופטער
שניידער, ציט אויסג.... ז' ....

1908 " ווער עס וועט חושד זיין די שטעטלשע יידן,
אז די הויכע בערג האבן ביי זיי געהייסן |אזוי| 6503
בלשון סגי-נהור, ווייל זיי זיינען גאר ניט
הויך געווען, וועט זיך טועה זיין". אר, אויף
די הויכע בערג, ציט אלע ווערק II, נ"י, 1930,
ז' 184.

בלשון קבלה |בעלאָשן קאַבאָלע| - אדוו פר.
אין דער שפראך פון דער קבלה, פון דער יידישער מיסטיק.

1883 " אלע אוצרות פון מלכא עילאה זיינען אונטער איין
שליסל, זיי ווערן געזען אין דעם אויסגעמאלטן פאלאץ 6509
(טעקסט: פּאַלעץ) (וועלכער בלשון קבלה הייסט דאס
עולם האצילות)". גופת צופים, ווילנע, ז' 194 -II.

בלשון רבים |בעלאָשן ראַבים| - אדוו פר.
(גראַמ) - אין מערצאל, ווען מער ווי איינעם/
איין זאך.

1919 " אזוי ווי מ'לייענט איז דער עיקר, און דער
בסכת איז אזוי גלייך ווי ס'וואלט געשטאנען געשריבן 6510
בסוכות בלשון רבים, צוויי סוכות". סשי II,
ז' 47.

1938 " |...| זאל אויך די רעדאקציע אויפהערן זיך
6511 אליין צו אירצן, |...| צו שרייבן וועגן זיך
בלשון רבים. דער רעדאקטאר זאל נישט שרייבן ´מיר´,
ווען ער מיינט ´איך´". גאד, טינט און פעדער,
נ"י, ז´ 203.

ב ל ש ו ן ר כ ה |בעלאָשן ראַכע| - אדוו פר. (??)
ווייך, מילד גערעדט.

1870 " דער שווייס רינט פון אים |פון מגיד|, ער
6512 איז שוין הייזעריק, ווערט ער פלוצעם גאר פריש און
העל, זיין מוסר איז בלשון רכה, און ברמז, דורך
א משל". קמ, נ´ 17, ז´ 130 - I.

ב ל ש ו ן ש פ ל ו ת |בעלאָשן שיפלעס| - אדוו פר.
(לל) [אין א שפראך פון נידעריקן גראד?|.

ם 1713 " אונ´ אלי לשונות זונדר לשון קודש היישט
6514 שטאמלדיג בלשון שפלות". מחזור, חלק שני,
שלש רגלים, אמשטרדם, ז´ קס - 2.

ב ל ש ו ן ת ח י נ ה |בעלאָשן טכינע| - אדוו פר.
1. אין נוסח פון א תחינה (פון די געבעט-תפילות
פאר ווייבער).

.... " איין שיינם ליד ניי גימאכט // בלשון תחינה
6478 איזט´ס ווארדן אויסגיטראכט". |נאמען פון מקור?|,
ציט שנ, די יידישע ליטעראטור און די לעזערין,
ז´ 60.
ווילנע, 1919,

2. ווי א געבעט.

2. ←

ם 1716 " דו (ק)לאגט ישעיה בלשון תחינה אונ' שפראך
דז איצונד אים גלות גידענקן זיין פאלק ישראל דיא 6515
טעג פון דר וועלט". סהמ III, ישעיה סג - יא,
ווילהרמרשדארף, דף מח - II.

באמ: געפינען מקור!

ב ל ש ן |באַלשן| דער, =ים |באַלשאַנים|. (מד) שפראכקענער,
שפראכפארשער; לינגוויסט.
1953 " מיר זענען ניט נאר אן (ע)ם הספר |...| נאר ?נ?
אויך אן עם בלשן, א לינגוויסטיש פעיק פאלק".
נ. זיסקינד, יישפ XIII - 4, ז' 100.

ב ל ת י |בילטי| - אדוו |?| 1. בלויז, חוץ,
ניט מער.
... " אז איך פארלאנג אבער פון אייך גארניט, בלתי
וואס איר זאלט זיך נאר מטריח זיין איבערלייענען אט 6521
דאס דאזיקע בריוועלע". שע, דראמאטישע שריפטן,
א דאקטאר, ז'.... 102.

2. ערשטער טייל פון גע(ז)יסע אדוו פר, מיטן באטייט
'אן': בלתי ספק א"א (---→).

ב ל ת י־מ א מ י ן |בילטי מאַמין/מאַמינים| - דער, =ים.
(לל) א מענטש וואס גלייבט ניט אין עפעס, וואס
האט ספיקות.

... " עס זענען געווען אין דער התחלה בלתי-מאמינים.
6522 האבן זיי טאקע געהאט א מיאוסן סוף". פרץ,
דער למד-וווניק.

בלתי-מיושב |בילטי-מעיושעוו| - דער, =ים
|...מעיושאווים|. (לל) ניט קיין געזעצטער (מענטש),
אן איבערגעפלויגענער, איינער וואס טוט ניט באטראכטערהיפט.
1957 " בעלי-התפעלות און בלתי-מיושבים האט ער ניט
6524 געקענט פארליידן". לדב, נ"י, ה׳ 392.

בלתי-ספק |בילטי-סאָפעק| - אדוו פר. אָן ספק,
אָן צווייפל, געוויס, זיכער.
1894 " וואלט דער קעניג אין פאלערמא געוועזן,
6526 וואלטן מיר בלתי-ספק, אזוי ער אזוי איך, גארנישט
געהאט וואס מורא צו האבן פאר די סיציליער לייט".
איבז ק. סוביל, דער דאקטאר מיט זיין טאכטער,
ווארשע.
.... " איינער פון די דאזיקע געבענטשטע לייט |...|
6528 איז געווען בלתי-ספק אונדזער |...| סענדער בלאנק".
שע, סענדער בלאנק....
1951 " די ליטווינער האבן בלתי-ספק געמאכט גרויס
6529 פארשריט אויפן געביט פון פרייע פראפעסיעס".
י. לעשטשינסקי, זב ליטע I, נ"י, ד׳ 922.

|| בלתי-ספקדיק - אדי/אדוו. דזוו דפוו.
% ער האט באוויזן זיין טעאריע מיט בלתי-ספקדיקע
פאקטן.

0 בלתי-שום-ספק - י׳/אדוו. דזוו דפוו, עמפאטישער.

1895 " און אין צימבל אריין איז געפאלן ׳שבת׳ פון

6532 אלע זייטן |...|. א פונט קופער, גאר בלתי-שום-ספק".

ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז׳ 103.

1937 " האט דער אדלער געטראכט, אז ער וועט בלתי-שום-

6533 ספק דעם הימל דערגרייכן |...|". א. שינדלער,

באה - 81 מעשהלעך פון ארבע פינות העולם, XII , ווילנע, ז׳ 26.